STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07066

ERTSEHLUNGEN

Knut Hamsun

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קנוט האמסון.

ערצעהלונגען.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

אַרויסגעגעבען פון ל. פרידמאַן,

לאנדאן, 1911.

ל. פרידמאַן'ס דרוקעריי, 1, וועלענס רויד, וויטשעפעל, איסט.

אינהאלט.

	זייטע.
פּאָטער און זוהן (אַ שפּיעל-געשיכטע)	5
דער רינג	35
אויף דער גאַס	39
אַ זשוליק ערשטע קלאַסע	49
די שטימע פון לעבען	69
מלכת שבא	77
דער זוהן פון דער זונן	105
שקלאַפּען פון ליעבע	115
פּרויען־זיעג	127
זאַקעאוס	139
אויף'ן ים ביי ניו־פאונדלאַנד	157
דער פּאָרטראַג	169
אַ גאַנץ געוועהנליכע פליעג פון מיטעלער גרויס	195
דער ערבערער	205
אַ גייסט	217
טויט־שרעק	229
פּאַריזער סקיצען	239

פֿאטער און זוהן

(אַ שפיעל־געשיכטע.)

I

לעצטען הערבסט האָב איך געמאַכט אַ רייזע קיין דרום, ווייט צום דרום אַראָב, און איין פֿריה־מאָרגען בין איך אָנגעקומען מיט׳ן שיף אין דעם דאָרף ד., אַ דערפֿעל, אַ מאָדנע דערפֿעל, פֿערוואָרפֿען און פֿערגעסען, אַ דערפֿעל מיט אַ טוץ הייזער, אַ קירכע, אַ פּאָסט־הויז און אַ פֿאָהנען־שטאַנג. דער אָרט איז בעקאַנט פֿאַר לעבע־מענשען, גליק־זוכער און שפּיעלער, פֿיינע לייט און וואַגאַבונדען, און עטליכע זומער־מאָנאַטען פֿון יאָהר הערשט אין דעם דאָזיגען פֿערוואָרפֿענעם ווינקעל לעבען און גרויסער מסחר.

איצט איז אין דאָרף געווען אַ מאַרק, און די בעפֿעלקערונג פֿון דער אַרומיגער געגענד איז זיך צונויפֿגעקומען אַהין; זיי האָבען געטראָגען זיידענע און פעלצענע קליידער מיט גאַרטלען און האַלז־בענדער און ציערונג, אַלעם לויט שטאַנד און פֿערמעגען. אַרום דער קירכע זיינען געשטאַנען שורות פֿון ביידלאַך, וואו ס׳איז געקויפֿט און פֿערקויפֿט גע־וואָרען; איינס פֿון די דאָזיגע ביידלאַך איז געווען בלוי, — ס׳איז געווען דאָסביידעל פֿון פּאַוואָ פֿון סינוואַראַ.

אָבער גאַנץ נאָהענט לעבען דער קירכע, אין מיטען צווישען דער פֿאָהנען־שטאַנג און דער פּאָסט, איז געשטאַנען דער האָטעל. דער אויבערשטער עטאַזש איז געווען בלוי, — דאָרט האָבען די שפּיעלער פֿער־שפּיעלט זייער געלד.

אין האָטעל האָט מען דערצעהלט, אַז היינט אָבענד וועט פּאַוואָ זיכער קומען. איך האָב געפֿרעגט, ווער פּאַוואָ איז, און פֿון דער דאָזיגער פֿראַגע האָט מען אַרויסגעזעהן, אַז איך בין דאָרט געווען אַ פֿרעמדער, וואָרים אַלע האָבען געקענט פּאַוואָ׳ן. ער איז געווען דער מאַן, וואָס האָט דריי מאָל געבראָכען די באַנק, זיין פֿאָטער האָט געהאַט דאָס גרעסטע גוט, מיילען־ווייט אַרום יענער געגענד, און פּאַוואָ גופא האָט

ביי דעם לעצטען פריהלינג־פעסט פערשוואונדעט זיין גאנצען פערמעגען. אַלע מיידלאַך פון דאָרף האָבען גערעדט פון איהם, בשעת זיי פלעגען זיך אָבענד־צייט צונויפקומען ביי דער פאָמפע, און די פרומע לייט האָבען געבעטען גאָט פאַר איהם, אַזוי אָפט ווי ער פלעגט זיי אַרויפקומען אויף'ן זינען. הקיצור, ער איז געווען דער שפּיעלער און דער פערלאָרענער זוהן, אַ געפאַלענער שרה, אַן אַמאָליגער קרעזוס, פאַוואָ פון סינוואַראַ. ער איז געווען דער שטאָלץ פון דער שטאָדט און אין דערזועלבער צייט אויך איהר שאַנד.

און מיט פאַוואָ'ס ביידעל איז געווען די מעשה, אַז זיין גוטע מוטער האָט עס איהם געקויפט און איהם איינגעאָרדענט דאָס געשעפט, כדי איהם, אויב ס'איז נאָך מעגליך, אַרויסצופיהרען אויף'ן גלייכען וועג. אַלעס וואָלט נאָך געקענט געהן גוט, ווען פאַוואָ וואָלט געוואָלט ווערן אַביסעל ערנסטער, אָבער דאָס איבערגעפיהרטע קינד האָט שוין אין דער זעלבער וואָך אָבגעפאַרבט זיין ביידעל מיט דער בלויער פאַרב פון דער שפּיעל־באַנק, וואָרים ער איז ניט געווען צום ענדערן. ער האָט נאָך אַלץ געשפּיעלט. אַלעס, וואָס ער פלעגט איינגעהמען הינטער'ן פערקויף־טיש, האָט ער אַוועקגעלייגט אויף'ן רולעט־טיש, און געוועהנליך פלעגט ער אַרויסגעהן פון דער באַנק אָרעמער, ווי ער פלעגט אַהין אַריינקומען. אין ביידעל האָט געהאַט אַסך קונים; ער פלעגט פערקויפען מאַסען זאַכען; קיינער, ניט די בויערן און ניט די איינוואוינער פון דאָרף פלעגען ניט פערבייגעהן פערביי איהם, אָהן דעם זיי זאָלען אַריינגעהן צו איהם; אַלע האָבען געוואָלט האַנדלען מיט פאַוואָ פון סינוואַראַ. און זיין מוטער האָט איהם געהאַלטען אין איין צושטעלען סחורות אָהן אַ שיעור, זיין ביידעל איז געווען אָנגעפּראָפּט ביז'ן דאַך.

איצט, היינט אָבענד האָט ער געדאַרפט קומען. דאָס גאַנצע דאָרף האָט געוואוסט, אַז ער וועט קומען.

II

דער דאָרף־זייגער האָט געשלאָגען, כ'האָב געהערט דעם זינגענדען קלאַנג, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם איבעריגען ליאַרם פון'ם מאַרק־פלאַץ. פלוצלינג האָט דער האָטעל־דיענער אָנגעקלאַפּט ביי מיר אין צימער. דער יונגער מאַן איז געווען שטאַרק צוהיצט.

„שטעלט זיך פאָר," האָט ער געזאָגט, — „דער הערר פון סינוואַראַ קומט אויך!"

כ׳האָב ניט געבעטען, מען זאָל מיר קומען דערצעהלען אַזעלכע זאַכען, און איך האָב געזאָגט דעם משרת, אַז דער דערמאָנטער הערר נעהמט מיך גאָרנישט אָן. ווער איז ער דאָס? פֿון וואַנען קומט ער? דער דיענער האָט געצויגען מיט די אַקסלען און ערקלעהרט, אַז דער הערר פֿון סינוואַראַ איז ניט קיין אַנדערער, נור דער גרעסטער פריץ פֿון דער גאַנצער געגענד, דער רייכסטער מאַן, פֿירסט וואַריוו׳ס פֿריינד און פאַוואָ׳ס לייבליכער פֿאָטער. און דער וועט דאָס קומען. איבעריגענס איז דער צוועק פֿון זיין קומען ניט קיין אַנדער זאַך, נור דאָס וואָס ער וויל זיך אומקוקען, וואו עס האַלט מיט זיין זוהן; ער וויל אַליין זעהן די דאָזיגע פֿערפֿלוכטע „רולעט", וואָס האָט רואינירט זיין זוהן און פֿערשאַפֿט דער מוטער זיינער אַזויפֿיעל יסורים.

„אָט די אַלע נאַכריכטען הויבען מיך ניט אָן אינטערעסירען," האָב איך געענטפֿערט דעם משרת. „נאָר אָט וואָס, טהעע האָב איך געבעטען. אַדיע!"

און דאַן איז דער דיענער אַוועק.

אַז דער זייגער האָט געשלאָגען זעקס, איז אין האָטעל געוואָרען אַ גרויס גערודער, דער הערר איז געקומען. ער איז געגאַנגען מיט זיין זוהן ביי דער זייט, פאַוואָ אין העלע קליידער, ער אַליין אין טונקעלע. ער האָט אויסגעזעהן ערנסט און ענטשלאָסען. דער קירכען־גלאָק האָט געקלונגען, וואָרים שוין ביים אַריינקומען אין דאָרף האָט דער הערר צוגעזאָגט דער קירכע אַ גרויסע סומע, וואָס האָט פֿאָלשטענדיג פֿערזיכערט איהר צוקונפֿט. אַחוץ דעם האָט ער פֿערשפּראָכען אַ נייע פֿאָהן פֿאַר דער פֿאָהנען־שטאַנג פֿון דער פּאָסט. מחמת דעם איז דאָס גאַנצע דאָרף געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. די דיענער האָבען געקריגען אַ פֿרייען טאָג, אַלע מענשען זיינען געווען אויף די גאַסען, און דער בירגערמייסטער איז אַרומגעגאַנגען אין אַ שפּאָגעל־נייעם מונדיר.

דער הערר פֿון סינוואַראַ איז געווען אַ בכבוד׳יגער מאַן פֿון עטליכע און זעכציג יאָהר, מיט אַ דיקליכען קערפּער, בלייכליך און אויפֿגעבלאָזען פֿון דעם שטילען לעבען, וואָס ער האָט געפֿיהרט, אָבער מיט געוועקסטע וואָנצעס און יונגע אויגען; אויסערדעם האָט ער געהאַט אַ לוסטיגע, אַרויפֿגעבויגענע נאָז. ס׳איז געווען אַן אַלגעמיין בעקאַנטע זאַך, אַז ער איז פֿירסט וואַריוו׳ס פֿריינד, ער האָט געהאַט צוויי הויכע אָרדענס, נאָר ער האָט זיי זעלטען ווען געטראָגען, ווייל אויך אָהן די דאָזיגע מעדאַלען האָט ער געמאַכט אַ רושם, וואו ער פֿלעגט נור קומען. קוים האָט ער נור אויסגערעדט צו אימיצען אַ וואָרט, אַזוי פֿלעגט יענער אַרונטערנעהמען דעם הוט און ענטפֿערן.

נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז ווײן, האָט ער אָנגעקוקט די אַלע נײגיעריגע מענשען, וועלכע האָבען איהם בעגלײט ביז'ן האָטעל, און ער האָט זײ אַלעמען געגעבען וואָס עס איז. אַ קלײן מײדעלע האָט ער זאָגאַר אַרויסגערופען פון'ם הויפען און האָט איהר מיט זײן אײגענער האַנד געשײנקט אַ גאָלד־שטיק. אָבער דאָס מײדעלע איז, פערשטעהט זיך, ניט געווען אַזוי מורא'דיג קלײן, אויך איז זי שוין ניט געווען אונטער זעכצער, זיבעצעהן יאָהר אַלט.

פלוצלינג רופט ער זיך אָן:

„וואו איז די באַנק? איך וויל אַרײנגעהן אַהין."

פאַוואָ, וועלכער איז גאָר ענטציקט איבער דעם פאָטער'ס אײנפאַל, געהט פאָר איהם אַרויף אויף די טרעפ. אַלע געהען זײ נאָך.

דאָרט אינעווײניג איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקײט. דאָס ראָד איז אין פולען גאַנג, דאָס שפּיעל געהט אָן זעהר לעבעדיג; אַ ברונעטער מאַן, וועמען דער דיענער רופט פרינץ, בעגריסט ליעבענסווירדיג און מאַכט פלאַץ פאַר זײן פרײנד, דעם גרויסען הערר פון סינוואַראַ.

אין דער זעלבער רגע רופט דער „קרופיע"*) אויס:

„דרײצעהן!"

ער שאַרט צונויף דאָס גאַנצע געלד.

דאָרט אויף'ן טיש זײנען געלעגען הויפענס פון זילבער, אַסך גרויסע גילדערנע מטבעות און גאַנצע פעק מיט פּאַפּיער־געלד, אַלעס פערשווינדעט אין דעם אײזערנעם שופלאָד פון דער באַנק אונטער'ן טיש. און עס ווערט איבער אַ נײעס געלײגט געלד, אַזוי שטילשווײגענדיג און רוהיג, אָקוראַט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן. און דאָך איז אָט די דרײצעהן אין דער ווירקליכקײט געווען אַ גרויס געווינס. אָבער קײנער רעדט קײן וואָרט ניט, דאָס שפּיעל געהט זיך זײן גאַנג, דאָס ראָד רוישט אַרום, ווערט לאַנגזאַמער, בלײבט שטעהן: ווידער דרײצעהן!

„דרײצעהן!" רופט דער קרופיע ווידער אַמאָל אויס און שאַרט צונויף דאָס געלד.

אָט די בײדע געווינסען האָבען איהם רײכער געמאַכט מיט היבשע עטליכע הונדערט גאָלד־שטיקלאַך. און ווידער אַמאָל ווערט געלײגט געלד, דער פרינץ טהוט אַ וואָרף אַ גאַנצען הויפען מיט באַנקנאָטען אויף'ן טיש, ער צעהלט זײ גאָר ניט. קײנער רעדט ניט, ס'איז זעהר שטיל אַרום און אַרוב; אײנער פון די דיענער קעהרט אומגערן איבער

*) באַנק-געהילף.

אַ לײדיג װײן־גלאָז אויף׳ן טיש, עס הערט זיך אַ דינער קלונג און מישט זיך אַרײן אין דעם טעמפּען רויש פון׳ם ראָד, װאָס דרעהט זיך.

„ערקלעהר מיר דאָס שפּיעל,״ האָט דער הערר פון סינוואַרא געזאָגט.

און פּאַוואָ, װעלכער קען דאָס שפּיעל מיט אַלע קליפּערלאַך, גיט איהם צו פערשטעהן אַלעס, װאָס דאָ קומט פאָר. דער גרויסער מאַן איז אין גאַנצען פערנומען מיט דעם פּרינץ און נעהמט פון איהם קײן אויג ניט אַראָב. „ער װעט זיך רואינירען!״ זאָגט ער. און אַזוי װי עס װאָלט געװען זײן אײגען געלד, װאָס װערט אײנגעשטעלט אין קאָן, רוקט ער זיך אונרוהיג אַרום אַהין און אַהער אויף זײן שטוהל.

„דער פּרינץ װעט זיך שוין גאָר ניט רואינירען,״ ענטפערט פּאַוואָ. „ער אַרבײט בלויז מיט דעם געװינס פון׳ם טאָג. דער װײסט װי אַזוי צו שפּיעלען.״

ס׳איז װירקליך געװען אַזוי. דער פּרינץ האָט געװאונען אַסך געלד; אַ דיענער איז כסדר געשטאַנען לעבען זײן שטוהל, כדי איהם צו דער־לאַנגען װאַסער, אויפהויבען זײן טאַשענטיכעל, װען ער פלעגט עס אַרונ־טערלאָזען אויף דער ערד, איהם בעדיענען מיט אַלעם מעגליכען, און אַלעם מיט דער האָפנונג צו קריגען אַ גוטע בעלוינונג, אַזוי גיך װי דאָס שפּיעל װעט זײן געענדיגט.

אַ הויכער, בלאַסער מאַן, אַ רומענער מיט דונקעלע האָר שטעהט לעבען איהם. ער שפּיעלט אויף לעבען און טויט. אַ דאַנק די צװײ לעצטע דרײצעהנס האָט ער פערלאָרען אַן אונגעהײער גרויסע סומע, מחמת ער האָט זיך מיט אײנגעשפּאַרטקײט געהאַלטען בײ זײן אײגענער, אונגליקליכער אײנצעל־צאָהל. ער שטעהט האַלב הינטער דעם הערר פון סינוואַרא און שטרעקט אויס די האַנד איבער זײן שולטער, װען ער לײגט אַװעק דאָס געלד. זײן אָרם ציטערט.

„דער יונגער מאַן איז פערלאָרען!״ זאָגט דער הערר.

דער זוהן, פּאַוואָ, שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ און זאָגט:

„פערלאָרען!״

„בעט איהם, ער זאָל זיך אָבהאַלטען!״ זאָגט דער פאָטער װײטער. „זאָג עס איהם אין מײן נאָמען. װאָרט, איך װעל עס אַלײן טהאָן.״

דערויף האָט דער זוהן געענטפערט, אַז עס איז ניט ערלויבט עצות צו געבען, — „פונקט אַזוי װײניג,״ האָט ער מיט ביטערקײט צוגעגעבען, „פונקט אַזוי װײניג װי ס׳איז ערלויבט צו זיצען דאָ בלויז אַלס צושויער.״

דער פאָטער קוקט איהם אָן פערװאונדערט. ער בעגרײפט ניט,

אַז ביי פּאַוואָ'ן אין האַרצען ברענט שוין די לוסט, זיך צו בעטהייליגען אין דעם שפּיעל.

„דאָ שטעהען דאָך אַזויפיעל אַנדערע, וועלכע שפּיעלען אויך ניט," זוענדעט ער איין.

„דאָס זיינען שפּיעלער, וועלכע וואַרטען נור דערויף, עס זאָל קומען זייער רייה," זאָגט פּאַוואָ אַ ליגען.

דאָ נעהמט דער הערר פון סינוואַראַ מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט אַרויס זיין געלד־טאַש.

„נאַ, שפּיעל!" זאָגט ער, — „שפּיעל אַביסעל, וויז עס מיר. אָבער גאַנץ נידעריג, ניט געפעהרליך."

אָבער גלייך נאָכדעם נעהמט ער אָן דעם זוהן ביים אָרעם און פערלאַנגט אַן ערקלעהרונג איבער די מאָדנע צאָהל דרייצעהן:

„פאַרוואָס געווינט דרייצעהן יעדעס מאָל? איז דאָס אַקאָרשט ניט אַ שווינדעל פון דעם „קרופּיע"? זאָג עס איהם!"

ער האָט גראָד בדעה אַריינצולייגען צוריק זיין געלד־טאַש, מיט אַמאָל קומט איהם אַרויף אַ געדאַנק. ער נעהמט אַרויס עטליכע באַנקנאָטען, רוקט זיי צו צו פּאַוואָ'ן און זאָגט:

„שטעל אויף דרייצעהן!"

פּאַוואָ ווענדעט איין:

„די דרייצעהן איז צוויי מאָל נאָכאַנאַנד אַרויסגעקומען."

דער פאָטער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ענטפערט בעשטימט:

„יאָ! שטעל אויף דרייצעהן!"

פּאַוואָ בייט אויס אַ פּאַפּירעל, טהוט אַ וואָרף אַ גאָלד־שטיק אויף נומער דרייצעהן און שמייכעלט איבער די דאָזיגע נאַרישקייט.

„פערלאָרען!" זאָגט דער פאָטער. „פּרוּאוו נאָך אַמאָל. שטעל צוויי מאָל אַזויפיעל!"

פּאַוואָ האָט ניט געמאַכט קיין סך טענות. דאָס איז צו קאָמיש. מען בייט זיך מיט די פּלעצער ביים טיש, פּאַוואָ לייגט אַרויף איינמאָל נאָך'ן אַנדערן די דאָפּעלטע סומע, און אַלע ווילען אָנקוקען דעם מאָדנעם שפּיעלער, דעם הערר פון סינוואַראַ. ער אַליין איז שוין שטאַרק פעראינטערעסירט, זיינע ריהרעווודיגע אויגען פאָלגען נאָך די בעוועגונגען פון'ם ראָד, ער רוקט זיך אַרום אויף'ן שטוהל אַהין און אַהער. ער דריקט צונויף זיין פעטליכע האַנד אין אַ פויסט, אויף איין פינגער טראָגט ער צוויי טייערע רינגען.

אַז דער „קרופּיע" שרייט אויס די צאָהל דריי און צוואַנציג אַנשטאַט דער געווינשטער דרייצעהן, רופֿט ער זיך אָן:

„ווייס איך וואָס, שטעל נאָך אַמאָל אויף דרייצעהן! שטעל הונדערט!"

„אָבער—"

„שטעל הונדערט!"

און פּאַוואָ שטעלט. דאָס ראָד דרעהט זיך ווייטער, דער ווייזער לויפֿט צוואַנציג, דרייסיג מאָל אַריבער איבער יעדע צאָהל, ער זוכט צווישען אַט די אַלע שאַנסען, רויט און שוואַרץ, גראָד און אום, פֿון איינס ביז זיבעצעהן, פֿון זיבעצעהן ביז פֿיער און דרייסיג, ער נישטערט דורך דעם גאַנצען סיסטעם, שפּירט אויס יעדע צאָהל און בלייבט שטעהן.

„דרייצעהן!" רופֿט אויס דער „קרופּיע".

„נו, פּאַוואָ, בין איך גערעכט געווען, צי ניט?" זאָגט דער הערר פֿון סינוואַראַ. און ער מאַכט אַ ווענדען פֿון זיך און לאָזט אַלע אַרום־שטעהענדע הערען, וואָס ער זאָגט: „שטעל נאָך אַמאָל, שטעל הונדערט אויף דרייצעהן!"

„דו קענסט עס ניט מיינען ערנסט, פֿאָטער. דרייצעהן וועט שוין וואַהרשיינליך דעם גאַנצען אָבענד ניט מעהר אַרויסקומען."

„שטעל הונדערט אויף דרייצעהן!"

„פֿאַרוואָס ווילסט דו איינפֿאַך אַרויסוואַרפֿען דאָס געלד?"

דער הערר פֿון סינוואַראַ איז געוואָרען אונגעדולדיג, ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען צונעהמען דאָס געלד ביים זוהן, האָט זיך אָבער בעהערשט און געזאָגט:

„מיין זוהן, ווי איז אַז איך האָב די אַבזיכט צו ברעכען די באַנק און צושטערען די עקעלהאַפֿטע „רולעט" צוליעב אַ געווייסער אורזאַך? שטעל הונדערט אויף דרייצעהן!"

און פּאַוואָ האָט ווידער אַמאָל געשטעלט. ער און דער „קרופּיע" האָבען זיך איבערגעביטען מיט אַ שמייכעל, און דער רומענער האָט זיך צולאַכט אויף'ן קול. דאָס „פֿאַראַאָ"־שפּיעל*) ביים צווייטען טיש האָט אין גאַנצען אויפֿגעהערט, אַלע אויגען האָבען זיך געווענדעט צו דער „רולעט".

„דרייצעהן!"

„וואָס האָב איך געזאָגט!" האָט דער הערר פֿון סינוואַראַ אויסגע־שריען. „אָט איז דאָס געלד. וויפֿיעל קען דאָ זיין? צעהל איבער!"

פּאַוואָ איז געבליבען זיצען אַ צומישטער.

*) אַ מין קאָרטען־שפּיעל.

„דאָס זיינען פּערטהאַלבען טויזענד," האָט ער געזאָגט אַ דערשלאָגענער. „אין גאַנצען האָסט דו געוואונען פינף טויזענד."

„גוט, איצט שפּיעל דו! לאָמיך זעהן, ווי דו וועסט אויסמאַכען. שטעל אויף רויט!"

פּאַוואָ האָט געשטעלט אויף רויט און פערלאָרען.

דער פאָטער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשמייכעלט צו די צושויער.

„אַזוי שפּיעלסט דו, הייסט עס! זעהסט דו דען ניט, וואוהין דאָס פיהרט? מען האָט מיר דערצעהלט, אַז דו האָסט דריי מאָל געבראָכען די באַנק, דאָס איז געווען גוט געמאַכט. אָבער פאַרוואָס האָסט דו דערנאָך אַלעס צוריק פערלאָרען? שטעל אויף גראָד."

„וויפיעל?"

„וויפיעל דו ווילסט. שטעל זעקס הונדערט."

„זעקס הונדערט איז צופיעל."

„זעהסט דו, און איך האָב גראָד איצט געקלעהרט, צי דו זאָלסט ניט שטעלען נאָך מעהר. יאָ, איך וויל עס! שטעל צוועלף הונדערט אויף גראָד."

גראָד האָט פערלאָרען.

דאָ האָט דער הערר פון סינוואַראַ אויפגעהויבען זיין פעטען פינגער סטראַשענדיג, און מיט אַ העפטיגען טאָן געזאָגט:

„געה, פּאַוואָ! דאָ האָבען מיר צוליעב דיר פערלאָרען צוועלף הונדערט. אַצונד געה פון דאַנען. איך פערלאַנג עס."

און פּאַוואָ איז אַוועק. איך בין איהם נאָכגענאַנגען. ער האָט געלאַכט, געלאַכט ווי אַ פערריקטער. צי האָב איך ווען עס איז געזעהן אַזאַ מין שפּיעלען? „ער זיצט דאָרט און געווינט טויזענדער בלויז אויף גרונד פון זיין דומהייט. זאָל איהם גאָט העלפען. וואָס פאַר אַן איינפאַל פון דעם גוטען מאַן צו וועלען שפּיעלען „רולעט"!"

פּאַוואָ האָט גערעדט צו יעדען איינעם, וועמען ער האָט נור אָנגעטראָפען, און מיט אַ הויכען געלעכטער האָט ער ערקלעהרט, וואָס פאַר אַן איינפאַל דער פאָטער האָט געהאַט.

שפּעטער אין אָבענד האָב איך געהערט, אַז דער הערר פון סינוואַראַ האָט פערלאָרען ניין טויזענד, איידער ער האָט פערלאָזען די באַנק.

III

ס'איז געווען צעהן אַזייגער. איך בין געזעסען אויף'ן באַלקאָן פון האָטעל צוזאַמען מיט דעם רוס אילימש און מיר האָבען געראויכערט איין פּאַפּיראָס נאָך'ן אַנדערן. פּלוצלינג שרייט דער האָטעל־דיענער אַרויף צו אונז, אַז דער הערר פון סינוואַראַ האָט נור וואָס געשיקט נאָך זיין זוהן. איך האָב גראָד געהאַט בדעה, איהם אַוועקגעבען אַ גאָב פאַר זיין צו־דרינגליכקייט, נאָר דער רוס האָט מיך אָבגעהאַלטען. ער איז געוואָרען נייגיעריג.

„קוקט און שווייגט," האָט ער געזאָגט. „ס'איז דאָך אינטערעסאַנט צו זעהן, וואָס דאָ וועט פאָרקומען. ביינאַכט שיקט ער נאָך פּאַוואָ'ן!"

מיר זיינען געזעסען אַ ווײַלע און שווייגענדיג געראויכערט אונזערע פּאַפּיראָסען. פּאַוואָ קומט. דער פאָטער געהט איהם אַנטקעגען ביז די טרעפּ פון האָטעל.

„הער אַקאָרשט," זאָגט ער. „איך האָב פערלאָרען ניין טויזענד ביי דער פערפלוכטער „רולעט". כ'בין שוין געווען אין בעט, נאָר איך האָב ניט געקענט איינשלאָפען. דאָס דאָזיגע געלד פּייניגט מיך, ס'איז געווען פּונקט אַזויפיעל, וויפיעל איך האָב צוגעזאָגט דער קירכע. כ'מוז עס צוריק אָבגעווינען. כ'קען ניט געפינען קיין רוה, ביז איך וועל דאָס דאָזיגע געלד ווידער האָבען אין די הענד. איך מוז צוריק אַרייַנגעהן אין באַנק."

פּאַוואָ בלייבט שטעהן אַ שטומער.

זאָגאַר פּאַוואָ, דער פערקאָכטער שפּיעלער, איז פערגליווערט פאַר ערשטוינונג. ער זאָגט קיין וואָרט ניט.

„וואָס שטעהסט דו דאָ!" שרייט אויס דער פאָטער. „דאָס שפּיעל הערט דאָך פאַר האַלבע נאַכט ניט אויף, מיר האָבען נאָך צוויי גאַנצע שטונדען. לאָמיר ניט פערלירען קיין צייט."

און זיי זיינען אַוועק אין באַנק.

„קומט!" האָט דער רוס צו מיר געזאָגט. „לאָמיר אַרייַנגעהן. דאָרט וועט זיך עפּעס מאַכען."

דאָס שפּיעל איז געווען אויפגערעגטער ווי פריהער. ווי אימער, ווען ס'איז שוין געווען נאָהענט צו האַלבע נאַכט, זיינען איינגעשטעלט געוואָרען גרעסערע סומען איידער אָנפאַנג אָבענד. דער פּרינץ זיצט נאָך אַלץ פינסטער און רוהיג אויף זיין פּלאַץ, שטעלט איין געלד און געווינט.

לעבען איהם אויף'ן טיש ליגען געווים גאַנצע זעבציג טויזענד. ער שפּיעלט אין איין און דערזעלבער צייט אויף דריי צאָהלען, בעזאָרגט אַלעם מיט דער גרעסטער רוה, לייגט אַרויף פולע הויפענס מיט געלד, אָהן דעם ער זאָל עס זאָגאַר איבערצעהלען. קיין זאַך שטערט איהם ניט, ניט אַמאָל דער בלייכער, צוקאָכטער רומענער, וועלכער הויבט ווי־דער אָן צו פערלירען, נאָכדעם ווי ער האָט דריי פערטעל שעה געוואונגען רענעלמעסיג און בעשיידען. אויך ער נעהמט צונויף זיין געלד און פּרוּאווט אין יעדער פרייער רגע עס איבערצעהלען, עס צוזאַמענלייגען אין הויפענס, טויזענדוויוז, כדי צו וויסען וואו ער האַלט אין דער וועלט; אָבער ער איז צו אונרוהיג, זיינע הענד ציטערן, ער מוז אויך די גאַנצע צייט ניט אַראָבנעהמען קיין אויג פון ראָד, און ער גיט סוף כל סוף אויף צו צעהלען. ווי דום ער מאַכט עס! ער שפּיעלט אין קוואַדראַט, בעדעקט פיער נומערן, האַלט זיך כסדר אויף די דאָזיגע צאָהלען ווי אַן איינגע'עקשן'ט קינד, וואָס וויל ניט אויפגעבען. ער וואָלט פיליכט ליע־בערשט אַוועק פון טיש אָהן אַ צובראָכענעם העלער, איידער אויפגעבען אָט די שאַנסען.

דער פרינץ וואַרפט אַ בליק אויף דער טהיר, בשעת פאָטער און זוהן קומען ווידער אַריין, ער מאַכט אויך פלאַץ לעבען זיך. דאַן שפּיעלט ער ווייטער ווי געוועהנליך, קיהל און פינסטער, גאַנץ קאַלטבליטיג. ס'איז קענטיג, אַז די שפּיעלער האָבען גרויס רעספּעקט פאַר איהם.

„פאַוואָ!" זאָגט דער הערר פון סינוואַראַ, — „דו שפּיעלסט ווי גע־וועהנליך, וואָס דו ווילסט אַליין. דאָ איז געלד. ניט אמת, דו האָסט דאָך מייסטענס גליק מיט רויט, שטעל אַלזאָ אויף רויט."

פאַוואָ צופרעגט זיך ביי זיין שכן, אַן אַלטען סאָלדאַט מיט איין אָרם, און דער דאָזיגער גיט איהם צו וויסען, אַז רויט איז אַרויסגעקומען זיבען מאָל נאָכאַנאַנד. מחמת דעם שטעלט פאַוואָ אויף שוואַרץ.

„גראָד — פיער און צוואַנציג — זיבעצעהן צו פיער און דרייסיג — רויט!" מעלדעט דער „קרופּיע" און שאַרט אַריין דאָס געלד.

„דו הויבסט שלעכט אָן, פאַוואָ, נאָר דו קענסט שטעלען דאָס געלד נאָך דיין אייגענעם קאָפּ," זאָגט דער הערר פון סינוואַראַ ענטטוישט. „וויפיעל מאָל דאַרף מען דיר עס זאָגען? דו מיינסט אפנים, אַז איך שעפּ דאָס געלד אין שעפלען? איצט וועסט דו שטעלען אויף רויט!"

אָבער רויט האָט פערלאָרען. ענדליך נאָך אַכט מאָל איז רויט גע־קומען אויף דער רייה, האָט געטראָפען דאָס קרייץ פון'ם רומענער און איהם ווידער געשטעלט אויף די פיס. שרעקליך צוקאָכט איבער זיין

שלים־מזל, געטריבען צו פֿעררינקטער דרייסטקייט, האָט ער דאָס מאָל א וואָרף געטהאָן אַן אונגעהייער גרויסע סומע אויף זיינע פֿיער נומערן, און דורכדרונגנען פֿון עקשנות, איז עס איהם אין דער רגע געווען אַלץ־איינס, צי ער וועט געווינען אָדער פֿערלירען. אַז דאָס ראָד האָט זיך אָבגעשטעלט און דער וויזער איז געבליבען ליגען אויף איינער פֿון זיינע פֿיער צאָהלען, האָט ער אינסטינקטיוו אַ רוף געטהאָן דעם דיענער, וואָס איז געשטאַנען הינטער דעם פּרינץ'ס שטוהל, און ניט אויסריידענדיג קיין איין וואָרט, האָט ער איהם דערלאַנגט אַ באַנקנאָט. דאַן האָט ער פֿון דאָס ניי מיט ציטערענדע הענד אָנגעהויבען שפּיעלען ווייטער.

„פּאַוואָ!" רופֿט זיך דער פֿאָטער ווידער אָן, „דו האָסט אַלזאָ ווידער אַמאָל פֿערלאָרען. דו האָסט גאָר קיין גליק ניט. איך לאָז דיך פֿער־שווענדען מיין געלד, און איך טהו עס פֿון דיינטוועגען. היינט ביינאַכט וויל איך דיך בעסערן. פּאַוואָ, פֿערשטעהסט וואָס איך זאָג דיר?"

און דער דורכגעטריבענער פּאַוואָ פֿערשטעהט איהם זעהר גוט. ער ווייסט, אַז זיין גוטער פֿאָטער הויבט שוין אָן בערווישט ווערן פֿון שפּיעל, און אפילו ווען ער פֿערליערט, איז עס איהם דאָך אַ געניס אָנטהייל צו נעהמען. ער לעבט דורך אַזוי שטאַרק ווי ווער עס איז נור די יסורים פֿון'ם שפּיעל, ביי די גרויסע שאַנסען בלייבט זיין בלוט שטעהן, ער הערט זיין אייגענעם אָטהעם. אַך, דאָס אַלעס פֿערשטעהט פּאַוואָ צו גוט!

פלוצלינג פֿערטראַכט ער זיך, ער ווערט אויפֿמערקזאַם, פֿערטיעפֿט אין געדאַנקען. דער „קרופּיע" מאַכט איהם אויפֿמערקזאַם דערויף, אַז ער — דער הויך־פֿערעהרטער שפּיעלער — שפּיעלט געגען זיך גופא, און ביי זיך אין האַרצען וואונדערט ער זיך אויף פּאַוואָ'ן. איך אַליין בעמערק אויך, אַז פּאַוואָ נעהמט איינמאָל נאָך'ן אַנדערן צוריק געלד, וואָס ער האָט שוין אַוועקגעלייגט, אַזוי ווי ער וואָלט עס ווען ראַטעווען, איידער דאָס ראָד בלייבט שטעהן. איז ער פֿערנינפֿטיג געוואָרען? האָט ער מורא פֿאַר אַן אונגליק?

אָבער דער רוס פֿיהרט מיך צו צו אַ זאָפֿאַ ביים עק פֿון זאַאַל און הויבט אָן ריידען איבער פּאַוואָ'ן. צי איך האָב ניט בעמערקט, ווי ער האָט פלוצלינג געענדערט זיין שפּיעל? אַך, פּאַוואָ איז אין גרונד גענומען קלוג ווי אַ טייוועל, ער פֿערשטעהט זיך אַזוי גוט אויף אַלצדינג. דער רוס האָט אָנגעוויזען אויף דעם פֿאָטער און דעם זוהן און געזאָגט:

„פֿון די ביידע איז דער זוהן אַס וויניגסטען פֿעררינקט. פּאַוואָ האָט

שוין בעמערקט, אַז דער פֿאָטער איז פֿערקאָכט אין שפּיעלען, ער וויל איהם אָבהאַלטען. ס'איז זעהר קאָמיש, אָבער ער וויל זיך ווירקליך פּרוּאווען אָבהאַלטען דעם אַלטען. ניט וואַהר, דאָס איז בריליאַנט? פּאַוואָ קען ניט גלייכגילטיג צוקוקען, ווי דער פֿאָטער מאַכט זיך אונ־גליקליך."

מיר זיצען דאָרט אויף'ן זאָפֿאַ. ביי דער „רולעט" קומט פֿאָר עטוואָס אונגעוועהנליכעס, אַלע האָבען אַרומגערינגעלט דעם הערר פֿון סינוואַראַ און זיין זוהן. דאָס קאָרטען־שפּיעל האָט אופֿגעהערט, אפילו די דריי בויערן אין די גרויסע, גראָע מאַנטלען מיט די מעטאַלענע גאַרטלען און די אַלטעביידעל־קרעמער, וועלכע זיינען געזעסען אונטען ביי דער טהיר און האָבען געשפּיעלט צווישען זיך אויף ווייז, — אפילו זיי שטעהען אויף און מישען זיך אויס מיט דעם עולם ביים רולעט־טיש. מיר געהען אויך צו אַהין.

„איצט גיט אַכטונג!" זאָגט דער רוס. ער איז זעהר צוקאָכט.

דער הערר פֿון סינוואַראַ האָט ווידער אָנגעהויבען שטעלען אויף נומער דרייצעהן. אין זיין פֿערקאָכטקייט האָט ער אַליין איבערגענומען דאָס געלד און זיך פּערזענליך אָבגעגעבען מיט דעם גאַנצען שפּיעלען. זיינע פֿעטע הענד קריכען אַרום איבער די באַנקנאָטען, ציטערענדיג, זוכענדיג, זיך ראָיענדיג אין דעם שמוציגען פּאַפּיר, וואָס ער בעמיהט זיך צו צעהלען און אויסלייגען אין הויפֿענס. ער רעדט ניט און פּאַוואָ זיצט שווייגענדיג ביי זיין זייט. זיין געזיכט איז זעהר פֿינסטער.

„דרייצעהן!" רופֿט אויס דער „קרופּיע".

דער הערר פֿון סינוואַראַ טהוט אַ ציטער, און זאָגאַר פּאַוואָ זעהט אויס ווי אַ צומישטער. וואָס פֿאַר אַ גליק האָט זיך דאָס פֿאָרט אָנגע־טשעפּעט אָן דעם דאָזיגען זינלאָזען שפּיעל! דער לעצטער קלאַפּ מאַכט אַ גרויסען לאָך אין דער באַנק. דער „קרופּיע" צאָהלט אויס די סומע גאַנץ קאַלטבליטיג, מיט רוהיגע בעוועגונגען. אָט דעם מאַן ברייגט מעהר קיין זאַך ניט אַריין אין ערשטוינונג, ער האָט שוין געזעהן אַלע לוינען פֿון דעם בלינדען צופֿאַל, האָט איבערגעלעבט די פֿערצווייפֿעלסטע זאַכען. דער פּרינץ בלייבט אַ ווײַלע שטעהן אַ צוטומעלטער, נאָר גלייך נאָכדעם נעהמט ער צונויף זיין גאַנצעס געלד, טהיילט אָב דאָס געלד פֿון'ם פּאַפּיר און שטאָפּט אַלעס אַריין אין זיינע טאַשען. ער פֿערלאַנגט אַ גלאָז ווײַן, וואָס ער טרינקט אויס מיט איין זופּ, דאַן שטעהט ער אויף, ער שפּיעלט מעהר ניט. אַרויסגעהענדיג צוטהיילט ער באַנקנאָטען נאָך רעכטס און לינקס, צו אַלע דיענער, וועלכע קומען איהם אין וועג.

אָבער דער הערר פֿון סינוואַראַ טהוט אַ קלאַפּ זיין זוהן אין אָרם און קוקט איהם אָן מיט פֿיבער־גליהענדע אויגען.

„זעהסט דו! זעהסט דו שוין! און דו ווילסט מיך לערנען שפּיעלען? איך פֿערשטעק אייך דאָך אַלעמען אין אַרבעל!"

און ער לאַכט זיך פֿונאַנדער אויף'ן קול, זיך ווענדענדיג מיט'ן פּנים צו די ערשטווינטע צושויער. ענטציקט איבער זיין גליק טהוט ער אַ וואָרף נאָך אַ סומע אויף דרייצעהן.

„לאָז עס דאָרט ליגען," זאָגט ער, — „לאָז דאָס געלד נור ליגען דאָרט, זאָג איך. דרייצעהן איז דאָך אַ מאָדנע צאָהל."

אָבער דער „קרופּיע" שאַרט אַוועק זיין געלד מיט דער גראַבליע. ער טהוט עס ניט מיט'ן גאַנצען ווילען, ער וואָלט געווים גערן געוואָלט זעהן, די דרייצעהן זאָל נאָך אַמאָל אַרויסקומען, כדי צוצוגעבען מוטה דעם רייכען שפּיעלער, וועלכער מוז דאָך פֿריהער אָדער שפּעטער ווערן זיין קרבן.

נאָך פֿיער אומזיסטע פֿערזוכען מיט נומער דרייצעהן פֿערלירט דער הערר פֿון סינוואַראַ די געדולד. ער קאָכט זיך און טענה'ט ווידער איין מיט'ן זוהן.

„הערסט דו, פּאַוואָ, איך שטעל מעהר גאָרנישט אויף דרייצעהן. כ'האָב שוין גענוג פֿערלאָרען אויף אָט דער דומער צאָהל."

ער ווערט וואָס ווייטער אַלץ גערייצטער; אַ דיענער מיט סקריפּענדע שיך ווערט געבעטען, ער זאָל זיך נעהמען דעם וועג; דער רומענער קריגט אַ ביטערן, בייזען בליק, דערפֿאַר וואָס ער האָט זיך איינמאָל אַביסעל פֿערזאַמט און ניט אַזוי גיך צוגענומען זיין געווינס, אַזוי אַז דאָס שפּיעל איז דורך דעם פֿערהאַלטען געוואָרען אויף אַ רגע. דער הערר פֿון סינוואַראַ הויבט זיך אויך אָן בעקלאָגען אויף די אַלע צושויער, וואָס שטעהען כסדר אַרום איהם. וואָס זשע, זיי האָבען גאָר קיין אַנדער זאַך ניט וואָס צו טהאָן? ער טהוט אַ וואונק דער יונגער מיידעל, וואָס געפינט זיך צווישען עולם, רופֿט זי צו און זאָגט:

„האָב איך דיר ניט פֿריהער געגעבען אַ גאָלדשטיק?"

דאָס מיידעל ווערט רויט און מאַכט אַ טיפֿע פֿערנייגונג.

„יאָ, מיין הערר!" ענטפֿערט זי.

„פֿאַרוואָס זשע געהסט דו ניט אַוועק, מיין קינד?"

איהר קליין רויט מיילכעל האָט זיך בעוועגט, אָבער זי האָט גע־שוויגען און אַראָבגעלאָזט די אויגען. דער הערר פֿון סינוואַראַ האָט זיך גענויער איינגעקוקט אין איהר און איהר דערלאַנגט נאָך אַ גאָלדשטיק.

„נאַ, נעהם דאָס! קום נאָך׳ן שפּיעלען, נאָך האַלבע נאַכט צו מיר!"

דאָס קליינע מיידעל איז רויט געוואָרען איבער׳ן גאַנצען געזיכט און האָט זיך פערנייגט מיט פולער עהרפוכט. דאַן איז זי אַוועק פון צווישען דעם עולם, האָט געשמייכעלט צו אַלעמען און איז אַרויס פון זאַאל.

דער הערר פון סינוואַראַ האָט זיך ווידער גענומען צום שפּיעלען.

„זעהט נור די מאַסע פליגען ביי די פענסטער!" האָט ער געזאָגט. „דאָ זיינען פאַרהאַן אַזויפיעל זאַכען, וואָס שטערען. טרייבט אַרויס די פליגען פון דאַנען!"

זיין געלד האָט געהאַלטען אין איין שווינדען. דער רומענער איז געווען מזל׳דיג. דער הערר פון סינוואַראַ האָט געקוקט מיט גרויס אונ־צופרידענהייט אויף יענעמס גליק.

„דו זעהסט דען ניט, אַז איך האָב שוין ניט מעהר ווי אַ פּאָר אָרעמע באַנקנאָטען?" האָט ער זיך אָבגערופען צו פאַוואָ׳ן. „אָבער איך וועל עס ניט אויפגעבען, כ׳וועל פערלירען אַלעס, וואָס איך האָב. נאַ, איצט שטעל איך טויזענד אויף רויט, פיליכט איז דאָס מיין קוליער."

רויט האָט געוואונען.

„פיליכט איז רויט ווירקליך מזל׳דיג. איך שטעל נאָך אַמאָל. ס׳איז אַ פּראָבע."

רויט האָט פערלאָרען.

דאָ האָט שוין דער הערר פון סינוואַראַ פערלאָרען די גאַנצע געדולד.

„געה!" האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו דעם זוהן, וואָס איז געזעסען ביי זיין זייט. „דו ברייגגסט מיר אונגליק! קענסט דו דען ניט זעהן, אַז דו רואינירסט מיך? איך מוז שפּיעלען ווייטער, איך וויל צוריקקריגען מיין געלד!" אין דערזעלבער רגע אָבער איז איהם אַרויף אויף׳ן זינען, וואָס פאַר אַ ראָלע ער האָט דאָ געוואָלט שפּיעלען, און ער האָט צוגע־לייגט: „נאַ, זעהסט דו שוין, וואָס איך טהו פון דיינעטוועגען. — איך וויל דיך בעסערן."

„איך בין שוין אָנגעלערנט!" האָט פאַוואָ געמורמעלט.

„שוויג שטיל! דו ביסט נאָך ניט אָנגעלערענט. דו וועסט נאָך צוריק אַריינפאַלען. איך טהו דאָס אַלעס פון דיינעטוועגען. איצט טראָג זיך פון דאַנען!"

און פאַוואָ האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק.

IV

ס'איז שוין געווען באַלד צוועלף אַזייגער. איין שפּיעלער נאָך'ן אַנ־דערן האָט זיך אויפגעהויבען פון רולעט־טיש, נור דער רומענער און דער סאָלדאַט מיט איין האַנד האָבען נאָך אויסגעהאַלטען. דער אַלטער, וויים־באָרדיגער קריגסמאַן האָט געשפּיעלט זעהר פאָרזיכטיג, האָט יעדעס מאָל איינגעשטעלט אַ קליינעם באַנקנאָט, געשפּיעלט אויף קליין־געלד און געוואונען. ער האָט כסדר געהאַט גליק, אָבער זיין גליק האָט איהם ניט געמאַכט אויף אַ האָר דרייסטער.

דער הערר פון סינוואַרא האָט געשפּיעלט אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן, ביי דעם מינדעסטען גליקס־פאַל האָט ער זיך פערלאָרען און איז געוואָרען משוגע־דרייסט. אַרום און אַרום איז איהם נאָך פּיליכט אי־בערגעבליבען איין טויזענד, ווען פּאַוואָ האָט איהם פערלאָזען. אין צוויי מאָל האָט ער דערנאָך געוואינען זעקס הונדערט, וועלכע ער האָט גלייך אַוועקגעליינט און פערלאָרען. ער האָט אויסגעזעהן זעהר קלעגליך און האָט אַרויסגערופען די סימפּאַטיע פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום איהם. דער פּרינץ, וועלכער איז צוריק אַריינגעקומען אין זאַאַל און גע־שטאַנען דאָרט אַלס צושויער, האָט אַליין מיט זיינע אייגענע הענד צו־געטראָגען דעם הערר פון סינוואַרא אַ גרויס גלאָז וויין.

„איהר האָט אונגליק!" האָט דער פּרינץ געזאָגט. „האַלט זיך אָב פאַר היינט אָבענד."

דער פּרינץ האָט אַריבערגעטראָטען די רעגלען פון דער שפּיעל־באַנק און געגעבען די דאָזיגע עצה הויך אויף'ן קול. דער הערר פון סינוואַרא האָט ניט געענטפערט, ער האָט נור אויפגעהויבען די אויגען, שטאַרק פערטיעפט אין שפּיעל, און האָט שווייגענדיג אויסגעטרונקען דעם וויין.

און פּלוצלינג האָט עס אויסגעזעהן, אַזוי ווי דאָס גליק וואָלט זיך ווידער גענומען ווענדען צו איהם, ער האָט געוואונען דריי מאָל, איינס נאָך'ס אַנדערע.

„אָט אַזוי מוז מען שפּיעלען!" זאָגט ער מונטער און פריינדליך צו דעם אַלטען סאָלדאַט. אָבער דער דאָזיגער הערט גאָרנישט, אַזוי שטאַרק פערטיעפט איז ער אין זיין שפּיעל אויף דעם געוועהנליכען קליינעם פּאַפּירעל. דער רומענער בעמערקט די נערוועזע צוקאָבטקייט, אין וועל־כער דער הערר פון סינוואַרא געפינט זיך, ער קוקט זיך דורך מיט דעם

„קרופיע" און נעהמט אַריין זיין לעצטען געווינס. אויך ער הערט אויף צו שפּיעלען.

דער הערר פֿון סינוואַראַ איז שוין אין גאַנצען אויסגעבייטעלט. ער האָט נאָך בסך הכל אַ פּאָר הונדערט, וועלכע ער שטעלט אויף שוואַרץ און פֿערלירט. אַ צומישטעטער קוקט ער זיך אום אַרום זיך. ער איז זעהר בלייך.

„צום טייוועל מיט דער שוואַרצער פֿאַרב!" שרייט ער אויס מיט כעס.

דאַן פֿערטראַכט ער זיך אַ ווײַלע. דער „קרופּיע" לאָזט איהם ניט אַרויס פֿון די אויגען; מעכאַניש בעצאָהלט ער דעם אַלטען סאָלדאַט זיין באַנקנאָט, מעג ער געווינען אָדער ניט. דער הערר פֿון סינוואַראַ זיצט נאָך אַלץ און ריהרט זיך ניט פֿון אָרט, ס'זעהט אויס, אַז ער איז זיך וועגען עפּעס מישב. פֿאַרוואָס געהט ער ניט אַהיים? ער ציהט אַרונטער זיינע צוויי רינגען פֿון פֿינגער, איינעם נאָך'ן אַנדערן, און דערלאַנגט זיי אַריבער איבער'ן ראָד דעם „קרופּיע". דער דאָזיגער טהוט אַ קוק דער־רויף, לייגט זיי רוהיג אַריין אין זיין אייזערנעם שופלאָד לעבען אַנדערע רינגען און דערלאַנגט דעם הערר פֿון סינוואַראַ דריי טויזענד אין גאָלד. קיינער רעדט קיין וואָרט ניט. אַ מינוט צייט האַלט ער די שווערע ראָלען אין האַנד, דער גאַנצער קערפּער ציטערט איהם. פּלוצלינג טהוט ער זיך אַ שטאַרקען ריהר, ער הויבט זיך האַלב אויף פֿון שטוהל און לייגט אַוועק די ראָלען איינס נאָך'ס אַנדערע אויף שוואַרץ. די גאָלד־שטיקלאַך קלינגען טעמפּ אין די פּאַפּירענע הילען.

דאָס ראָד דרעהט זיך אַרום, עס רוישט אַזוי לייכט און שטיל, האַלט זיך האַלב אויף, באַלד ביי דער, באַלד ביי יענער צאָהל, און ענדליך בלייבט עס שטעהן.

„רויט!"

דער הערר פֿון סינוואַראַ שפּרינגט אויף. ער כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד פֿאַר'ן קאָפּ, טהוט אַ געשריי און פֿערלאָזט דעם טיש.

V

אויף מאָרגען אין דערפֿריה האָט דער האָטעל־דיענער דער פּלוי־דערזאַק מיר געהאַט צו דערצעהלען, אַז דער הערר פֿון סינוואַראַ האָט די נאַכט פֿריהער פֿערלאָרען פֿיער און פֿופֿציג טויזענד ביי דער „רולעט". פֿאַוואָ אָבער איז אַוועק צוריק צו זיך אין ביידעל; ער, דער משרת, האָט איהם געטראָפֿען ביי דער פּאָמפּע, ער איז דאָרט אַרומגעגאַנגען מיט אַ

הוילען קאָפּ און האָט הויך אויף'ן קול געפּלוידערט מיט זיך אַליין אָדער נאָר געפּריידיגט. איבעריגענס קען קיין גלח ניט אַזוי גוט פּריידיגען ווי פּאַוואָ, ווען דאָס פּערווילט זיך איהם. — „אַנטלויף פֿון אונגליק, פֿון אונטערגאַנג!" האָט ער איינמאָל נאָך'ן אַנדערן אויסגערופֿען. „קעהר אום דעם שטן דיין רוקען! גיב איהם דיין פֿינגער און ער וועט נעהמען דיין האַרץ. ביזט דו ווירקליך אַזוי טיעף געזונקען, אַז איך — דיין פֿערלאָרענער זוהן — דאַרף דיך וואָרענען?"

פּאַוואָ האָט ווירקליך זעהר האַרציג גערעדט; דער משרת איז געווען מיט דער מיינונג, אַז דאָס האָט ער זיך איינגע'חזר'ט די רעדע, וועלכע ער האָט היינט אין דערפֿריה געוואָלט האַלטען פֿאַר'ן פֿאָטער.

דער דורכגעטריבענער דיענער האָט אין אַלצדינג אַריינגעשטעקט זיין נאָז און געוואוסט, וואָס איבעראַל טהוט זיך.

„איהר ווילט היינט אָבפֿאָהרען?" האָט ער געזאָגט צו מיר.

איך האָב אין האָטעל וועגען דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט און אויך ניט געבעטען מיין רעכנונג.

„פֿון וואַנען ווייסט דו דאָס?" האָב איך געפֿרעגט.

„איך ווייס עס ניט," האָט ער געענטפֿערט. „אָבער איהר האָט אָנגעזאָגט אויף דער פּאָסט, מען זאָל אייך איבערשיקען אייערע בריעף, און איהר האָט אויך בעשטעלט אַ וואָגען אויף פֿינף אַזייגער צום שיף."

דאָס אפילו האָט ער מיט זיין נאָז אַרויסגעשמעקט! איך האָב עפּעס געפֿיהלט, אַזוי ווי איך וואָלט אויסגעשפּיאָנירט געוואָרען פֿון אָט דעם קלוגען מענשען און ער האָט מיך אָבגעעקעלט. איך בין געוואָרען מורא'דיג אין כעס, כ'האָב ניט געקענט אַריבערטראָגען זיין אונפֿערשעהמטען בליק; ער האָט געהאַט אַ פּאָר אויגען, וועלכע האָבען מיך דורכגענומען ווי אַן אייז־קאַלטער צוג־ווינד.

„טראָג זיך פֿון דאַנען, דו הונד וואָס דו ביסט!" האָב איך געזאָגט.

ער איז געשטאַנען גאַנץ שטיל. דער אונפֿערשעהמטער מענש האָט זיך ניט גערוהרט פֿון אָרט. ער האָט געהאַלטעןביידע הענד הינטערן רוקען. וועגען וואָס דיינקט ער, און וואָס טהוט ער דאָרט מיט ביידע הענד אויף'ן רוקען? האָט ער וואָס עס איז בדעה צו אונטערנעהמען?

„דאָס, וואָס איהר האָט אָקאָרשט געזאָגט, טהוט מיר זעהר לייד," האָט ער זיך ענדליך אָבגערופֿען. ווייטער האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נאָר ער האָט מיך דורכגענומען מיט זיינע בליקען. איך געה צו הינטער זיין רוקען, כדי אויסצוגעפֿינען, וואָס ער האָט בדעה צו טהאָן. ער האָט גאָרנישט געהאַט אין די הענד, ער האָט זיי געהאַלטען צונויפֿגעלייגט

און זיי שטאַרק געבראָכען. איך שטעל זיך ווידער אַנטקעגען איהם. זיינע שולטערן ציטערן און זיינע אויגען זיינען פול מיט טרעהרען. איך האָב חרטה, וואָס איך האָב איהם אויסגעזידעלט, און איך בעשליס ביי זיך, גלייך אויף'ן שטעל עס גוט צו מאַכען, אַז ער טהוט זיך דאָס פּלוצלינג אַ לאָז צו מיר, אַ מאָדנער געגענשטאַנד בליצט ביי איהם אין האַנד, אַ לעבערליך אויסזעהענדער טהיר־שליסעל מיט צוויי צייהנדלאַך. ער הויבט איהם אויף אין דער הויך און טרעפט מיר אין מיין רעכטען האַנד־געלענק. מיין האַנד לאָזט זיך אַראָב, דער טעמפּער זעץ האָט זי פּאַראַליזירט. איך בין איינפאַך פערגליווערט איבער זיין פרעכהייט, כ'קען ניט אויסריידען קיין וואָרט און איך שטעה ווי אַ צוגעשמידטער אויף'ן זעלבען אָרט. ער פערלייגט ווידער די הענד אויף'ן רוקען. אין אַ ווײַלע אַרום געה איך איהם פערביי, צו דער טהיר צו.

„איהר דיינקט, אַז איך וועל אייך נאָך אַמאָל שלאָגען," זאָגט ער. „אָבער דאָס דאַרפט איהר ניט גלויבען. זאָל גאָט אָבהיטען!"

איך עפען די טהיר מיט דער לינקער האַנד און ענטפער קיהל:
„געה און ברייננג מיר מיין רעכנונג!"

דער דיענער פערנייגט זיך טיעף פאַר מיר און געהט. איך הער, ווי ער שלוכצט הויך אויף'ן קול, בעת ער איז אויף דער אַנדערער זייט טהיר. — —

יענעם טאָג בין איך שוין ניט געפאָהרען; מיין האַנד האָט מיר צו שטאַרק וועה געטהאָן, און איך האָב זיך געפיהלט גאַנץ קראַנק. אין מיין האַנד־געלענק זיינען געוועזען צוויי טיעפע לעכער. לעכער פון בלוט־אויפגעלאָפענעם, צוקוועטשטען פלייש. די אָדערן זיינען געשוואָלען גע־וואָרען ביז דער שולטער אַרויף. דאָס הייסט אַביסעל אַ גראָבקייט פון אַ משרת! אָבער ס'האָט אויסגעזעהן, אַז ער האָט גלייך חרטה געהאַט אויף זיין אָנפאַל, ער האָט מיר געבראַכט ספּירט פאַר'ן אָרם און האָט מיר פערבונדען די וואונד; איצט נאָך דער געשיכטע, האָט קיינער ניט געקענט זיין בעהילפליכער ווי ער. ער האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, עס זאָל זיין שטיל אין די זייטיגע צימערן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך ביינאַכט געלייגט שלאָפען, און דאָס האָט ער געטהאָן פון זיך אַליין, אָהן דעם מען זאָל עס איהם דערמאָנען. עטליכע שכור'ע בויערן, וועלכע האָבען זיך אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט אָבגעשטעלט ביי מיינע פענסטער און געזונגען, האָט ער מיט צאָרן אַוועקגעטריבען. כ'האָב געהערט, ווי ער האָט זיי אויסגעזידעלט, ווייל זיי שטערען די רוה פון אַ קראַנקען, גרויסען הערר, אַ פירסט, וואָס האָט זיך פערוואונדעט די האַנד.

אויף מאָרגען האָב איך אָנגעקלונגען צוויי מאָל, נאָר ער איז ניט אַריינגעקומען. איך בין געווען געררייצט און זעהר קראַנק, כ'האָב אַ שטאַרקען ציה געטהאָן ביים גלעקעל און אָנגעקלונגען נאָך אַמאָל. ענדליך האָב איך דערזעהן, ווי ער קומט אָן פון גאַס. ער איז געווען ארויסגעגאַנגען. אַז ער איז אַריינגעקומען צו מיר אין צימער, האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטען און איך האָב געזאָגט:

„שוין אַ פערטעל שעה, אַז איך האַלט אין קלינגען. כ'וועל גערן בעצאָהלען צוויי מאָל אַזויפיעל, אויב איהר דיינקט, אַז איהר פערדיענט עס. ברייננגט מיר טהעע."

כ'האָב געזעהן, ווי וועה מיינע ווערטער האָבען איהם געטהאָן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר איז גלייך אַרויסגעלאָפען בריינגען דעם טהעע. איך בין פלוצלינג שטאַרק געריהרט געוואָרען פון זיין געדולד און זיין אונטערוואָרפענקייט; ער האָט אפשר קיינמאָל אין לעבען קיין פריינדליך וואָרט ניט געהערט, איצט בין איך אויך געווען אונגערעכט אַנטקעגען איהם. איך האָב עס געוואָלט גלייך גוט מאַכען. דערום האָב איך, בשעת ער איז צוריקגעקומען, געזאָגט:

„פערציַיה מיר! איך וועל שוין מעהר קיינמאָל אַזוי וואָס ניט זאָגען. דו ווייסט דאָך, היינט בין איך קראַנק."

ס'האָט אויסגעזעהן, אַז מיין פריינדליכקייט האָט איהם זעהר דערפרעהט, און ער האָט געענטפערט:

„איך האָב פריהער געמוזט אַוועקגעהן. כ'פערזיכער אייך, ס'איז געווען זעהר אַ נייטיגער גאַנג."

אָבער אויפגעמונטערט דורך מיין פריינדליכקייט, האָט זיך ביי איהם גלייך אַבגערופען די אַלטע לוסט זיינע צו פלוידערן. ער האָט געהאַט גאַנצע פעק מיט געשיכטען און איז געווען גרייט מיר צו דערצעהלען אלערליי מעשיות איבער דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין האָטעל.

„איך קען עס אייך פיליכט דערצעהלען," האָט ער געזאָגט. „דער הערר פון סינוואַרא האָט אין דער רגע אַוועקגעשיקט אַ מאַן צו זיך אַהיים בריינגען געלד, אַסך געלד. פאַוואָ דיינקט, ער וועט זיך רואינירען ביי דער „רולעט". זיינע רינגען האָט ער נאָך ניט אַרויסגענומען."

„ס'איז גוט!" האָב איך געזאָגט.

„און דאָס קליין מיידעל, וואָס איהר האָט נעכטען געזעהן, איז געווען ביי איהם איבער־נאַכט. זי איז פון די בערג, פון אַזאַ גדולה האָט זיך איהר געווים קיינמאָל ניט גע'חלום'ט. זאָגאַר איהר פאָטער האָט עס ניט געוואָלט גלייבען."

אָבענד־צייט בין איך ווידער געזעסען דרויסען אויף'ן באַלקאָן און האָב זיך צוגעקוקט צו דעם פּערקעהר אונטען אויף'ן מאַרק־פּלאַץ. די האַנד איז מיר נאָך געווען באַנדאַזשירט. דער רוס איז געלעגען אויף א באַנק לעבען מיר און האָט געלעזען אַ בוך. פּלוצלינג האָט ער אַ קוק געטהאָן צו מיר און געפּרעגט, צי איך וויים, אַז דער הערר פון סינוואַראַ האָט אַריבערגעשיקט אַ שליח צו זיך אַהיים, בריינגען נאָך געלד. פאַר־מיטאָג האָט ער זיך אויך צונויפגעטראָפען מיט פּאַווּאָ'ן. פּאַווּאָ האָט איהם געהאַלטען אַ גאַנצע דרשה, איהם געזאָגט מוסר, און דער פאָטער האָט איהם געמוזט געבען רעכט. אָבער ער וויל זיך פונדעסטוועגען גאָרנישט לאָזען אַריינריידען, ער טענה'ט, אַז ער וויל וויניגסטענס צו־ריקקריגען זיין געלד. וואָס זשע, מען מיינט אפנים, אַז ער וועט אַזוי זיך איבערלאָזען ביי דער דאָזיגער רויבער־באַנדע אַ פערמעגען פון דריי און זעכציג טויזענד אין בלאַנקען גאָלד? דאַן האָט מען גאָר אַ גרויסען טעות. איבעריגענס וויל ער ניט בלויז שפּיעלען, כדי צוריקצוקריגען דאָס, וואָס ער האָט פערלאָרען. די גוטע מענשען, וועלכע האָבען איהם אַזוי בעדוירערט, בעת ער האָט פערשפּיעלט זיינע רינגען, מעגען וויסען, אַז ער קען דעם ערשטען בעסטען בעטלער אַוועקשיינקען אַזאַ רינג אויף יעדען פינגער, און ער וועט דורך דעם אַלץ ניט אָרעם ווערן.

„און דאָס איז אמת," האָט דער רוס געזאָגט, — „ער איז שוין אַזאַ פערקאָכטער שפּיעלער, אַז עס געהט איהם ניט פריהער פון אַלצ־דינג אין זיין פערלוסט. וואָס עס ציהט איהם איצט אָן, איז דער רייץ, די שפּאַנונג, די קוואַל, אָט די ווילדע צוקאָכטקייט פון'ם בלוט."

„און פּאַווּאָ? וואָס האָט פּאַווּאָ פאָרט געזאָגט דערצו?"

„אַנטלויף פון אונגליק, פון אונטערגאַנג!" האָט פּאַווּאָ געזאָגט. „קום צו זיך, מענש! נעהם זיך אַ ביישפּיעל פון מיר!"

פּאַווּאָ האָט גערעדט מיט הארץ, זיין שטימע איז געווען טרויעריג, און פון צייט צו צייט האָט ער זאָגאַר אויפגעהויבען די הענד צום הי־מעל. ס'איז געווען אַ זעלטענער אָנבליק צו זעהן, ווי אָט דער דורכגע־טריבענער יונגער זינדער פּריידיגט אַ טוגענד, וועלכע ער האָט שוין פון לאַנג אָן פערוואָרפען. ער איז געווען פרעך גענוג צו האַלטען דעם פאָטער די ערנסטעסטע מוסר־דרשה. דער פאָטער האָט בעהויפּטעט, אַז ער שפּיעלט נור צוליעב'ן זוהן, ער וויל איהם ראַטעווען פון דער אויסגע־לאַסענקייט, און צו דעם צוועק וועט ער קיין געלד ניט שפּאָרען. דאָ איז פּאַווּאָ געוואָרען בייז: ער איז זיין לעבען לאַנג געווען שטאָלץ, ער האָט ניט פערלאָרען זיין זעלבסט־רעספּעקט, דער פאָטער אָבער האָט

זיינע רינגען פֿערשפּיעלט, פֿער'משכון'ט זיין ציערונג פֿאַר אַלעמען אין די אויגען. ער, פֿאַוואָ, האָט זיך ניט ערנידעריגט, ער האָט קיינמאָל ניט געליהען קיין געלד אויף זיין ביידעל, דאָס שטעהט דאָרט אונבעריהרט, ער בעזאָרגט אימער זיין געשעפֿט. ענדליך האָט פֿאַוואָ געסטראַשעט דעם אַלטען מיט דעם פּירסט וואַריוו.

„שווייג!" האָט דער פֿאָטער געזאָגט. „כ'האָב גענומען אויף זיך, דיר צו ווייזען די פֿאָלגען פֿון דיין פֿערשווענדערישען לעבען, און דאָס וועל איך טהאָן. געה געזונד, פֿאַוואָ!"

און פֿאַוואָ האָט געמוזט געהן. אָבער ער איז אַוועק גלייך פֿון פֿאָטער אין דער שפּיעל־העל.

„גלויבט איהר דען ניט, אַז עס איז ווירקליך דעם פֿאָטער'ס אַבזיכט, אויף אַזאַ אופֿן אַרויפֿצופֿיהרען פֿאַוואָ'ן צוריק אויף'ן גלייכען וועג?" האָב איך דעם רוס געפֿרעגט.

ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„פֿילייכט. אָבער דאָס וועט איהם ניט געלינגען. אויסערדעם איז דער אַלטער פּונקט אַזוי פֿערריקט דערויף ווי דער יונגער."

איצט האָבען אַלע גערעדט וועגען דעם הערר פֿון סינוואַראַ און זיין שפּיעלען. דאָס איז איהם איינס און דאָסזעלבע, האָט ער געזאָגט, און ער האָט דעם קאָפּ געטראָגען נאָך העכער ווי ביז אַהער און געמאַכט אַ פֿרעהליך געזיכט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער זאָגאַר שפּאַסען און מאַכען אַ וויץ מיט די מענשען, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט.

„איהר קוקט אָן מיינע הענד," פֿלעגט ער זאָגען. „אַך יאָ, איך בין זעהר אָרעם געוואָרען, זאָגאַר מיינע רינגען האָב איך פֿערשפּיעלט! האַהאַהאַ!"

אין דער שפּיעל־באַנק פֿלעגט ער מעהר ניט געהן, איצט ווען ער האָט קיין געלד ניט געהאַט, אָבער דורך די משרתים פֿלעגט ער אָבנעהמען אַ בעריכט, ווי דאָס שפּיעל איז צוגעגאַנגען, ווער עס האָט פֿערלאָרען און ווער געוואונען, וויפֿיעל ס'איז איינגעשטעלט געוואָרען, ווער ס'האָט געשפּיעלט דרייסטער פֿון אַלעמען. דער רוס איז אויף מאָרגען געקומען און האָט מיר דערצעהלט, אַז דער הערר פֿון סינוואַראַ האָט דריי שעה נאָכאַנאַנד געבעטען גאָט, ער זאָל איהם געבען גליק; ער וויל נור צוריקקריגען דאָס פֿערלאָרענע געלד, דאַן וועט ער זיך אָבהאַלטען פֿון שפּיעלען. דאָס האָט ער הויך אויף'ן קול געשוואָרען צו גאָט און זאָגאַר געוויינט דערביי. דער רוס האָט עס געהערט פֿון דעם האָטעל־דיענער, וועלכער האָט געקוקט דורך'ן שליסעל־לאָך.

VI

דריי טעג זיינען אַריבער. מיין האַנד האָט שוין מעהר ניט וועה געטהאָן, איך האָב בעשלאָסען פֿאַרנאַכט אָבצופֿאָהרען. כ'בין אַראָב אין שטאָדט, בעזאָרגען עטליכע זאַכען, צווישען אַנדערעס בין איך אויך געווען אין דער פּאָליציי, כדי צו לאָזען אונטערשרייבען מיין פּאַס. צוריקצו־וועגס בין איך פֿערבייגעגאַנגען פֿערביי פּאַוואָ'ס ביידעל. סוף כל סוף האָב איך אָנגעהויבען פֿיהלען אַן אינטערעס פֿאַר דעם דאָזיגען מאַן און זיין פֿאָטער. אַלע האָבען גערעדט פֿון זיי, דער גאַנצער האָטעל איז געווען פֿול מיט געשיכטען מכח אָט די צוויי מענשען, איך האָב זיך אַלזאָ ניט געקענט העלפֿען און געמוזט, פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע, דיינקען וועגען זיי און יעדען טאָג זיך נאָכפֿרעגען אויף דעם הערר פֿון סינוואַרא.

כ'בין אַריין צו פּאַוואָ'ן אין ביידעל. מיט אַ נאַכט פֿריהער האָב איך געהערט, אַז ער האָט געוואונען אַ גרויסע סומע אין „פּאַראָאַ". ער האָט צוגענומען ביי אַ פֿרעמדען רייזענדען זיין גאַנץ ביסעל מזומן, און דערנאָך האָט ער איהם איינפֿאַך צוריקגעגעבען אַ פּאַר הונדערט אַלס געשאַנק, דאַן האָט ער זיך גענומען צו דער „רולעט", אימער בעגלייט פֿון גליק, און ער האָט אַרויסגעצויגען ביי דער באַנק אַ גאַנצען פֿערמעגען.

„שטעלט זיך פֿאָר," האָט זיך פּאַוואָ אָבגערופֿען צו מיר, ווי איך בין נור אַריין צו איהם אין ביידעל, — „שטעלט זיך פֿאָר, דער הערר פֿון סינוואַרא, מיין פֿאָטער, איז נור וואָס געוועזען דאָ זיך אויסלייהען געלד ביי מיר! ער וויל אַרויסנעהמען זיינע רינגען. נאַטירליך פֿאַלט עס מיר אַפילו אין חלום ניט איין, צו בעגעהן אַזאַ נאַרישקייט. מיין פֿאָטער איז זעהר אַ גוטער און ס'האָט מיר לייד געטהאָן, וואָס איך האָב געמוזט איהם אָבזאָגען די דאָזיגע געפֿעליגקייט. אָבער איך האָב עס געטהאָן פֿון זיין אייגענער טובה וועגען. אַ זוהן מוז זאָרגען פֿאַר דער עהרע פֿון דער פֿאַמיליע. מיין פֿאָטער מוז איינזעהן, וואוהין עס פֿיהרט, ווען מען לאָזט זיך אַריין אין נאַרישקייטען. איך געפֿין, אַז איך האָב גאַנץ ריכטיג געהאַנדעלט. וואָס דיינקט איהר דעריבער?"

זיין אויסערליכעס האָט מיך אין דער רגע אָבגעשטויסען. ער איז געוואָרען זעלבסטבעוואוסט און זיכער דורך דאָס אונגעהייערע גליק פֿון פֿאָריגען אָבענד, וואָס האָט ווידער אָנגעפֿילט זיינע טאַשען מיט געלד. בשעת ער האָט גערעדט, האָט ער אַרונטערגעלאָזט דעם שטערן, האָט איהם פֿערבאָרגען, איהם אונטערגעטונקט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען

געבראַנדמאַרקט, און זיינע אויגען האָבען אַזוי מאָדנע געלייגט, ווי ער האָט זיי נור אויפגעמאַכט. אָבער ער האָט געהאַט דעם שעהנסטען האַלז, וואָס מען האָט זיך נור געקענט פאָרשטעלען, און אַ פיין, רויט מויל.

„וואָס דיינקט איהר דעריבער?" האָט ער ווידערהאָלט.

„איך האָב קיין אורטהייל ניט דעריבער," האָב איך געענטפערט.

„דאָס הייסט," האָט ער געמורמעלט מיט כעס, „איהר פערשטעהט ניט וואָס אַ פערנינפטיגער מאַן רעדט צו אייך."

ער האָט שטאַרק געצויגען מיט די אַקסלען און איז אַרומגעלאָפען לעבען זיין פערקויף־טיש אַרויף און אַראָב. דאַן האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געפרעגט:

„מיט וואָס קען איך אייך אַלזאָ דיענען, אַז איהר האָט זיך בעמיהט אַריינצוקומען צו מיר?"

כ'האָב אָנגערופען אַלערליי זאַכען, וואָס זיינען מיר גראָד אַרויף אויף'ן זינען, נאָר וועלכע איך האָב אין גרונד גענומען גאָר ניט געדאַרפט. אַז איך האָב געקראָגען וואָס איך האָב פערלאַנגט, בין איך אַוועק צוריק אַהיים.

קוים בין איך נור צוריקגעקומען אין האָטעל, איז דער דיענער צוגעלאָפען צו מיר און האָט מיר דערצעהלט, אַז דעם הערר פון סינוואַראַ'ס שליח איז שוין דאָ צוריק מיט געלד. איצט זיצט ער דאָרט, גרייט אָנצוהויבען שפיעלען פון דאָס ניי, אַזוי גיך ווי די באַנק וועט זיך עפענען. פאַוואָ ווייסט גאָרנישט דערפון. פאַוואָ טאָר גאָרנישט וויסען, ער, דער משרת, האָט אויסדריקליך געקריגען בעצאָהלט דערפאַר, ער זאָל ניט אַריבערלויפען און עס דערצעהלען פאַוואָ'ן.

ס'איז געוואָרען פינף אַזייגער.

אַזוי גיך ווי דער שפיעל־זאַאל האָט זיך נור געעפענט, איז דער הערר פון סינוואַראַ אַוועק אַהין. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, ער האָט מאָדנע געמאַכט מיט די הענד, אַזוי ווי ער וואָלט עפעס פערזיכערט, אַזוי ווי ער וואָלט עפעס גענומען אויף זיך.

דער פרינץ און דער אַלטער סאָלדאַט זיינען אויך געווען אָנוועזענד, נאָר דער רומענער ניט; אַ פאָר פרעמדע האָבען אויך אָנגעהויבען שפיעלען. צוערשט האָט דער הערר פון סינוואַראַ אויסגעלייזט זיינע רינגען.

„איך וועל היינט אָבענד שפיעלען מיט אַזעלכע הויכע סומען ווי נור מעגליך," האָט ער געזאָגט צום „קרופיע", אָהן איהם דערביי אָנצוקוקען. זיין מיענע איז איצט אָן געווען קיהל און בערעכענט.

„זאָל אייך אייער גוטער שטערן בעגליקען," האָט געענטפערט דער „קרופּיע" און זיך דערביי פערנייגט.

דאָס שפּיעל האָט זיך אָנגעפאַנגען.

דער הערר פון סינוואַראַ האָט אויסגעזוכהן ענטשלאָסען. ער האָט דריי מאָל איינם נאָך'ם אַנדערע געשטעלט אויף רויט און געוואונען. דאַן האָט ער אַריינגעלייגט זיין אייגען געלד אין טאַש און פון איצט אָן גע־שפּיעלט נור מיט דעם געווינס. אַ פּאָר מאָל מאַכט ער אַ פּערזוך מיט דרייצעהן, פערלירט אָבער, דאָס רעגט איהם אויף, ער שטעלט נאָך אַ פּאָר מאָל אויף רויט און געווינט. איצט האָט ער אַ היבשע סומע פאַר זיך אויף'ן טיש, ער שפּיעלט אָהן בערעכנונג, אָהן איבערלייגונג, ער שטעלט געוואַלטיגע סומען, און כדי ניט צו פערלירען קיין צייט, גרייט ער זיך שוין צו אויף דעם קומענדען קאָן, נאָך איידער דאָס ראָד בלייבט שטעהן. צעהלען צעהלט ער אויך ניט, ער שפּיעלט אין עקסטאַז. זיינע אויגען פאַלען אויף אַ שוואַרצען קוואַדראַט אויף'ן טיש, און ער לייגט אַוועק אַ גרויסע סומע אויף אָט דעם קוואַדראַט.

שוואַרץ געווינט. ער געווינט איצט גאָר אָהן אָבהאַלט. דאָס דאָזיגע שוואַרצע קוואַדראַט ווערט אַ גאָלד־גרוב, פון וועלכער ער שעפּט גאַנצע אוצרות, און ער נוצט זי אויס. פּלוצלינג בעטראַכט ער זיך, ער שטעלט זיך אָב אַ רגע, ער כאַפּט אָב דעם אָטהעם. דאָס ראָד דרעהט זיך אַרום, אָבער דער הערר פון סינוואַראַ פערגעסט אַוועקצולייגען זיין געלד, ער כאַפּט נאָך אַלץ אָב דעם אָטהעם. זיין קליין מיידעל קומט אַריין. שמייכ־לענדיג, מיט רויזיגע באַקען, געהט זי צו נאָהענט צו איהם. ער בעמערקט זי און גיט איהר אַ וואונק.

„זעהסט דו, דו ביסט אַריינגעקומען און איך האָב פערגעסען צו שטעלען דאָס געלד!" זאָגט ער. אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער איהר ווידער אַ וואונק. דאָס ראָד האָט זיך אָבגעשטעלט, דער וויזער שטעהט אויף רויט, און ס'איז געוועזן דעם הערר פון סינוואַראַ'ס גליק, וואָס ער האָט דאָס מאָל ניט אַוועקגעלייגט קיין געלד אויף'ן שוואַרצען פיער־עק. ער לייגט אַריין איינעם פון זיינע טייערע רינגען דער קליינער מיידעל אין דער האַנד און שושקעט איהר עפּעס אַריין אין אויער. און דאָס קליינע מיידעל ווערט דונקעל־רויט, פערוואַרפט די אָרעמס אַרום איהר אייגענעם האַלז און לויפט אַרויס פון זאַאַל.

אָבער דער הערר פון סינוואַראַ שפּיעלט ווייטער, משוגע־דרייסט, אָהן בערעכנונג, פאַלשטענדיג מעכאַניש. ער נעהמט עטליכע הויפענס פול מיט געלד, אַסך שווערע ראָלען און לייגט זיי אַוועק אויף רויט.

גלייך נאָכדעם פּאַקט איהם אַ שרעקליכע אונזיכערקייט, ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנד, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען די סומע צוריקנעהמען, אָבער ער קאָנטראָלירט זיך און לאָזט זי ליגען.

דאָס ראָד שטעלט זיך אָב.

„רויט!"

„רויט!" ווידערהאָלט דער הערר פֿון סינוואַראַ. און ער ווענדעט זיך ווידער מיט אַ שמייכעל פֿון טריאומף צו די אַרומשטעהענדע און זאָגט הויך אויף'ן קול: „ווידער רויט! יאָ, דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט!"

פֿון דער רגע אָן פֿערלירט ער אין גאַנצען דעם פֿערשטאַנד. עס ווערט צעהן אַזייגער, עטליכע פֿרעמדע קומען אַריין, די אייגענטליכע שפּיעלער, וועמעס שטונדע עס הויבט זיך ערשט איצט אָן. צווישען זיי נעפֿינט זיך אויך דער רומענער. איך האָב אין גאַנצען פֿערגעסען מיין רייזע און זיך ניט גערִיהרט פֿון אָרט, כ'האָב נאָכגעפֿאָלגט דעם הערר פֿון סינוואַראַ'ס שפּיעלען מיט דער גרעסטער שפּאַנונג. ער אַליין האָט ניט אָנגעהויבען זעהן די אַלע נייע מענשען, וועלכע האָבען איהם אַרומ־גערינגעלט, ער האָט כמעט ניט געשפּירט, אַז עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע שפּיעלער מיט איהם ביים טיש. זיין גליק האַלוצינירט איהם, און ער אַרבייט מיט גרויסע סומען אויף עטליכע נומערן אין איין און דערזעלבער צייט. אַ שגעון, אַ פּלעצליכער איינפֿאַל, טרייבט איהם צו נעהמען אַ האַנד פֿול מיט געלד און שטעלען די העכסטע סומע אויף פֿינף און צוואַנציג. דריי פֿון די שפּיעלער טהוען איהם נאָך, אַלע אַרום איהם שעפּטשען און וואַרטען.

„דרייצעהן!"

פֿערלאָרען. דער רומענער קריצט מיט די צייהן פֿאַר פֿערצווייפֿלונג. דער הערר פֿון סינוואַראַ האָט אַ נייעם איינפֿאַל. ער הויבט זיך האַלב אויף פֿון זיין שטוהל און שטעלט די העכסטע סומע אויף נול. קיינער טהוט איהם שוין מעהר ניט נאָך, דאָס דאָזיגע פֿערצווייפֿעלטע שפּיעל וואַרפֿט אַ שרעק אויף אַלעמען.

„נול!"

אין דעם מומעל, וואָס איז ענטשטאַנען, האָב איך געהערט, ווי דער רומענער האָט מורא'דיג געפֿלוכט. גלייך נאָכדעם איז פּאַוואָ אַריינגע־קומען אין זאַאַל, נאָך איהם דער משרת פֿון האָטעל, וועלכער האָט איהם דאָך געלאָזט ווייסען. פּאַוואָ איז גלייך צוגעגאַנגען צו דעם פֿאָטער'ס שטוהל; ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, האָט ער איהם אָנגענומען פֿאַר'ן אַקסעל און איהם פֿונאַנדערגעטרייסעלט.

ער האָט אויפגעהויבען די אויגען, דערקענט דעם זוהן און זיך גלייך אונטערגעגעבען. ער האָט פערשטאַנען, אַז עס וועט איהם איצט קיין ווידערשטאַנד ניט העלפען, ער איז אויך געווען צו שטאַרק אָנגעגריפען.

„ווי צאָרנדיג דו ביסט, פּאַווא!" האָט ער נור געזאָגט. מעכאַניש נעהמט ער אַריין זיין לעצטען געווינס, קלייבט צוזאַמען זיין געלד און הויבט אָן אָנפילען די קעשענעס. ער שטאָפּט צונויף גאָלד און פּאַפּיר אין אַ ווילדער אונאָרדנונג, דאַן נעהמט ער דעם לעצטען הויפען באַנקנאָטען אין האַנד, שטעהט אויף און געהט אַוועק מיט פּאַוואָ'ן.

דער „קרופּיע" קוקט זיי נאָך מיט צאָרנדיגע בליקען; דאָס שפּיעל שטעלט זיך אָב. — —

שפּעטער האָט מען אין האָטעל דערצעהלט, אַז דער העררפון סינוואַראַ האָט ניט נור צוריק אָבגעקריגען אַלעס, וואָס ער האָט דעם פריהערדיגען אָבענד פערלאָרען ביי דער „רולעט", נאָר אַז ער האָט נאָך אַחוץ דעם געוואונען אַ קליינע סומע. זיבען הונדערט, האָט מען געזאָגט, איז געווען דער ריינער פראָפּיט. איך האָב זיך שטילערהייט ביי זיך אין האַרצען געפרעהט דערויף, כ'האָב איהם פערגונען דעם זיעג. קיינער האָט ניט געשפּיעלט מיט אַן עהרליכערער אַבזיכט ווי ער, און אַצונד וועט ער געווים אויף אייביג ווייבען פון דער „רולעט".

VII

אויף מאָרגען פאַרנאַכט בין איך געווען פאַרטיג צו דער רייזע. מיינע זאַכען זיינען שוין געווען אַרונטערגעשיקט צום שיף, מיין רעכנונג איז געווען בעצאָהלט און אַלעס בעזאָרגט. כ'שטעק אַריין דעם משרת פון האָטעל אַ געלד-שיין אין האַנד און זאָג איהם זיי-געזונד. ער צוקט שטאַרק מיט די ווייסע אויגען און הויבט אָן צו וויינען. דער אָרעמער יונג קושט מיר די האַנד.

„וואָלט איהר עס געגלויבט," זאָגט ער גלייך נאָכדעם און ווישט זיך אוים די אויגען, — „דער העררפון סינוואַראַ פאָהרט מיט אייך אויף איין שיף. ער האָט צוגעזאָגט פּאַוואָ'ן צו פאָהרען צוריק אַהיים." און דער אַלוויסענדער מענש פערפאָלגט מיך ביז צו דער לעצטער רגע מיט זיינע געשיכטען. פּאַוואָ האָט ווידער אַמאָל געהאַלטען זיין פאָטער אַ רעדע. אַז עס האָט ניט געהאָלפען, וואָס ער האָט איהם געסטראַשעט מיט פירסט וואַריוו, האָט ער איהם געוויזען אַ קליינעם, פאָלשטענדיג פערדאָרבענעם פיסטויל, מיט וועלכען ער מוז זיך ליידער דערשיסען, כדי

צו ראַטעווען זיין עהרע. דאָ האָט דער פּאָטער נאָכגעגעבען. ער האָט ווירקליך ניט געוואָלט פּערלירען פּירסט וואַריוו'ס פריינדשאַפט. אַחוץ דעם האָט ער דאָך געשוואָרען פּאַר גאָט, אַז ער וועט מעהר ניט שפּיע־לען, אַזוי גיך ווי ער וועט נור צוריקגעווינען זיין געלד. הקיצור: דער הערר פון סינוואַראַ פאָהרט אַהיים.

„אַדיע!" האָט דער דיענער געזאָגט. „איהר וועט איהם טרעפען אונטען ביים שיף."

דער זייגער האָט געשלאָגען פינף.

אין דעם זעלבען אויגענבליק, וואָס דער שפּיעל־זאַאל האָט זיך גע־עפּענט, בין איך אַראָב צום לאַנדונגס־פּלאַץ. דאָס שיף האָט אויפגענומען אַ טראַנספּאָרט פון קאָרענע ראַגאָזשעס. אין עטליכע מינוט אַרום זיינען ווירקליך געקומען דער הערר פון סינוואַראַ און זיין דיענער, זיי זיינען ביידע געגאַנגען אָנגעטהאָן אין רייזע־קליידער. עס זיינען געוועזן אַסך מענשען ביים ברעג, נאָר פּאַוואָ'ן האָב איך ניט געזעהן. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי אַן אַלטען מאַן אויף איהם, כ'האָב געזאָגט:

„פאַרוואָס בעגלייט ער ניט זיין פּאָטער צום שיף?"

„פּאַוואָ איז שטאָלץ!" האָט געענטפערט אַ יונג מיידעל, וואָס איז גראָד צוגעקומען. „אַ פּאָטער, וואָס פערשפּיעלט זיינע רינגען, דעם קען ער ניט. אַזאַ מענש איז פּאַוואָ."

דאָרט איז אויך געשטאַנען דאָס קליין מיידעל פון'ם הערר פון סינ־וואַראַ. זי איז געשטאַנען אָן אַ זייט און האָט זיך צוגעקוקט פון ווייטען, מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. דער, נאָך וועמען זי האָט אויסגעקוקט, האָט איהר קיין בליק ניט געשיינקט.

איך בין אַ פּאָר מאָל אַרומגעגאַנגען איבער'ן ברעג אַרויף און אַראָב, כ'האָב בעצאָהלט מיין וואָגען און אַבטונג געגעבען, אַז אַלע מיינע זאַכען זאָלען אַרויפגענומען ווערן אויף'ן שיף. דער אַלטער דיענער פון'ם הערר פון סינוואַראַ איז שוין געוועזן אויבען, נאָר איהם אַליין האָב איך ניט געזעהן. כ'האָב זיך אומגעקוקט נאָך זיין קליין מיידעל, אויך זי איז פערשוואונדען.

די לעצטע ראַגאָזשע איז אַרונטערגעלאָזט געוואָרען אין דעם לאַסט־רוים, און דער לעצטער פּאַסאַזשיר איז אַרויף אויף'ן שיף. פּלוצלינג הויבט מען פון אַלע זייטען אָן פרעגען אויף דעם הערר פון סינוואַראַ, וועלכער האָט געוואָלט מיטפאָהרען. וואו איז ער געבליבען? זיין אַלטער משרת שפּרינגט אויף. וואו איז אַהינגעקומען זיין בעל הבית? דאָס שיף

איז געבליבען שטעהן, מען האָט דאָך ניט געקענט אָבפּאָהרען אָהן דעם גרויסען הערר! מיר זוכען אַלע דורך דאָס שיף, דעם ברעג, אַלע עקען און ווינקלען, מיר פֿרעגען זיך נאָך ביי אַלע מענשען אויף איהם, און קיינער קען אונז קיין ענטפֿער ניט געבען. איז ער אַריינגעפֿאַלען אין וואַסער? האָט ער זיך אַריינגעוואָרפֿען און איז שטילערהייט דערטרונקען געוואָרען? פּלוצלינג קומט מיר אַרויף אַ געדאַנק, אַ גאַנץ מאָדנער גע־דאַנק, כ'בעט דעם קאַפּיטאַן ער זאָל אויסוואַרטען נאָך פֿינף מינוטען, דאַן וועל איך איהם פֿילייכט קענען זאָגען, וואָס מיט דעם מאַן איז געשעהן.

איך שפּרינג אַראָב אויף דער יבשה, כ'לויף אַריבער אין האָטעל, פֿליה אַרויף די טרעפּ, אויף דעם בלויען עטאַזש. מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטהעם עפֿען איך אויף די טהיר און קוק אַריין.

צוערשט זעה איך דאָס קליין מיידעל פֿון'ם הערר פֿון סינוואַראַ. זי האָט צוריק איהר רויטליכע מיענע און זעהט אויס גליקליך. און לעבען איהר אויף'ן שטוהל זיצט דער הערר פֿון סיטוואַראַ ווידער ביי דער „רגלעט".

דער רינג.

אין אַ געזעלשאַפֿט האָב איך אַמאָל געזעהן אַ יונג פֿערליעבט מיידעל.

איהרע אויגען זיינען געווען טיעף בלוי; געשטראַהלט האָבען זיי. און זי האָט ניט געקענט פֿערבאָרגען איהרע געפֿיהלען.

וועמען האָט זי דאָס ליעב געהאַט?

דעם יונגען הערר דאָרט ביים פֿענסטער, דעם בעל הבית׳ זוהן, אַ מאַן אין אוניפֿאָרם און מיט אַ געזונדער לייבען־שטימע. אַך, ווי זי נעהמט דאָס די אויגען ניט אַראָב פֿון דעם יונגען מאַן, און ווי אונרוהיג זי זיצט דאָס אויף איהר שטוהל!

אַז מיר זיינען שפּעט ביינאַכט צוזאַמען אַהיים געגאַנגען, מחמת מיר זיינען אַזוי גוט בעקאַנט געווען, רוף איך זיך אָן:

„וואָס פֿאַר אַ שעהן און הערליך וועטער דאָס איז! האָסט דו זיך היינט ביינאַכט גוט אַמוזירט?"

און כדי איהר וואונש צו ערפֿילען, נאָך איידער זי פֿערלאַנגט עס, האָב איך אַראָבגענומען מיין רינג פֿון פֿינגער, מיין פֿערלאָבונגס־רינג, און געזאָגט:

„זעה, דיין רינג איז אויף מיר צו ענג געוואָרען; ער דריקט מיר. אַשטיינער, ווען דו וואָלסט איהם געלאָזט אַביסעל ברייטער מאַכען?"...

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און שטילערהייט געזאָגט:

„גיב איהם נור אַקאָרשט מיר, וועט ער שוין גרעסער ווערן."

און איך האָב איהר דערלאַנגט דעם רינג.

* * *

אין אַ מאָנאַט אַרום האָב איך זי ווידער געטראָפֿען.

כ׳האָב געוואָלט זיך נאָכפֿרעגען אויף׳ן רינג, נאָר איך האָב עס צורוה געלאָזט.

וואָס איז די איילעניש? האָב איך זיך געטראַכט. ס׳האָט נאָך צייט.

אָבער זי הויבט אויף די אויגען, קוקט אַרוים ווייט אין גאַס און זאָגט:

„יאָ, כ'האָב גאָר פֿערגעסען . . . דער רינג. כ'האָב געהאַט אַן אונגליק מיט איהם. כ'האָב איהם ערגעץ פֿערוואָרפֿען, אָדער בעסער געזאָגט, פֿערלאָרען."

און זי וואַרט אויף מיין ענטפֿער.

„ביסט דו ניט בייז אויף מיר דערפֿאַר?" פֿרעגט זי אונרוהיג.

„ניין," ענטפֿער איך.

אַך, ווי אַ שטיין איז איהר אַראָב פֿון האַרצען! . . . און מיט אַ לייכטען געמיטה איז זי אַוועק אַהיים, צופֿרידען דערפֿון וואָס איך בין ניט בייז אויף איהר דערפֿאַר.

* * *

דאַן איז אַריבער אַ גאַנץ יאָהר.

ווידער אַמאָל בין איך געקומען אין דער געגענד. און איינמאָל אָבענד־צייט בין איך געגאַנגען אויף אַ בעקאַנטען, זעהר בעקאַנטען וועג.

מיט אַמאָל קומט זי מיר אַנטקעגען. און דרייפֿאַך בלוי זיינען געווען איהרע אויגען, און דרייפֿאַך שטראַהלענד זיינען זיי געווען. נאָר דאָס מויל איהרס איז געוואָרען אַזוי גרויס און אַזוי בלאַס.

„אָט האָסט דו דיין רינג," זאָגט זי מיט פֿרייד, „דיין פֿערלאָבונגס־רינג. איך האָב איהם ווידער געפֿונען, געליעבטער מיינער, און האָב איהם געלאָזט גרעסער, ברייטער מאַכען. נו, איצט וועט ער דיר שוין מעהר ניט דריקען."

איך האָב אָנגעקוקט די פֿערלאָזענע פֿרוי און איהר גרויסען בלאַסען מויל. און איך האָב אויך בעטראַכט דעם רינג.

„אַך," האָב איך זיך אָבגערופֿען און זיך דערביי טיעף פֿערנייגט, „מיט דעם רינג האָבען מיר קיין מזל ניט! איצט איז ער שוין צו ברייט! . . ."

אויף דער גאס.

איך געה אַרום ביי מיר אין שטוב אַרויף און אַראָב און די מעשה מיט'ן ציימונגס־יונגעל וויל מיר גאָר פון זינען ניט אַרויס. אין פלוג געהט ער מיך גאָרנישט אָן, כ'האָב זיך אַנטקעגען איהם גאָרנישט אַזוי שלעכט אויפגעפיהרט, אדרבה, אַז מען וויל זאָגען, איז ער גאָר געווען צופרידען מיט'ן גאַנצען עסק. נאָר דאָך האָב איך איהם אַרומגעזוכט צוויי שעה נאָכאַנאַנד, כדי זיך איבערצובעטען מיט איהם.

אָט ווי ס'איז צוגעגאַנגען. איך געה מיר אַזוי אַרויף מיט דער קאַרל יאָהאַן־גאַס. ס'איז געווען קאַלט און פינסטער, נאָר דער עיקר איז געווען פינסטער, און דער זייגער האָט שוין געמוט זיין אַרום זיבען. מילא, געה איך אַזוי מיט אָפענע אויגען און בעטראַכט די גאַס.

מיט אַמאָל דערזעה איך דעם ציימונגס־יונגעל, ווי ער שטעהט אויף'ן עק גאַס לעבען גינטהערס קאָנדיטאָריי און רופט אויס דעם „וויקינג". ער האָט איין נוסח און זאָגט כסדר נור אָט די ווערטער:

„קויפט פאָרט דעם וויקינג!"

כ'האָב עס ניט בעמערקט גלייך אויף'ן שטעל, ערשט אַז איך בין פערבייגעגאַנגען אַ פאָר טריט, זיינען מיר די ווערטער זיינע אַריין אין מוח. כ'האָב זיך אומגעקוקט צו איהם און געטראַכט: דו וואָלסט איהם כ'לעבען געמעגט געבען אַ צעהנער, נישקשה, וועסט ניט אָרעמער ווערן דערפון. און איך לייג מאַקע אַריין די האַנד אין קעשענע אַרויסצונעהמען די מטבע. איך בעמערק, אַז דער ערשטער איינפאַל מיינער איז ווירקליך געווען, דעם יונגעל צו געבען אַ צעהנער. אָבער ווי איך האָב נור גע־האַלטען די האַנד אין טאַש, דערלאַנגט מיר מיט אַמאָל אַ שטורכע די אַלטע לעבענס־קלוגקייט, און כ'מאַך צו זיך אַליין: עט, ס'האָט קיין זינן ניט שיינקען אַ מענשען צעהן ערע, ער וועט דערמיט נישט געהאָלפען ווערן; ניט אַמאָל צעהן קראָנען קענען דאָ העלפען, דאָס מאַכט די זאַך נאָך ערגער ווי עס איז, עס פיהרט איהם איבער און אַזוי ווייטער.

איך בין אַרויף צו דער אוניווערזיטעט און דערנאָך דעם זעלבען וועג צוריק. ביי די פענסטער פון קאַמערמייער'ס בוכהאַנדלונג בלייב איך שטעהן און קוק זיך צו צו די ביכער, און ווי איך שטעה אַזוי מיט'ן רוקען צו דער גאַס דערהער איך ווידער דעם ציימונגס־יונגעל'ס קול.

ער איז געווען נאָהענט הינטער מיר. ער האָט זיך געקריגט מיט אַ פּאָר שכור'ע מאַטראָזען איבער אַ נומער „וויקינג", וואָס זיי האָבען איהם צוריסען, און די מאַטראָזען האָבען בשום אופן ניט געוואָלט בעצאָהלען פאַר דער צוריסענער נומער. האָט דאָס יונגעל אָנגעהויבען וויינען.

געה איך אַלזאָ צו צו זיי געוואָהר ווערן, ווי דאָס איז געשעהן. אויסגעהערט די מעשה, זאָג איך די מאַטראָזען, אַז עס איז זייער פליכט צו בעצאָהלען. אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען, זיי האָבען זיך פון מיר אויסגעלאַכט און געזאָגט:

„קוק נור אָן דעם דאָ!"

דאָס האָט מיך שטאַרק פערדראָסען און איך האָב צונויפגעביסען די ציינער פאַר כעס.

נו, האָב איך אַמאָל געקראָגען ערגעץ אַ גרויסע, קיילעכדיגע קראַ־וואַט־שפּילקע, וואָס זעהט אויס ווי איהר ווילט אַליין; זי איז אַזוי גרויס, אַז מען קען זי אפילו אָננעהמען פאַר אַ פּאָליציי־שילד אָדער וואָס פאַר עס איז געהיימען צייכען, און די דאָזיגע שפּילקע טראָג איך שטענדיג אויף דער לינקער זייט ברוסט אונטער'ן ראָק. און אַזוי ווי אָט די ביידע שכור'ע מאַטראָזען שטעהען אַזוי און מאַכען זיך לוסטיג מיט דער צורי־סענער נומער „וויקינג" און ווילען בשום אופן ניט בעצאָהלען פאַר איהר, פאַלט מיר פּלוצלינג איין צו ווערן דרייסט; כ'דרעה זיך אום צו די טויגעניכטסען, עפען פונאַנדער דעם ראָק און ווייז אָן אויף מיין מאָדנער קראַוואַט־שפּילקע, ניט אויסריידענדיג בעת מעשה קיין איין וואָרט. אַ רגע קוקען מיר זיך אָן איינע די אַנדערע, דערנאָך רוף איך זיך אָב מיט אַ קאַלטען און בעשטימטען טאָן:

„איהר ווילט אַלזאָ בעצאָהלען אָדער איהר ווילט געהן מיט מיר?"

דאָס האָט געהאָלפען. דער „וויקינג" איז בעצאָהלט געוואָרען, און מיר פיער מענשען־קינדער, וועלכע האָבען זיך אַרומגעריסען צוליעב'ן בלאַט, זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדער זיין וועג. דאָס יונגעל האָט זיך אויסגעווישט די אויגען און איז אַוועק מיט דער גאַס אַרויף, בעת ווען איך האָב זיך געלאָזט געהן אַראָב מיט דער קאַרל יאָהאַן־גאַס. די מאַטראָזען האָבען זיך אַוועקגעשלעפּט אין דער געגענד פון טיוואָלי.

ביי דער פּאָסט קעהר איך זיך ווידער אום און געה נאָך אַמאָל אַרויף מיט דערזעלבער גאַס. מיין מוח איז נאָך אַלץ פערנומען געווען מיט דעם צייטונגס־יונגעל. איך האָב זיך געטראַכט: דו האָסט דעם קליינעם בחור'ל געהאָלפען אָבקריגען זיין געלד, ער איז דיר, פערשטעהט זיך, דאַנקבאַר דערפאַר און ער וועט דיך שוין מעהר ניט דערקוטשען,

אַז דו ווערסט פֿערבייגעהן; ער מוז אודאי האָבען אַ געפֿיהל פֿון טאַקט, אפשר האָט ער גאָר געהאַט אַ גוטע ערציהונג.

אויבען ביים גראַנד האָטעל דערזעה איך איהם ווידער אַמאָל, ער שטעהט גאַנץ נאָהענט לעבען דער לאַמטערנע, אַזוי אַז איך קען איהם דייטליך אַרויסזעהן, און איך זאָג צו זיך אַליין, בעת איך געה צו נעהנ־טער, ווי ער וועט מיך נור דערזעהן, וועט ער אַנשווייגען ווערן, ביז איך וועל פֿערבייגעהן. און געהן געה איך פֿערביי אַזוי נאָהענט לעבען דער לאַמטערנע ווי נור מעגליך, כדי איהם צו געבען אַ געלעגענהייט מיך צו דערקענען.

כ'האָב אַ טעות געהאַט. ער האָט קיין שום חילוק ניט געמאַכט צווישען מיר און וואָס פֿאַר עס איז אַנדערן, ער האָט מיר אויסגעשטרעקט די צייטונג און געזאָגט, איך זאָל קויפֿען ביי איהם דעם „וויקינג".

שטום און געקריינקט ביז'ן ביין בין איך דורכגעגאַנגען פֿערביי איהם. כ'האָב געהאַט אַ ביטערן טעות אין איהם; ער איז, פֿערשטעהט זיך, ניט מעהר ווי אַ „וויקאַ"*)־יונגעל, אַ ריכטיגער צולאָזענער יונגאַטש, וואָס מוז שוין אודאי רויכערן טאַבאַק און טהאָן נאָך אַנדערע שעהנע זאַכען. חקיצור, ס'איז אַ ריכטיגער קליינער זשוליק, מיט וועמען איך האָב עס דאָ צו טהאָן. איך בין געווען שטאַרק ברוגז אויף איהם, געהענדיג אַזוי ווייטער, און שטיל ביי זיך אין האַרצען האָב איך געפֿיהלט, אַז איך האָב איהם בעהאַנדעלט פונקט ווי ער האָט עס פֿערדיענט, דערמיט וואָס איך איהם דעם צעהנער ניט געגעבען.

מילא, מעהר האָט ניט געפֿעהלט, ער זאָל מיר נאָך אַ דריטען מאָל אַריינשפּרינגען אין פנים אַריין מיט זיין צייטונג. אויף איהם איז אַלעס צו גלויבען, מחמת איך האָב דאָ געהאַט צו טהאָן מיט אַן עזות מחוצפ'־דיגען, קליינעם לויפֿער. מעהר האָט מיר טאַקע ניט געפֿעהלט!

ביי דער אוניווערזיטעט האָב איך זיך פֿערקירעוועט צוריק. נו, האָב איך אָנגעהויבען בערעכענען, וואו איך קען זיך אַשטייגער ווידער צונויפֿ־טרעפֿען מיט דעם יונגעל. כ'האָב עס געוואָלט אַזוי איינשטעלען, אַז איך זאָל איהם בעגעגענען אויף אַ שטאַרק בעלייכטעטען אָרט פֿון דער גאַס, כדי ער זאָל מיך גלייך דערקענען, ווי נור ער וועט מיך דערזעהן. כ'בין זיך אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט מישב מיט זיך אַליין מכח דער דאָ־זיגער פֿראַגע, אַז איך ווער, ס'זאָל מיר צו קיין חרפה ניט זיין, שטאַרק נערוועז און איך לאָז זיך אַריין אין די נאַרישסטע השערות. אַשטייגער ווי איז, טראַכט איך, אַז דאָס יונגעל איז גאָר פשוט אַוועק אַהיים? האָב

*) אַן אויסגעלאַסענער קוואַרטאַל אין קריסטיאַניאַ.

איך, הייסט עס, זיך אומזיסט און אומנישט געבראָכען דעם קאָפּ מיט די אַלע פּלענער. גאָט ווייס, צי האָט ער זיך גאָר ניט אומגעקעהרט און איז אפשר אַוועק פאָראויס פאַר מיר די גאַנצע גאַס, אָנשטאָט מיר אַנטקעגען צו קומען.

און ווער וועט זיך דאָס גאָר גלויבען, אַז איך אַלטער מענש האָב אָנגעהויבען שטעלען לאַנגע טריט, איינפאַך לויפען מיט אימפּעט, בלויז דערפאַר, כדי אַן אָרעמער צייטונגס־יונגעל זאָל האָבען אַ געלעגענהייט, מיר אָנבאָטען נאָך אַמאָל דעם „וויקינג", — פערשטעהט זיך, אויב ער וועט זיך דאָס אונטערשטעהן צו טהאָן?

אָבער ביי בלאָמקוויסט טרעף איך איהם שטעהן גאַנץ רוהיג לעבען טהיר אויף דער גראַטקע ביים פענסטער. ער שטעהט און פריערט, מיט אַרויפגעצויגענע שולטערן און מיט די הענד אין די הויזען־קעשענעס. ווען ניט ווען דערמאָהנט ער די פערביייגעהער מכח דעם „וויקינג".

ער נעהמט שוין מעהר די הענד ניט אַרויס און שטרעקט אויך ניט אויס די צייטונגען, ווי זיין שטייגער איז צו טהאָן.

נו, קום איך אַלזאָ. כ'געה דורך אַזוי נאָהענט ווי נור מעגליך פערביי איהם, עס זיינען ניטאָ קיין צוויי איילען צווישען מיר און איהם, און ער זעהט מיך גאַנץ דייטליך אין שיין פון דיאַראַמאַ'ס לאַמטערנע. און ווי ער דערזעהט מיך נור, אַז ער גיט זיך דאָס אַ הויב, קוקט מיר אַריין גלייך אין פנים אַריין, הויבט אויף זיין פּעקעל מיט צייטונגען אין דער הויך, און עפּעס אַזוי ווי צווישען אונז וואָלט גאָרנישט, אָבער טאַקע גאָרנישט פאָרגעקומען, טהוט ער אַ זאָג:

„קויפט פאָרט דעם „וויקינג"!"

איך בין געבליבען שטעהן. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער פּראָבע האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען, בשעת ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער.

נו, איז מיר אַריין אין קאָפּ גאָר אַ נאַרישע המצאה און איך האָב זי דורכגעפיהרט. דער יונג האָט מיך מיט אַ קאַלטען לונג און לעבער צום נאַר געמאַכט און דריי מאָל נאָכאַנאַנד האָט ער מיר אָנגעבאָטען דעם „וויקינג". איך בין געוועזען צורודערט און אויסער זיך פאַר כעס, און איך האָב איהם גענומען אויסריידען מיט די האַרבסטע ווערטער, וואָס איך האָב נור געקענט געפינען, דערפאַר וואָס ער לאָזט קיינעם ניט דורכגעהן רוהיג אין גאַס. ער האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט, נאָר אָנגעקוקט האָט ער מיך אַזוי ווי פריהער; דאָס איז שוין געוועזען אַביסעל צו פרעך. אָט דאָ איז ער מיר אַרויף אויף'ן זינען, דער איינפאַל

מיינער; כ'האָב אַרויסגענומען אַ פּופּציגער פון קעשענע, איהם געהאַלטען אַ ווײלע גאַנץ נאָהענט אונטער דעם יונגעל'ס נאָז און איהם אַרונטער־געלאָזט צווישען די אײזענס פון דער גראַטע, אויף וועלכער ער איז גע־שטאַנען. דערנאָך האָב איך טאַקע גלייך אויף'ן שטעל אַרויסגענומען אַ צווייטען פּופּציגער פון טאַש, איהם געוויזען דעם צײטונגס־יונג און איהם אַראָבגעלאָזט אין דעם זעלבען אָרט.

„אַצונד זיי מוחל," האָב איך זיך אָבגערופען מיט אַ שמייכעל, „און נעהם זיי דיר אַרויס פון אונטען, דו קליינער שד דו, און לאָז מיך צורוה!"

די גראַטע איז געווען שטאַרק אָנגעפּראָרען, און עס האָט מיר פער־שאַפט אַ געוויסע בעפרידיגונג צו זעהן, ווי מיין פלאָג־גייסט מוז קראַצען מיט די פינגער אין די שפּאַלטען און זיך מוטשען, כדי צוצוקומען צו די צוויי זילבער־שטיקלאַך. זיינע פינגער זיינען אַלע ווײלע געבליבען הײנגען אויף די קאַלטע אײזענס. כ'האָב אויך געזעהן, אַז אויף איין האַנד האָט זיך איהם געמאַכט אַ וואונד; אָבער ער האָט געאַרבייט ווייטער מיט חשק, אום צו דערגרייכען די צוויי פּופּציגער. ער לאָזט ניט נאָך, ער פערקאַטשעט איינעם פון זיינע אַרבעל ביז אַרויף און שפּאַרט אַראָב די האַנד צווישען דער גראַטע און דער וואַנד. דער אָרם זיינער האָט אויסגעזעהן שרעקליך דין.

ענדליך גיט זיך איהם איין אָנצונעהמען איין זילבער־שטיקעל אונטען.

„נו, האָב איך איינעם!" זאָגט ער גאַנץ גליקליך.

אַרויפציהענדיג די האַנד צוריק, רייסט ער זיך אָב אַ שטיק הויט אָן דער וואַנד. ער קוקט מיך אָן, צו מיין איך עס טאַקע ערנסט, אַז ער קען צונעהמען דאָס דאָזיגע געלד פאַר זיך, אָט דאָס גאַנצע געלד! און אַזוי ווי איך זאָג גאָרנישט, בעהאַלט ער עס און גרייט זיך צו אַרויס־צוקריגען אויך דעם צווייטען פּופּציגער. ער שפּאַרט ווידער אַמאָל אַראָב די האַנד אין שפּאַלט און הויבט אָן אויסציהען די פינגער זיינע נאָך'ן קליינעם אוצר. זיין אָנשטרענגונג איז גאָר ניט צו בעשרייבען, ער אַר־בייט מיט אַלע כלים, אין זיין הילפלאָזיגקייט שטעקט ער זאָגאַר די צונג אַרויס, אָקוראַט ווי דאָס וואָלט עפּעס געקענט העלפען.

„ווען איך וואָלט נור געהאַט אַ שפּענדעל," מאַכט ער, „וואָלט איך איהם געקענט צורוקען צו מיר!" און ער הויבט בעת מעשה אויף אַביסעל דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן.

צי האָט ער ערוואַרטעט הילף פון מיר? וואָס זשע, האָט דער קליי־נער דורכגעטריבענער לויפער געמיינט, איך זאָל איהם נאָך צוטראָגען אַ שפּענדעל?

„יאָ, כ'וועל דיר שאַפֿען אַ שפּענדעל!" מאַך איך. „אָבער ניט דיר צו העלפֿען, ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן! כ'וועל דיר ברייננען אַ צו קורץ שפּענדעל, מיט וואָס דו וועסט גאָרנישט קענען מאַכען. וואַרט אַ ווײלע, כ'ברייננ עס גלייך!"

„נע, דאָס לוינט זיך דאָך ניט!" האָט ער מיט אַמאָל געענטפֿערט.

ער לייגט אַריין די האַנד אין טאַש און נעהמט אַרויס אַ פֿערזשאַ־ווערט מעסערל, מיט וועלכען ער הויבט אָן צו שאַרען. ער האַלט עס צווישען צוויי פֿינגער און שטרעקט עס אויס נאָך'ן פּופּציגער. לאַנגזאַם און פֿאָרזיכטיג פֿיהרט ער די מטבע ווייטער און ווייטער צו דער וואַנד און דערנאָך אַרויף צום שפּאַלט צו.

ער איז זיכער אימשטאַנד געווען אויף אַזאַ'ן אופן דעם פּופּציגער אַרויסצוקריגען פֿון אונטען, דער קליינער חברה־מאַן איז געווען פֿעסט ענטשלאָסען דערויף. פֿול מיט פֿערדרוס האָב איך געזעהן, אַז עס גיט זיך איהם ווירקליך איין, אַרויפֿצוברייננען די מטבע ביז אויבען, און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט:

„איצט וועט עס שוין ניט נעהמען לאַנג!"

כ'האָב זיך אומגעקוקט. אַ גאַנצער עולם איז געשטאַנען אַרום אונז און האָט זיך צוגעקוקט צו דעם יונגעל און צו מיר. דאָ האָב איך זיך מיט כעס אַ דרעה געטהאָן אויף'ן קנאַפּעל און בין מיר אַוועק מיין וועג.

אָבער אין אַ שעה אַרום בין איך ווידער אַרויף מיט דער קאַרל יאָהאַן־גאַס און האָב געזוכט דעם זעלבען יונגעל. ער איז אין ערגעץ ניט געווען צו זעהן. אין דער האַנד האָב איך געהאַלטען אַ צוויי קראָ־נען־שטיק און איהם אַרומגעזוכט אַ היבשע ווײלע, כ'האָב זיך געוואָלט מיט איהם פֿערגלייכען און איהם צוגעבען נאָך אַ פּאָר שילינג אויף אַ פּאָר האַנדשוה. נאַ — ער וואָלט זיך אפשר גאָר פֿאַר דעם געלד טאַ־באַק געקויפֿט אָדער, אויב ער איז פֿון דעם ריכטען סאָרט, וואָלט ער עס פֿילייכט גאָר פֿער'שכור'ט; ס'איז אָן עבירה איהם עפּעס צו געבען.

מיט די דאָזיגע געדאַנקען בין איך אַוועק אַהיים.

נאָר היינט האָב איך ווידער געמוזט דייגקען וועגען דעם צייטונגס־יונגעל. איך דערמאָן זיך אָן זיין קלעגליכען אָרם און אָן די פּאָר בלוטס־טראָפּען אויף די דאַרע ביינדלאַך פֿון זיין האַנד. און פֿאַר די אויגען שטעהט זי מיר, זיין גאַנצע קליינע גנב'ישע געשטאַלט, בשעת ער איז געלעגען אויף'ן בויך אויף דער אייזערנער גראַטע און האָט אויסגעשטרעקט די צונג און די פֿינגער נאָך די צוויי זילבער־שטיקלאַך.

א װשוריק ערשטע קלאסע.

ליִבער לעזער! — איך האָב אָט דעם מאַן געטראָפֿען אויף אַ בית עולם. איך האָב גאָרנישט געטהאָן, כדי זיך אַריינצולאָזען מיט איהם אין אַ געשפרעך, ער אָבער האָט מיר גלייך אַרומגענומען מיט רייד, כ׳האָב זיך נור אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק, וואו ער איז געזעסען פֿאַר מיר, און געזאָגט:

„שטער איך פֿילייכט?"

דאָ האָט ער אָנגעהויבען:

„איהר שטערט גאָר ניט," האָט ער געזאָגט און מיר געמאַכט פלאַץ. — „איך זיץ דאָ בלויז און בעטראַכט אָט דעם גאַנצען טויטען רייכטהום." ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און אָנגעוויזען אויף די קברים.

מיר זיינען געווען אויף דעם קריסט־בית עולם.

וואָס ווייטער דער טאָג האָט זיך גערוקט, אַלץ לעבעדיגער איז דאָרט אויבען געוואָרען; מויערער און אַרבייטער זיינען געקומען איינער נאָך׳ן אַנדערן, דער אַלטער וועכטער איז שוין געזעסען אין זיין בודקע און האָט געלעזען צייטונגען. דאָ און דאָרט האָט מען געזעהן פֿרויען אין שוואַרצען, וועלכע האָבען געפֿלאַנצט אָדער בעגאָסען בלומען, אָדער אָבגעשניטען גראָז, וואָס איז געוואָרען צו לאַנג. און די פֿייגעל האָבען געסווישטשעט הויך אויף׳ן קול אין די גרויסע קאַסטאַניען־בוימער.

ער איז מיר געווען גאַנץ אונבעקאַנט. ס׳איז געווען אַ יונגער מאַן, מיט ברייטע פלייצעס, ניט ראַזירט און אין אַביסעל אַן אָבגעטראָגענעם קאָסטיום. די קנייטשען אויף׳ן שטערן, די שווערע שטימע, זיין געוואוינהייט פֿערטראַכטערהייט צו פינטלען מיט די אויגען, בשעת ער האָט גערעדט, דאָס אַלעס האָט איהם געמאַכט, ווי מען זאָגט, „אַלט און ערפֿאַהרען".

„זייט איהר דאָ אַ פֿרעמדער?"

„איך בין ניין יאָהר געווען אַוועק פֿון לאַנד."

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען אָן באַנק, אויסגעשטרעקט די פּיס און דורכגענומען מיט זיינע בליקען דעם גאַנצען בית עולם. פון זיין ראָק־קעשענע האָבען אַרויסגעקוקט דייטשע און פראַנצויזישע צייטונגען.

„ווי טרויעריג ס'איז אויף אַ בית עולם ווי אָט דער דאָ!" האָט ער געזאָגט. „אַזויפיעל טויטעס אויף איין שטעל! אַזויפיעל קראַפט געטויט און אַזוי ווייניג אויסגעריכט."

„וואָס מיינט איהר דערמיט?"

„דאָס איז דער בעגרעבניש־פּלאַץ פון'ם מיליטער."

אַך יאָ, דער אייביגער פריעדען! האָב איך ביי זיך געטראַכט.

ער האָט ווייטער גערעדט:

„אָבער שענדליכער פון אַלץ איז אָט דער קולט, וואָס ווערט געטריבען מיט די טויטע, אָט דער שטייגער זיי צו בעוויינען!"

„אַ פרומע צוועקלאָזיגקייט!"

ער האָט האַסטיג אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און זיך אויפגעזעצט.

„ווייסט איהר, אַז אויף די דאָזיגע קברים ליגט אַ פערמעגען פון גראַניט־שטיין? דאָן שפּרייט מען אויס טייערע בלומען איבער'ן זאַמד, מען שאַפט זיך איין בעקוועמע ביינק, צו זיצען דערויף און צו וויינען, מען שטעלט אויף הייליגע געצען־מאָנומענטען פון די ברוכשטיינער דאָרט אויבען אין די גרעפּסען־בערג, — אַ פערשטיינערט פערמעגען. דער בית עולם איז איינער פון די פּלעצער אין דער שטאָדט, וועלכע זיינען בעוואָרענט פון באַנקראָט. — — יאָ, ניט אמת, דאָס גיט אייך צו דיינקען," האָט ער ווייטער געזאָגט. „קיים ווערט ער נור דאָ אַוועקגעשטעלט, בלייבט שוין דער דאָזיגער רייכטהום דאָ שטעהן, ער איז ניט צום אָנריהרען, וואָרים ער איז טויט. אַלעס, וואָס ער פאָדערט נאָך, איז בלויז פערוואַלטעט צו ווערן, דאָס הייסט זיין אויפזיכט, זיינע טרעהרען, זיינע בלומען, וועלכע וואַלגערן זיך אַרום אויף די זאַמד־בערגלאַך און וועלקען. קרענץ ביז פופציג קראָנען אַ שטיק!"

אַ סאָציאַליסט! האָב איך זיך געטראַכט, — אַ רייזענדער האַנדווערק־יונג, וואָס איז געווען אין אויסלאַנד און האָט זיך אויסגעלערענט שרייען געוואַלד אויף'ן קאַפּיטאַל, — אויף'ן קאַפּיטאַל.

„איהר זייט, ווייזט אויס, אויך אַ פרעמדער דאָ אין שטאָדט?" האָט ער געפרעגט.

„יאָ!"

דאַן האָט ער זיך ווידער אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַרענטשע פון באַנק, געפינטעלט מיט די אויגען און געטראַכט, געפינטעלט מיט די אויגען און געטראַכט.

אַ פּאָר אַלטע געשטאַלטען געהען שטילערהייט פערביי,ביידע מיט אַ שטעקען אין דער האַנד, איינגעבויגען, פרום, שעפּטשענדיג איינער צום אַנדערן, — פיליכט עלטערן אויף'ן וועג צו אַ קבר. איבער'ן בית עולם הויבט זיך אויף אַ ווינד, בלאָזט פונאַנדער שטויב און פערוויאַנעטע, פערדאַרטע בלומען און רוישט שטילערהייט אַרום מיט די אַרונטערגעפאַלענע בלעטער, וואָס בעדעקען די דורכגיינג, און וועלכע זיינען פערטריקענט פון דער זונן.

„זעהט נור!" רופט ער זיך פלוצלינג אָן, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט, נור מיט אַ בעוועגונג פון די אויגען, „זעהט איהר די דאַמע, וועלכע קומט דאָ אָן? קוקט זיך אַקאָרשט גוט איין אין איהר, ווען זי וועט פערבייגעהן פערביי אונז."

קיין לייבטערע זאַך דערפון האָט גאָר ניט געקענט זיין. זי האָט זיך כמעט פערטשעפּעט אָן אונז מיט איהר שוואַרצען קלייד, און איהר שלייער האָט אָנגעריהרט אונזערע הים. אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט געטראָגען בלומען, איז איהר נאָכגעגאַנגען; הינטער איהר איז געגאַנגען אַ פרוי, וואָס האָט געטראָגען אַ גראַבליע און אַ גיס־קאַן. זיי זיינען אַלע דריי פערשוואונדען אין דעם זייטען־שטעג, וואָס האָט געפיהרט צום אונטערשטען טהייל פון בית עולם.

„נו?" האָט ער געפרעגט.

„נו?"

„איהר האָט גאָרנישט בעמערקט?"

„קיין אויסערגעוועהנליכעס. זי האָט אונז אָנגעקוקט."

„זיינט אַזוי גוט, זי האָט מיך אָנגעקוקט. איהר שמייכעלט און ווילט פערזיכערן, אַז עס לוינט זיך ניט וועגען דעם צו אַמפּערן. די זאַך איז די, אַז זי איז מיט עטליכע טעג צוריק דאָ פערבייגעגאַנגען. איך בין געזעסען דאָ און גערעדט מיט'ן טויטען־גרעבער, איך האָב זיך בעמיהט איהם אויסצודריקען אַ קליין ביסעלע פעראַכטונג פאַר זיין בכבוד'יגע מלאכה." —

„אָבער פאַרוואָס פאָרט?"

„ווייל ער ראָיעט אומזיסט און אומנישט אויף די ערד צום גרויסען שאָדען פאַר די לעבעדיגע, וועלכע דאַרפען לעבען דערפון."

אַן אָרעמער, פערפיהרטער פריי־גייסט אַלזאָ! האָב איך ביי זיך

געטראַכט; וואו שטעהט עס געשריבען, אַז די מתים זאָלען ניט בעגראָ־בען ווערן אין דער ערד? איצט הויבסט דו מיך שוין אָן נודיען.

„איך בין געזעסען דאָ און גערעדט מיט'ן קברות־מאַן. ס'איז אַן אונרעכט, האָב איך געזאָגט. די דאַמע איז פערבייגעגאַנגען, זי האָט געהערט מיינע ווערטער און אַ קוק געטהאָן אויף מיר. כ'האָב גערעדט פון אונרעכט אויף אַ הייליגען אָרט. יאָ, אגב אורחא: האָט איהר בעטראַכט די אַלטען פרוי מיט דער גראַבליע און מיט דער גיס־קאַן און די אָבגעאַרבייטע הענד? און איהר רוקען, ווי איינגעבויגען ער איז? דאָס דאָזיגע וועזען האָט ווירקליך אַוועקגעגעבען איהר געזונד אין דער שטרעבונג, אויפצוראָיען און פונאַנדערגראָבען די ערד, דעם קוואַל פון לעבען. אָבער האָט איהר עס געזעהן: דריי ביז פיער טריט הינטער דער גרויסאַרטיגער פרוי, וועלכע געהט צו אַ קבר אָבריכטען איהר טרויער? יאָ, ניט דאָס איז דאָס אייגענטליך געווען. האָט איהר געזעהן, וואָס דאָס קליין מיידעלע האָט געטראָגען?"

„בלומען."

„קאַמעליען. רויזען. האָט איהר דאָס געזעהן? בלומען צו איין קראָנע אַ שטיק. פיינע בלומען, וועלכע האָבען אַ גאַנץ אויסערגעוועהנ־ליך עמפפינדליכען לעבען; אַז די זונן שרפה'ט אַביסעל, שטאַרבען זיי אָב. אין פיער טעג צייט וועט מען זיי אַריבערוואַרפען איבער די שטראַ־כעטען דאָרט אונטען אין גאָרטען, דאַן וועט מען ברייננגען אַנדערע, נייע אויף זייער פלאַץ."

דאָ האָב איך דעם פרייגייסט געענטפערט און געזאָגט:

„די פיראַמידען זיינען דאָך נאָך טייערער געווען."

דאָס האָט ניט געהאַט די ווירקונג, וועלכע איך האָב ערוואַרט. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז ער האָט שוין די טענה אַמאָל פריהער געהערט.

„אין יענער צייט האָט ניט געהערשט קיין אָרעמקייט," האָט ער געזאָגט. „אַחוץ דעם איז עגיפטען געווען דער תבואה־שייער פון דער גאַנצער רוימישער מלוכה, די וועלט איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אַזוי ענג. איך קען פון ערפאַהרונג זאָגען, ווי ענג זי איז איצט. ניט איך פערזענליך האָב געמאַכט אָט די ערפאַהרונג, נאָר אַן אַנדערער. אָבער איך וויים נור, אַז די פיראַמידע אין דער וויסטע איז איינס און אַ גוט־געפלעגטער, מאָדערנער קבר איז גאָר עפּעס אַנדערש. קוקט זיך אַקאָרשט אום דאָ! הונדערטער קברים, מאָנומענטען פאַר גרויסע סומען, גראַניט־שטיינער פון די גרעפּסען־בערג צו דריי קראָנען זעכציג ערע אַן אייל. שטיקער גראָז־ערד פון עגעבערג צו צוויי קראָנען פופציג ערע אַ

קוואַדראַט־מעטער. איך וויל שוין גאָר ניט ריידען פֿון די מצבות און די אויפֿשריפֿטען, פֿון די שטיינערנע זיילען אין פֿאָלירטער אָדער רויהער אַרבייט, אויסגעהאַקט אָדער צונויפֿגעזעצט פֿון שטיקער, רויט, ווייס און גרין. קוקט נור אַקאָרשט אָן אָט די מאַסע שטיקער גראָז־ערד! איך האָב גערעדט מיט׳ן קברות־מאַן דעריבער; דער האַנדעל דערמיט האָט זיך אַזוי שטאַרק פֿערשפּרייט, אַז עס איז שוין באַלד ניטאָ קיין גראָז־ערד צו קריגען. נו איך בעט אייך, בערעכענט פֿאַרט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס גראָז־ערד, וואָס פֿאַר אַ בעדייטונג דאָס האָט: ס׳איז דאָך דאָס לעבען!״

דאָ האָב איך זיך ערלויבט צו ענטפֿערן, אַז דאָס דאָזיגע לעבען קען ניט און דאַרף ניט בערויבט ווערן פֿון יעדער אידעאַליטעט; עס ליגט דאָך יעדענפֿאַלס אַ שטיקעל עטהישע בעדייטונג אין דעם, וואָס די מענשען קענען נאָך אָבשפּאָרען אַ פּאָר שטיקער גראָז־ערד פֿאַר זייערע ליעבע טויטע. און מיט דער מיינונג בין איך נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג.

„זעהט איהר,״ האָט זיך דער מאַן אָבגערופֿען מיט היץ, „פֿון דעם, וואָס ווערט דאָ טאָג־טעגליך פֿערשווענדעט, וואָלטען געקענט לעבען גאַנצע פֿאַמיליען, קינדער וואָלטען דערפֿון געקענט ערצויגען ווערן, און געבראָכענע עקזיסטענצען וואָלטען דערמיט געקענט געפֿינען זייער רעטונג. איצט זיצט די יונגע פֿרוי דאָרט אונטען און פֿערגראָבט אין דער ערד קאַמעליען, וועלכע זיינען ווערטה צוויי קינדער־קליידלאַך. אַז דער טרויער האָט נור די מיטלען פֿאַר אַזוי וואָס, ווערט ער איינפֿאַך אַ פֿרעסער, אַ זולל וסובא.״

ער איז זיכער אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָב איך זיך געטראַכט; פֿילייכט איז ער גאָר אַן אַנאַרכיסט, וואָס האָט אַ פֿערגניגען דערפֿון, איבערצוקעהרען אַלעס מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פֿיס אַרויף. כ׳האָב זיך צוגעהערט צו איהם מיט ווינציג וואָס אינטערעס.

ער האָט וויימער גערעדט:

„און דאַן זיצט דאָרט אויבען אַ מאַן, דער וועבטער. ווייסט איהר, וואָס דער האָט אַזוינס צו טהאָן? קודם כל קריכט ער ווי עס איז דורך זיין צייטונג, און דאַן בעוואַכט ער די קברים. עס הערשט אָרדנונג אין׳ם קולט פֿון די טויטע. היינט בשעת איך בין געקומען, האָב איך איהם געזאָגט, ווען איך זעה אַ קינד, וואָס גנב׳עט דאָ בלומען, כדי זיך פֿאַר דעם בעטרעף צו קויפֿען שוהל־ביבער, אַ קליין מיידעלע, מאָגער און שרעקעדיג, וואָס נעהמט אַוועק אַ קאַמעליע, כדי זיך דערפֿאַר עסען

צו קויפֿען, וואָלט איך זי ניט אויסגעגעבען, איך וואָלט איהר ארדרבה גע־האָלפֿען. דאָס רוף איך אונרעכט, האָט געזאָגט דער אַלטער וועכטער. אונרעכט, האָט ער געזאָגט. אַ הונגעריגער מאַן שטעלט אייך איין שעהנעם טאָג אָב אין מיטען גאַס און בעט אייך איהם זאָגען, וויפֿיעל דער זייגער איז. איהר נעהמט אַרויס אייער זייגער, — קוקט זיך אַקאָרשט גוט איין אין זיינע אויגען! מיט אַמאָל, שנעל ווי אַ בליץ, רייסט ער אייך אַרויס דעם זייגער פֿון האַנד און אַנטלויפֿט דערמיט. אייך בלייבען צווי אויסוועגען. איהר קענט מעלדען דעם רויב אין דער פּאָליציי, און דאַן קריגט איהר אין אַ פּאָר טעג אַרום צוריק אָב אייער זייגער, וועלכען מען געפֿינט ביי אַ פֿאַנד־לייהער, און אין פֿערלויף פֿון פֿיער און צוואַנציג שעה קומט דער פֿערברעכער געוועהנליך נאָך. אָדער איהר קענט שווייגען. דאָס איז דער צווייטער אויסוועג. איהר קענט שווייגען. — — איך בין אייגענטליך אַביסעל מיעד, וואָרים איך בין די גאַנצע נאַכט אויף געוועזען."

„אַזוי, איהר זייט אויף געוועזען די גאַנצע נאַכט! נו, דער טאָג שטעהט ניט. איך האָב אויך וואָס צו טהאָן."

איך האָב זיך אויפגעהויבען, גרייט צו געהן.

ער האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף'ן ים און די בריקען.

„איך בין אַרומגעגאַנגען דאָרט אונטען אין די שמוציגע הינטער־געסלאַך, כדי אויסצוגעפֿינען, ווי עלענד און נויט שלאָפֿען ביינאַכט. הערט איהר? עס טרעפֿען אַזעלכע מאָדנע זאַכען! איין אָבענד פֿאַר ניין יאָהרען, בשעת איך בין געזעסען דאָ אויף דעם זעלבען אָרט, — איך מיין, ס'איז געוועזען אויף אָט דער זעלבער באַנק — איז געשעהן עפּעס, וואָס איך קען ניט פֿערגעסען. ביסלעכווייז איז דער טאָג פֿערביי, ס'איז געוואָרען גאַנץ שפּעט. די בית עולם־בעזוכער זיינען שוין אַוועק אַהיים; אַ שטיין־האַקער, וועלכער איז געלעגען אויף'ן בויך דאָרט הינטען איבער אַ מאַרמאָר־פּלאַטע און האָט אויסגעהאַקט די ווערטער פֿאַר אַ מצבה, האָט ענדליך געענדיגט זיין אַרבייט; ער האָט זיך אָנגעטהאָן דאָס רעקעל, אַריינגעלייגט די געצייג אין די פֿערשיעדענע קעשענעס און איז זיך אַוועק. ס'האָט אָנגעהויבען בלאָזען, די קאַסטאַניען־בוימער האָבען שוין גאַנץ שטאַרק גערוישט, און אַ קליין אייזערן קרייץ, וואָס איז געשטאַנען דאָ ניט ווייט, — ס'איז איצט, מיין איך, שוין ניטאָ — האָט זיך אַביסעל אַרומגעשאָקעלט אין ווינד. איך האָב זיך אויך צוגעקנעפּעלט מיין רעקעל און בין געוועזען גרייט צו געהן, מיט אַמאָל דערזעה איך, ווי דער טוי־טענגרעבער קומט אַרויף דאָרט פֿון דעם זייטיגען שטעג, און צוקומענדיג צו מיר פֿרעגט ער האַסטיג, צי איז דאָ ניט פֿערבייגעגאַנגען אַ קליין

מיידעלע אין אַ געל קליידעלע און מיט אַ שוהל־טאַש אין דער האַנד.

כ'האָב זיך ניט געקענט דערמאָנען, איך זאָל זי האָבען געזעהן. וואָס איז דען אַזוינס געשעהן מיט דעם קליינעם מיידעלע?

„זי האָט גע'גנב'עט בלומען," האָט דער קברות־מאַן געזאָגט און איז אַוועק ווייטער.

איך בין געבליבען זיצען גאַנץ שטיל און געוואַרט, ביז ער איז צו־ריקגעקומען.

„נו? איהר האָט זי געפֿונען?"

„ניין! אָבער איך האָב פֿערשלאָסען דעם טויער."

און ער האָט זיך צוגעגרייט צו אַ ריכטיגער יאַגד. דאָס מיידעלע איז נאָך געווים דאָ אויף'ן בית עולם, און איצט מוז איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל געמאַכט ווערן אַ סוף צו דער געשיכטע. דאָס איז שוין היינט גע־ווען די דריטע, וועלכע האָט גע'גנב'עט. שוהל־קינדער, קלוגע קליינע מיידעלאַך, וועלכע ווייסען גאַנץ גוט, אַז עס איז אונרעכט. ווי? זיי גנב'ענען צו די בלומען, מאַכען קרענץ דערפֿון און פֿערקויפֿען זיי. יאָ, פֿיינע קינדער! ניטאָ וואָס צו ריידען!

איך בין מיטגעגאַנגען מיט דעם טויטענגרעבער און האָב איהם אַ צייט־לאַנג געהאָלפֿען זוכען די קליינע. אָבער זי האָט זיך גוט בעהאַלטען. מיר האָבען מיטגענומען דעם וועכטער, מיר האָבען אַלע דריי געזוכט און זי ניט געפֿונען. ס'האָט אָנגעהויבען ווערן פֿינסטערלאַך און מיר האָבען אויפֿגעהערט זוכען.

„וואו איז דער בע'גנב'עטער קבר?"

„דאָרט. נאָך דערצו אַ קינדערשער קבר! האָט מען ווען געזעהן אַזאַ'ן אַקט?"

איך בין צוגעגאַנגען אַהין. איצט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אָט דער קבר איז מיר ניט פֿרעמד געווען. דאָס קליינע פֿערשטאָרבענע מיי־דעלע האָב איך גאַנץ גוט געקענט, און דעם זעלבען פֿאָרמיטאָג האָבען מיר זי בעגראָבען. די בלומען זיינען פֿערשוואונדען, אויך מיינע אייגענע. כ'האָב זיי אין ערגעץ ניט געזעהן.

„מיר מוזען ווייטער זוכען," האָב איך געזאָגט צו די אַנדערע. „דאָס איז שענדליך!"

דער קברות־מאַן האָט אייגענטליך גאָר ניט געהאַט וואָס צו טהאָן דערמיט, נאָר דאָך האָט ער זיך פֿעראינטערעסירט אין דער זאַך. און מיר האָבען אַלזאָ אַלע דריי אָנגעהויבען פֿון דאָס ניי צו זוכען. פּלוצלינג האָב איך אונטען, דאָרט וואו דער וועג פֿערקירעוועט זיך, דערזעהן אַ

קליין מענשען־קינד, אַ מיידעלע, וואָס איז געזעסען צונויפגעקאָרטשעט אויף דער ערד, הינטער דער גרויסער פּאָלירטער מצבה פון דעם בריגאַדע־אינספּעקטאָר וויטה, און האָט געהאַלטען די אויגען אָנגעשטעלט אויף מיר. זי האָט זיך אַזוי קליין געמאַכט, אַז דאָס העלזעל איהרס איז געווען אין גאַנצען אַריינגערוקט אין רוקען.

אָבער איך האָב דאָך זי געקענט! ס'איז געווען די שוועסטער פון דער פערשטאָרבענער.

„מיין ליעב קינד! פאַרוואָס זיצסט דו נאָך דאָ אַזוי שפּעט?" האָב איך געפרעגט.

זי האָט ניט געענטפערט און זיך ניט געריהרט פון אָרט. כ'האָב זי אויפגעהויבען אין דער הויך, גענומען איהר שוהל־טעשעל אין דער האַנד און איהר געהייסען געהן מיט מיר אַהיים. „האַנאַלע וויל גאָר ניט, אַז דו זאָלסט פון איהרעטוועגען נאָך זיין אַזוי שפּעט דאָ."

דאַן איז זי מיטגעגאַנגען מיט מיר און איך האָב איהר געזאָגט:

„ווייסט דו, אַז אַ שלעכט מיידעלע האָט צו'גע'גנב'עט די בלומען פון האַנאַ'ס קבר? אַ קליין מיידעלע אין אַ געל קליידעלע. האָסט זי פּילייכט געזעהן? נו, מיר וועלען זי שוין געפינען!"

און זי איז געגאַנגען רוהיג לעבען מיר, ניט אויסריידענדיג קיין איין וואָרט.

„אָט איז זי דאָך!" האָט דער טויטענגרעבער פלוצלינג אויסגעשריען. „אָט איז דאָך די גנב'טע!"

„ווי?"

„ווי? איהר האַלט זי דאָך ביי דער האַנד!"

כ'האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען און געמוזט אַ שמייכעל טהאָן.

„ניין, איהר האָט אַ טעות. זי איז ניט די גנב'טע. דאָס איז דאָס שוועסטערל פון'ם קינד, וואָס איז היינט בעגראָבען געוואָרען. זי הייסט עלינאַ, איך קען זי."

אָבער דער קברות־מאַן איז געווען גאַנץ זיכער ביי זיך. אויך דער וועכטער האָט זי דערקענט; הויפּטזעכליך אָן דעם רויטען צייבען, וואָס זי האָט געהאַט אויף איין זייט מאָרדע. זי האָט גע'גנב'עט בלומען פון איהר שוועסטער'ס קבר, און דאָס אָרעם קינד האָט זאָגאָר ניט געקענט אַרויסברייננגען קיין וואָרט פון מויל, זיך צו פערענטפערן פאַר אונז.

איצט בעט איך אייך געדיינקען אָט וואָס: איך האָב די צוויי שוועסטער שוין פון לאַנג אָן געקענט, מיר האָבען אַ היבשע צייט געוואוינט אין דעם זעלבען אָרעמען הינטערהויף און זיי פלעגען זיך אָפּט שפּיעלען

ביי מיר אונטער׳ן פֿענסטער. זיי פֿלעגען זיך אָפֿט זעהר שטאַרק אַרומ־רייסען איינע מיט דער אַנדערער און צייטענווייז זיך שלאָגען אויך, אָבער עס זיינען דאָך געווען אַ פּאָר פֿיינע קינדער, און טאָמער האָט זיך גע־מאַכט, אַז איינע פֿון זיי איז פֿערטשעפּעט געוואָרען פֿון וועמען עס איז, האָט זיך די צווייטע שטענדיג אָנגענומען פֿאַר איהר. דאָס האָבען זיי ניט געהאַט פֿון וועמען זיך אָבצולערנען. די מוטער איז געווען אַ שלעכטע פּערזאָן, וועלכע פֿלעגט זעלטען זיין אין דערהיים, און דעם פֿאָטער — מיר דוכט, יעדע האָט זיך געהאַט איהר אייגענעם — האָבען זיי קיינמאָל ניט געקענט. אָט די צוויי קינדער האָבען געהאַט אַ קליינעם לאָך, אין וועלכען זיי האָבען געוואוינט, און וואָס איז קוים געווען גרעסער ווי די מצבה דאָרט, און אַזוי ווי מיין שטיבעל איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגען זייערס, פֿלעג איך אָפֿט שטעהן ביים פֿענסטער און אַריינקוקען צו זיי. האַנאַ האָט געוועהנליך געהאַט די דעה אין שטוב, זי איז אויך געווען מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער און פֿלעגט אָפֿט זיין אַזוי פֿערשטענדיג ווי אַ דערוואַקסענע. זי פֿלעגט אימער אַרויסנעהמען דעם בלעכענעם עמער, ווען זיי האָבען געוואָלט אַ רייפֿטעל ברויט, און זומער־צייט, ווען ס׳איז געווען שטאַרק היים אויף׳ן הויף, האָט האַנאַ שכל געהאַט אָנצושעפּען אַן אַלטע צייטונג אָן פֿענסטער, כדי זיך בעשיצען פֿאַר דער שרפה׳נדער זונן. אָפֿטמאָל האָב איך אויך געהערט, ווי זי פֿלעגט פֿערהערען איהר שוועסטערל אין די שוהל אויפֿגאַבען, איידער זיי פֿלעגען געהן אין שוהלע. האַנאַ איז געווען אַ פֿערקריפּעלט, ערנסט קינד און זי האָט ניט געקענט לאַנג לעבען.

„לאָמיר אַקאָרשט אַ זוך טהאָן ביי איהר אין טאַש,״ האָט דער קברות־מאַן זיך אָבגערופֿען.

און ריכטיג, אין טאַש זיינען געלעגען די בלומען. איך האָב זאָגאַר דערקענט מיינע אייגענע צוויי, דריי.

וואָס האָב איך געקענט זאָגען דערצו?״ און דאָ איז זי געשטאַנען, די קליינע זינדערין, און האָט אונז אָנגעקוקט מיט אַ פֿערהאַרטעוועטען בליק. כ׳האָב זי פֿונאַנדערגעטרייסעלט און זי אויסגעפֿרעגט, אָבער זי האָט געשוויגען. דאַן האָט דער טויטענגרעבער דערמאָנט די פּאָליציי און אָנגענומען דאָס קינד ביי דער האַנד.

אויבען ביים טויער איז איהר מיט אַמאָל קלאָהר געוואָרען, וואָס דאָ קען געשעהן, און זי האָט פּלוצלינג געזאָגט:

„ניין, וואוהין פֿיהרט איהר מיך?״

דער קברות־מאַן האָט געענטפֿערט:

„אין פאָליציי־סטאַציאָן!"

„איך האָב זיי ניט גע'גנב'עט," האָט זי געזאָגט.

האָט זי זיי ווירקליך ניט גע'גנב'עט? זי האָט דאָך זיי געהאַט אין טאַש, מיר האָבען עס דאָך אַליין געזעהן. זי אָבער האָט מיט אַ צו־שראָקענער שטימע גע'טענה'ט, אַז זי האָט זיי ניט גע'גנב'עט.

ביים טויער האָט זיך דער קליידער־אַרבעל פון דער קליינער עלינאַ פערטשעפּעט אָן שלאָס, און דער דינער אַרבעל איז שיער ניט אויסגע־ריסען געוואָרען. און פון אינעווייניג האָט אַרויסגעבלישטשעט דער מאָ־גערער קליינער אָרם איהרער.

מען איז אַלזאָ געגאַנגען אין פאָליציי־סטאַציאָן. איך האָב זיי בעגלייט. עס זיינען געמאַכט געוואָרען אַ פאָר ערקלעהרונגען, אָבער אַזוי ווייט ווי איך ווייס, איז דער קליינער עלינאַ'ן גאָרנישט געשעהן. איך אַליין האָב זי שוין מעהר ניט געזעהן, ווארים איך בין דאַן אַוועקגעפאָהרען און גאַנצע ניין יאָהר ניט געווען דאָ אין שטאָדט.

איצט אָבער האָב איך געקריגען אַן אַנדער מיינונג וועגען דער זאַך. ס'איז געווען גאַנץ פאַלש, דאָס וואָס מיר האָבען דאַן געטהאָן. זי האָט די בלומען נאַטירליך ניט גע'גנב'עט, אָבער זאָגאַר ווען זי וואָלט עס געטהאָן? איך זאָג זיך: פאַרוואָס דען ניט? האָט מען ווען געהערט אַזאַ'ן אַקט, ווי מיר האָבען אָבגעטהאָן? אָבער קיין ריכטער קען אונז דערפאַר ניט פעראורטהיילען, מיר האָבען זי נור פערהאַלטען און זי געפיהרט פאַר'ן געריכט. כ'קען אייך זאָגען, אַז איך האָב זיך ווידער געזעהן מיט עלינאַ'ן און קען אייך פיהרען צו איהר!"

ער איז אַ ווײלע אַנשוויגען געוואָרען.

„אויב איהר ווילט פערשטעהן, וואָס איך וועל דערצעהלען, מוזט איהר זיך גוט צוהערען! יאָ, זאָגט דאָס קראַנקע קינד, אַז איך וועל שטאַרבען, וועל איך געוויס קריגען בלומען, פיללייכט אַסך בלומען, ווארים די לעה־רערקע וועט אַודאי שיקען אַ בוקעט און פרוי בענדיכע וועט פיללייכט גאָר שיקען אַ קראַנץ.

אָבער די קליינע קראַנקע איז קלוג ווי אַן אַלטע. זי איז צו שטאַרק געוואַקסען, אַז זי זאָל קענען בלייבען לעבען, און די קראַנקהייט האָט נאָך דערצו אויף אַן אונגלויבליכען אופן געשאַרפט איהרע געדאַנקען. אַז זי רעדט, שווייגט די אַנדערע, די קלענערע שוועסטער, וועלכע שטריינגט זיך שטאַרק אָן זי צו פערשטעהן. זיי וואוינען דאָרט אַליין, און די מוטער איז קיינמאָל ניטאָ אין דערהיים, נאָר פון צייט צו צייט שיקט זיי פרוי בענדיכע עסען, און זיי שטאַרבען ניט פון הונגער. איצט קריגען זיך

שוין די שוועסטער קיינמאָל מעהר ניט אַרום, ס'איז שוין לאַנג, לאַנג, זינט זיי האָבען געהאַט אַ שטרייט צווישען זיך, און זייערע אַמאָליגע שטרייטיגקייטען פון די פריהערדיגע צייטען אויף'ן שפּיעל־פּלאַץ זיינען שוין פון לאַנג פערגעסען.

אָבער די בלומען זיינען ניט אַזאַ הערליכע זאַך, זאָגט די קראַנקע ווייטער. זיי ווערן פערוויאַנעט. און פערוויאַנעטע בלומען זיינען ניט שעהן צו האָבען אויף אַ קבר. און אַז זי וועט זיין טויט, וועט זי דאָך זיי ניט קענען זעהן, און וואַרעמען וואַרעמען זיי אויך ניט. אָבער צי געדיינקט זי נאָך, עלינאַ, די שיך, וואָס זי האָט אַמאָל געזעהן אויף'ן באַזאַר? זיי זיינען געווען וואַרם!

עלינאַ האָט זיך נאָך גאַנץ גוט דערמאַנט אָן די שיך. און כדי צו ווייזען איהר שוועסטער, ווי קלוג זי איז, האָט זי איהר גאַנץ גענוי אויסגעמאָלט, ווי די שיך האָבען אויסגעזעהן.

ס'איז שוין ניט געווען ווייט ביז צום ווינטער. און דורך'ן פענסטער האָט אַזוי שרעקליך געצויגען, אַז דאָס וואַש־טוך דאָרט אויף'ן טשוואָק איז געווען פערפראָרען און גאַנץ שטייף. עלינאַ וועט קענען קריגען אַזאַ פּאָר שיך.

די צוויי שוועסטערלאַך האָבען זיך אָנגעקוקט. עלינאַ איז גאָר ניט אַזוי דום.

יאָ, זי וועט קענען נעהמען איהרע בלומען און זיי פערקויפען. דאָס וועט זי קענען. עס געהען זונטאָג אַזוי פּיעל מענשען אויף דער גאַס שפּאַצירען. זיי פאָהרען אָפט אַרום מיט בלומען אין די קנאָפּלעכער אויף'ם לאַנד, און אָפטמאָל זעהט מען הערען מיט אַ בלום אין קנאָפּ־לאָך, פאָהרענדיג אין אַ דראָשקע. זיי קויפען אַודאי בלומען.

עלינאַ האָט געפרעגט, צי זי קען זיך ניט קויפען אַ קעצעלע.

יאָ, אויב זי וועט האָבען איבעריג געלד. אַפריהער אָבער זאָל זי קויפען די שיך.

דאָס האָבען זיי אָבגערעדט איינע מיט דער אַנדערער. קיינער האָט גאָר ניט געהאַט וואָס צו זאָגען דעריבער, די צוויי קינדער האָבען עס צווישען זיך אָבגעמאַכט. עלינאַ מוז אָבער זיין אויף'ן פלאַץ און נאָך דעם זעלבען אָבענד צונעהמען די בלומען, איידער זיי ווערן פערוויאַנעט."

„ווי אַלט האָט די קראַנקע געקענט זיין?"

„צוועלף, דרייצעהן יאָהר, דיינק איך. ניט אַלע מאָל שפּיעלען די יאָהרען אַ ראָלע. איך האָב געהאַט אַ שוועסטער, זי האָט געלערענט גריביש, ווען זי איז נאָך געווען אַזוי קליין.

אָבער עלינאַ'ן איז פֿונדעסטוועגען ניט גוט געגאַנגען ביי דער געשיכטע. בעשטראָפֿט איז זי טאקע ניט געוואָרען, אָבער די פּאָליציי האָט דאָך אָנגעוואָרפֿען אויף איהר אַן אונשולדיגען קליינעם שרעק, און דערמיט האָט זי נאָך פֿערהעלטניסמעסיג גוט אָבגעשניטען. דאַן האָט זיך די לעהרערקע גענומען זאָרגען פֿאַר איהר. זיך זאָרגען פֿאַר אַ קינד, הייסט עס אויסצייכנען, עס שטעלען אויף פּראָבע, עס בעאָבאַכטען אין געהיים. עלינאַ ווערט אַרויסגערופֿען אין די פויזען, צווישען איין שטונדע און דער אַנדערער: ליעבע עלינאַ, וואַרט אַ ווײַלע, איך וויל עפּעס ריידען מיט דיר! דאַן ווערט זי געוואָרענט, ליעבליך און בעשטימט, נאָר ניט אין דער רעכטער צייט ווערט זי דערמאָנט אָן דער זאַך און אויפֿגעפֿאָדערט צו בעטען גאָט, ער זאָל איהר מוחל זיין.

דאָ צוברעכט זיך עפּעס אין איהר.

עלינאַ ווערט אָבגעלאָזען, זי קומט מיט אַן אומגעוואַשענעם געזיכט, פֿערגעסט איהרע ביכער אין דערהיים. פֿערדעכטיגט, פֿערפֿאָלגט פֿון פֿאָרשענדע אויגען, קריגט זי די געוואוינהייט, זיך אויסצודרעהען פֿון דער לעהרערקע'ס בליק, ניט קוקען די מענשען אין די אויגען. זי געוואוינט זיך צו צו די גנב'ישע, האַסטיגע בליקען, וועלכע גיבען איהר אַ שרעקעדיגען אויסדרוק. און דאַן אין אַ שעהנעם טאָג, ווערט זי קאָנפֿירמירט, דער פּאַסטאָר האַלט איהר אַ דרשה וועגען אַ געוויסען געבאָט, יעדער איינער האָט זיך זיינע געדאַנקען איבער איהר פֿערגאַנגענהייט. און דאַן פֿערלאָזט זי די קירכע און זי פֿערלאָזט איהר קליין שטיבעל. די זונן שיקט אַראָב איהרע גאָלדענע שטראַהלען איבער דער שטאָדט, דער עולם שפּאַצירט אַרום אין גאַס מיט בלומען אין קנאָפּ־לאָך, זי פֿאָהרט אַליין אַרוים אויף'ם לאַנד אין אַ דראָשקע — — —

און די נאַכט האָב איך זיך געטראָפֿען מיט איהר. זי וואוינט דאָרט אונטען. זי איז געשטאַנען אין אַ טויער און האָט שטילערהייט, שעפּטשענדיג גערעדט צו מיר. איך האָב קיין טעות ניט געקענט האָבען, כ'האָב געהערט איהר שטימע, און איך האָב דערקענט דעם רויטען צייכען אויף איהר געזיכט. אָבער גרויסער גאָט, ווי שטאַרק זי איז דאָס געוואָרען!"

„קומט אַהער! איך בין עס!" האָט זי געזאָגט.

„יאָ איך בין עס אויך," האָב איך געענטפֿערט. „ווי גרויס דו ביסט געוואָרען, עלינאַ!"

גרויס? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּלאַפּלעריי? זי האָט קיין צייט ניט

צו שטעהן דאָ און פּלוידערן. אויב איך וויל ניט אַריינגעהן אינעווייניג, דאַרף איך ניט בלייבען דאָ און פערשטעלען אַנדערע דעם וועג.

כ'האָב אָנגערופען מיין נאָמען, איהר דערמאָנט אָן דעם הינטער־הויף, אָן דער קליינער האַננאַ, אָן אַלעס, וואָס איך האָב נור געדיינקט. לאָמיר אַריינגעהן און אַ ווײלע שמועסען צוזאַמען, האָב איך געזאָגט.

אַז מיר זיינען אַריינגעקומען, רופט זי זיך אָב:

„ווילט איהר עפּעס הייסען געבען צו טרינקען?"

אַזוי איז זי שוין.

„שטעלט זיך פאָר, ווען האַננאַ וואָלט איצט אויך געווען דאָ! דאַן וואָלטען מיר דריי ווידער געזעסען צוזאַמען און געפלוידערט איבער דאָס און יענעס."

זי האָט זיך צולאַכט אויף'ן קול.

„וואָס פּלאַפּעלט איהר דאָ פאַר נארישקייטען! איהר ווערט שוין ווידער קינדיש!"

„וואָס זשע, איהר דיינקט שוין גאָר מעהר ניט אָן האַננאַ'ן?" האָב איך געפרעגט.

דאָ האָט זי אַ שפּיי געטהאָן מיט כעס אויף דער ערד.

האַננאַ און ווידער אַמאָל האַננאַ! צי דיינק איך פאָרט, אַז זי איז נאָך אַ קינד? דאָס מיט האַננאַ'ן איז שוין אַ ווייטע, צו ווייטע געשיכטע, וואָס פאַר אַ פּלוידעריי איז דאָס! צי זי זאָל אונז ברייננגען עפּעס צו טרינקען?

„יאָ, פאַרוואָס דען ניט?"

זי שטעהט אויף און געהט אַרוים.

אַרום און אַרום אין די זייטיגע צימערן הער איך שטימען, אַ גערויש פון אַרויסגעצויגענע פּראָבקעס, קללות, שטילע געשרייען. טהירען ווערן געעפענט און ווידער צוגעמאַכט, אַלע ווײלע האָט מען אויף דרויסען אין קאָרידאָר גערופען אַ קעלנערין, וועלכע האָט געקריגען אַ בעפעהל.

עלינאַ איז אַריינגעקומען צוריק. זי האָט זיך געוואָלט זעצען ביי מיר אויף'ן שויס, זי האָט אויך פערריכערט אַ ציגאַרעטעל.

„פאַרוואָס טאָר איך עפּעס ניט זיצען ביי דיר אויף'ן שויס?" האָט זי געפרעגט.

„ווי לאַנג איז שוין אַז איהר זייט דאָ?"

„איך ווייס ניט אויף ריכטיג. וואָס איז דאָ ניט אַלצאיינס? פאַר דיין געזונד!"

מיר האָבען געטרונקען. זי האָט געזונגען אַ מעלאָדיע אָהן שטימע, דעם נאַרישסטען אונזין, עפּעס פֿון אַ שפּיעל־קאַסטען.

„וואו האָט איהר דאָס געלערענט?"

„אין טיוואָלי."

„געהט איהר אָפֿט אַהין?"

„יאָ, ווען איך האָב גענוג געלד דערצו. איצט האָב איך אָבער קיינמאָל גאָרנישט. די בעל הבית'טע האָט היינט פֿערלאַנגט פֿון מיר געלד. זי נעהמט אַזאַ גרויסען פּרייז, זי מוז האָבען אַזויפֿיעל געלד, — און דאַן בלייבט פֿאַר אונז גאָרנישט איבער. — וואָלסט דו מיר ניט געקענט געבען נאָך אַביסעל געלד?"

כ'האָב גאָט צו דאַנקען געהאַט נאָך אַביסעל געלד, וואָס איך האָב איהר געקענט געבען.

זי האָט עס צוגענומען אָהן דאַנק און אָהן אַ שום בעוועגונג, אָבער פֿילייכט האָט זי דאָך געפֿיהלט אַ קליינע אינערליכע פֿרייד דערביי. זי האָט מיך געבעטען צו בעשטעלען נאָך אַ פֿלאַש וויין. אָט אַפּנים איך האָב געזאָלט ריכטיג אויסגעפּומפּט ווערן.

דער וויין איז געקומען.

אָבער אַצונד האָט זי זיך אויך געוואָלט אַרויסצייגען, מאַכען אַ פּאַ־ראַד פֿאַר מיר. זי האָט געוואָלט אַריינרופֿען אַ פּאָר פֿון די אַנדערע מיידלאַך און זיי טראַקטירען מיט וויין. די מיידלאַך זיינען אַריינגעקומען. זיי זיינען געגאַנגען אין קורצע, קראָכמאַליעטע קליידלאַך, וואָס האָבען געמאַכט אַ גערויש, ווען זיי האָבען זיך געריהרט; זייערע אָרעמס זיינען געווען נאַקעט, און זיי האָבען געטראָגען קורץ־געשאָרענע האָר.

עלינאַ האָט מיך פֿאָרגעשטעלט, און זי האָט גאַנץ גענוי געדיינקט מיין נאָמען. אין אַן אונפֿערשעהמטען טאָן האָט זי דערצעהלט, אַז איך האָב איהר געגעבען אַסך געלד, איך בין איהרער אַן אַלטער גוטער פֿריינד, זי קען ביי מיר בעטען וויפֿיעל געלד זי וויל נור. ס'איז אימער אַ ז ו י געווען.

די מיידלאַך האָבען געטרונקען און זיינען אויך געוואָרען פֿרעהליך, זיי האָבען זיך אַריבערגעשטיגען איינע די אַנדערע אין אונגלויבליכע צוויי־דייטיגע אויסדריקע און אויסגעקרעהט אַלערליי ליעדער. עלינאַ איז גע־וואָרען אייפֿערזיכטיג, ווען איך האָב אויך אויסגערעדט אַ וואָרט מיט איינער פֿון די אַנדערע, זי האָט זיך אָנגע'ברוגז'ט און איז געוואָרען אונאַנגענעהם. אָבער איך האָב בכיוון אויך גערעדט מיט די אַנדערע, בדי צו צווינגען עלינאַ'ן, זי זאָל אַביסעל מעהר דערצעהלען פֿון זיך,

וואָרים איך האָב גערן געוואָלט וויסען, וואָס ביי איהר אין האַרצען טהוט זיך. אָבער ס'האָט זיך מיר גאָרנישט איינגעגעבען, זי האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ אַהינטער און זיך כלומר'שט גענומען עפּעס טהאָן, אויפראַמען. ענדליך האָט זי גענומען איהר הוט און יאַקעל און זיך צוגעגרייט אַרויס־צוגעהן אין גאַס.

„וואָס זשע, איהר געהט גאָר אַוועק?" האָב איך אַ פרעג געטהאָן.

זי האָט ניט געענטפערט. זי האָט זיך שטילערהייט פאַר זיך צוגע־זונגען אַ ליעדעל, בעת זי האָט אָנגעטהאָן דעם הוט. פּלוצלינג האָט זי אויפגעעפענט די טהיר צום קאָרידאָר און אַ געשריי געטהאָן:

„גינאַ!"

דאָס איז געווען איהר מוטער.

זי איז צוגעקומען, מיט שווערע טריט, זיך שלעפּענדיג אין ברייטע פאַנטאָפעל. זי האָט אָנגעקלאַפּט, איז אַריין און געבליבען שטעהן ביי דער טהיר.

„כ'האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, דו זאָלסט יעדען טאָג אָבווישען דעם שטויב פון קאָמאָד!" האָט עלינאַ מיט אַ פעסטען טאָן געזאָגט. „וואָס פאַר אַ שווייניעריי איז דאָס! פון אַזאַ מין אויפראַמען וויל איך ניט וויסען, פערשטעהסט וואָס איך זאָג? און די פאָטאָגראַפיעס דאָרט הינטען דאַרף מען אויך אַרומווישען יעדען טאָג מיט אַ טיכעל!"

די מוטער האָט געזאָגט: „יאָ" און געוואָלט אַרויסגעהן פון צימער. זי האָט געהאַט אַ מאַסע קנייטשען אויף'ן געזיכט און איינגעפאַלענע באַקען. זי האָט זיך געהאָרכזאַם צוגעהערט צו דער טאָכטער און גע־קוקט אויף איהר, כדי ניט צו פערהערען קיין איין וואָרט, וואָס זי זאָגט.

„איך וויל אַלזאָ, דו זאָלסט עס געדיינקען!" האָט עלינאַ געזאָגט.

די מוטער האָט געענטפערט: „יאָ!" און איז אַרויס. שטילערהייט האָט זי צוגעמאַכט די טהיר הינטער זיך, כדי ניט צו מאַכען קיין גערויש.

עלינאַ איז געשטאַנען אָנגעטהאָן. זי האָט זיך געווענדעט צו מיר און געזאָגט:

„יאָ, איצט וועט זיין אַם בעסטען, ווען איהר וועט בעצאָהלען פאַר'ן וויין און געהן."

„אַ גרויסען דאַנק!" האָבען די מיידלאַך געזאָגט און אויסגעליידינט זייערע גלעזער.

איך בין געבליבען זיצען ווי אַ צומישטער.

„פאַר'ן וויין זאָל איך בעצאָהלען?" האָב איך זיך אָבגערופען. „וואַרט אַקאָרשט! כ'מיין, אַז איך האָב דאָך אייך שוין געגעבען דאָס געלד פאַר'ן

ווין? אָבער פֿילייכט האָב איך נאָך אַביסעל געלד." און איך האָב זיך געכאַפּט צו דער קעשענע.

די מיידלאַך האָבען אָנגעהויבען צו לאַכען.

„אַך, אַזוי האַלט עס מיט זיין רייכטהום! דו האָסט דאָך געקריגען אַזוי פֿיעל געלד פֿון איהם, עלינאַ, און איצט קען ער אפילו פֿאַר'ן ווין ניט בעצאָהלען! האַהאַהאַ!"

דאָ איז עלינאַ געוואָרען אויסער זיך פֿאַר כעס.

„אַרויס פֿון דאַנען!" האָט זי אַ געשריי געטהאָן. „איך וויל אייך דאָ מעהר ניט האָבען! ער האָט געלד ווי היי! אָט דאָ קענט איהר זעהן, וואָס ער האָט מיר געגעבען!" — און מיט אַ מיענע פֿון טריאומף האָט זי אַ וואָרף געטהאָן באַנקנאָטען און זילבער־געלד אויף'ן טיש. — „ער האָט בעצאָהלט פֿאַר'ן ווין און מיר אויך, קוקט נור דאָ! איהר האָט קיינמאָל אַזויפֿיעל געלד ניט געזעהן אין איין הויפֿען. איך קען בעצאָהלען דער בעל הבית'טע פֿאַר צוויי מאָנאַט, פֿערשטעהט איהר מיך! כ'האָב עס נור געזאָגט, כדי איהם אַביסעל צו ערגערן, כדי זיך מיט איהם צו רייצען. אָבער איהר טראָגט זיך פֿון דאַנען!"

און די מיידלאַך האָבען געמוזט אַרויסגעהן.

אָבער עלינאַ האָט זיך צולאַכט מיט אַ קוויטשיגען און נערוועזען געלעכטער, בעת זי האָט פֿערמאַכט די טהיר הינטער זיי.

„איך וויל זייווירקליך ניט האָבען דאָ," האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון ענטשולדיגונג. „דאָס זיינען אין גרונד גענומען לאַנגווייליגע גאַסען־פֿרויען, מיט וועלכע איך האָב גאָר ניט וואָס צו טהאָן. דיינקסט דו אויך ניט, אַז זיי זיינען לאַנגווייליג?"

„ניין, דאָס דיינק איך גראָד ניט," האָב איך געענטפֿערט, כדי זי נאָך מעהר צו פֿערשעהמען. „זיי האָבען געענטפֿערט, ווען איך האָב זיי עפּעס געפֿרעגט, זיי האָבען מיר דערצעהלט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט ווסען פֿון זיי. דאָס זיינען פֿיינע מיידלאַך."

„דאַן קענסט דו אויך געהן!" האָט עלינאַ אַ געשריי געטהאָן צו מיר. „געה זיך דיר צו זיי, אויב דו ווילסט. איך האַלט דיך ניט." פֿון זיבערהייט וועגען האָט זי איצט צוריק אַריינגעלייגט אין טאַש דאָס געלד, וואָס זי האָט פֿריהער אַ וואָרף געטהאָן אויף'ן טיש.

„איך וואָלט אייך גערן וועלען פֿרעגען נאָך עפּעס," האָב איך געזאָגט. „ווען איהר וואָלט זיך געקענט ענטשליסען צו זיצען רוהיג און מיך אויסהערן."

„מיך פֿרעגען נאָך עפּעס?" האָט זי מיט שפּאָט געענטפֿערט. „איך

האָב גאָרנישט וואָס צו טהאָן מיט דיר. דו ווילסט דאָך וואַהרשיינליך ווידער אָנפאַנגען פון האַננאַ'ן? אָט דער קוואַטש וועגען האַננאַ'ן קעהרט מיר איינפאַך צום ברעכען. דערפון קען איך ניט לעבען!"

„אָבער וואָלט איהר דען ניט וועלען אַרויסגעהן פון דעם דאָזיגען לעבען?"

זי האָט זיך געמאַכט, אַזוי ווי זי וואָלט עס ניט געהערט. זי האָט ווידער אָנגעהויבען אַרומפאַדען איבער'ן צימער און אויפראַמען. און דערביי האָט זי צוגעפייפט, כדי זיך צו מאַכען מוטה.

„אַרויסגעהן פון דעם דאָזיגען לעבען?" האָט זי זיך אָבגערופען און איז פלוצלינג געבליבען שטעהן אַנטקעגען מיר. „נאָך וואָס? וואוהין זאָל איך געהן? מיט וועמען זאָל איך חתונה האָבען? ווער וועט עס וועלען נעהמען אַזאַ איינע ווי איך? און דיענען וויל איך ניט."

„איהר וואָלט דאָך געקענט אַוועקפאָהרען ערגעץ־וואו אין אויסלאַנד און אָנפאַנגען אַן אָנשטענדיגען לעבען."

„אונזין! אונזין! שוויינ בעסער! וואָס זשע, ביזט גאָר געוואָרען אַ מיסיאָנער? נאָך וואָס זאָל איך אַוועקגעהן פון דאַנען? איך געפין זיך דאָ גאַנץ גוט. כ'האָב גאָר ניט וואָס אויסצושטעהן. ווייסט דו גאָר וואָס? הײם בעסער געבען נאָך אַ פלאַש וויין! אָבער נור פאַר אונז ביידען, פאַר אונז אַליין. די אַנדערע זאָלען גאָרנישט האָבען דערפון — — גינאַ!" האָט זי אַרויסגעשריען דורך דער טהיר.

זי האָט בעשטעלט וויין, געטרונקען און איז געוואָרען אַלץ ווייניגער אָנציהענד. קיין פערגינפטיגען ענטפער האָט מען ניט געקענט אַרויס־קריגען פון איהר, זי האָט געהאַלטען אין איין זומען פאַר זיך אָבגעריסענע שטיקלאַך פון גאַסען־ליעדער, בעת ווען זי איז געזעסען און געטראַכט. דאַן האָט זי ווידער געטרונקען און איהר בענעהמונג איז איינפאַך געוואָרען עקעלהאַפט. זי האָט אַלץ ווידער און ווידער געוואָלט זיך זעצען ביי מיר אויפ'ן שויס, זי האָט אַרויסגעשטעקט די צונג און געזאָגט: „נאַ, זעה!" ענדליך האָט זי גאָר פשוט געפרעגט:

„בלייבסט דו דאָ נעכטיגען?"

„ניין!" האָב איך געענטפערט.

„דאַן געה איך אויס!" האָט זי געזאָגט. — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

דער דערצעהלער איז אַנשוויגען געוואָרען.

„נו?" האָב איך געפרעגט.

„וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווען מען לייגט אייך פאַר אַזאַ אויס־זואהל? וואָלט איהר געבליבען אָדער אַוועקגעגאַנגען? זעהט איהר, דאָס איז די פראַגע. ווייסט איהר, אויף וואָס איך האָב זיך ענטשלאָסען?"

ער האָט מיך אָנגעקוקט.

„איך בין געבליבען!" האָט ער געזאָגט.

„איהר זייט געבליבען?" האָב איך געפרעגט מיט אַן אויפגעריסענעם מויל. „איבער נאַכט? ביי דעם מיידעל?"

„איך בין אַ מיזעראַבלער מענש!" האָט ער געזאָגט.

„אָבער אום גאָטעס ווילען! וואָס האָט איהר זיך פאָרט געטראַכט דערביי? זייט איהר געוועזן שכור?"

„דאָס אויך. צולעצט. אָבער פריהער פון אַלצדינג בין איך ניט וויי־ניגער עקעלהאַפט און קלענגליך ווי אַנדערע מענשען, דאָס איז די זאַך. זי איז אַ מיידעל, וועמעס געשיכטע איך קען. ס'איז פאַר מיר געוועזן אַזאַ וואויל־לוסטינקייט צו זיין אונגעבונדען, אָהן וואָס פאַר עס איז צוים. קענט איהר דאָס בעגרייפען? דערפאַר בין איך אַלזאָ געבליבען. און אין וואָס פאַר אַ ים פון צולאָזענקייט, פון הפקרות מיר זיינען דאָס פער־זונקען!"

דער עקעלהאַפטער ציניקער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ איבער זיך אַליין.

„אָבער איצט וויל איך ווידער אַמאָל געהן צו איהר," האָט ער וויי־טער געזאָגט. „עפּעס מוז זיך נאָך לאָזען מאַכען! הם! איהר מיינט, הייסט עס, אַז איך בין ניט די פאַסענדע פערזאָן דערצו? איך בין פיליכט דאָך ניט אַזוי שלעכט ווי איהר גלויבט. איהר דיינקט וועגען דעם, וואָס איך בין דאָרט געבליבען איבער נאַכט. פערגעסט אָבער ניט אָט וואָס: אַז איך וואָלט ניט געבליבען, וואָלט געקומען אַן אַנדערער, און ביי אַזאַ בייט וואָלט זי גאָר אָהן אַ שום ספק פערלאָרען. ווען זי קען אויסקלייבען, מיט וועמען צו פערברייננגען, וואָלט זי גאָר ניט גע־טראַכט און מיך אויסגעקליבען, איך בין פול מיט איינזעהעניש, און פערשטענדניס, כ'פערגעס אויך ניט אויף קיין איין רגע, איהר צו ווי־דערשטעהן. אָבער מערקווירדיג איז, אַז גראָד אָט דער צוג מיינער האָט זי נעררייצט. דאָס האָט זי אַליין געזאָגט. „דו ווידערשטעהסט מיר אַזוי גרויסאַרטיג!" האָט זי געזאָגט. וואָס קען מען טהאָן מיט אַזאַ מיידעל? און דאַן מוז מען אויך ניט פערגעסען, אַז זי איז נור צוליעב די בלומען אַזוי מורא'דיג געזונקען אין איהר האַרצען. דאָס איז געוועזן דער אָנ־פאַנג. וואָלט מען געמעגט אַראָבנעהמען בלומען פון די קברים, דאַן

וואָלט זי איצט געווען אַן אָנשטענדיג מיידעל. אָבער מיר האָבען זי געפּאַקט און אָבגעפיהרט אין דער פּאָליציי, און איך האָב מיטגעהאָלפען דערצו! איך האָב מיטגעהאָלפען דערצו!"

ער האָט פון דאָס ניי אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז פערזונקען אין געדאַנקען.

ענדליך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום.

„איך האָב אייך געווים אויפגעהאַלטען. איך פיהל אַליין אויך, אַז איך בין מיעד. ווייסט איהר פּיליייכט, וויפיעל דער זייגער איז?"

כ'האָב געוואָלט אַרויסנעהמען מיין זייגער. אָבער איך האָב איהם ניט געהאַט ביי זיך, כ'האָב איהם פערגעסען אין דערהיים.

„אַ דאַנק, ס'איז דאָך קיין אונטערשיעד ניט," האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעהויבען, אויסגעשטרעקט די פים און אַרונטערגעצויגען זיינע הויזען. „זעהט איהר, אָט קומט זי שוין צוריק, די אַריסטאָקראַטישע דאַמע, דער טרויער איז געענדיגט, דאָס מיידעלע טראָגט שוין מעהר קיין בלומען ניט. די בלומען ליגען ווידער דאָרט אונטען, רויזען און קאַמעליען; אין פיער טעג צייט וועלען זיי זיין פערוויאַנעט. אַז אַ קליין מיידעלע לייגט די האַנד אויף די דאָזיגע בלומען, כדי זיך דערפאַר צו קויפען שיך, רעכען איך, אַז עס איז גאָר קיין עולה ניט!" —

איצט האָט מיך דער מאַן אָנגעקוקט אַ גאַנצע מינוט, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט צו מיר און האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַן איינגעהאַלטענעם געלעכטער.

„זעהט איהר, אַזעלכע געשיכטען מוז מען דערצעהלען," האָט ער געזאָגט. „פאַר די געפינט מען אָפענע אויערן. כ'דאַנק אייך טויזענד מאָל, געעהרטער צוהערער!"

ער האָט אַראָבגענומען דעם הוט, זיך פערנייגט און איז אַוועק.

* * *

איך בין געבליבען זיצען אַ צומישטער. ער האָט מיך מיט איין קלאַפּ אַריינגעוואָרפען אין אַ וויכער פון צוטומעלטקייט און מיר גאָר אין גאַנצען צופלאָנטערט מיינע קלאָהרע געדאַנקען. אָט דער שווינ! ער האָט פערבראַכט די נאַכט ביי דעם מיידעל? ביי דעם מיידעל! אַ פערדאַמטע ליגנערשע געשיכטע! ער האָט פון מיר חווק געמאַכט, זיין ריהרענדע ערצעהלונג איז אויסגעטראַכט פון אָנהויב ביז'ן סוף. אָבער ווער איז ער פאָרט, אָט דער אַרץ־יונגאַטש, דער זשוליק שבזשוליקעס? אַז איך וועל זיך נאָך אַמאָל בעגעגענען מיט איהם, וועט ער קריגען זיין

חלק! די געשיכטע האָט ער פֿיליכט ערגעצוואו געלייענט און זי אויס־געלערענט אויף אויסווייניג, זי איז ניט פֿון די ערגסטע, דער בחור האָט טאַלאַנט. האַהאַהאַ! ביי גאָט, דער האָט מיך גאָר היבש אַרומגעפֿיהרט ביי דער נאָז!

אַ צוטומעלטער בין איך אַוועק אַהיים. כ'האָב געזוכט מיין זייגער. ער איז ניט געלעגען אויף'ן טיש. כ'האָב זיך אַ קלאַפּ געטהאָן אָן שטערן: מיין זייגער איז גע'גנב'עט! נאַטירליך האָט ער צוגע'גנב'עט מיין זייגער, בשעת ער איז געזעסען לעבען מיר. האַ! אָט דער לומפּ!

איצט זיינען מיר געבליבען צוויי אויסוועגען. כ'האָב געקענט מעלדען די זאַך אין דער פּאָליציי און אָבקריגען מיין זייגער אין אַ פּאָר טעג אַרום פֿון אַ פֿאַנד־לייהער. דאַן וואָלט מען אויך דעם חברה־מאַן גלייך נאָכדעם אַרעסטירט. אָדער איך האָב געקענט שווייגען. דאָס איז געוועזן דער צווייטער אויסוועג.

כ'האָב געשוויגען.

די שטימע פֿון רעבען.

מיין פריינד, דער שריפטשטעלער ה***, דערציילט:

ביים אינעווייניגסטען האפען פון קאפענהאגען לויפט א גאס, וועלכע הייסט וועסטאוואלד, א נייער און איינזאמער בולוואַרד. דאָ זעהט מען ווייניג הייזער, געצעהלטע עטליכע לאמטערנעס און כמעט גאָר קיין מענשען נים. אפילו זומער־צייט טרעפט עס אויך זעלטען, אז אימיצער געהט דאָרט שפאַצירען.

נו! אייערנעכטען ביינאַכט האָב איך עפּעס דורכגעמאַכט אין אָט דער גאַס, און איך וויל דיר דערצעהלען, וואס איך האָב דאָרט דורכגעמאַכט.

איך בין א ווײַלע אַרומגעגאַנגען אויף'ן טראָטואַר אַהין און צוריק, מיט אַמאָל איז מיר אַנטקעגען געקומען אַ דאַמע. אַחוץ איהר זעהט מען קיין מענשען נים. די לאַמטערנעס זיינען אָנגעצונדען, נאָר עס איז פינסטערלאַך און איך קען דער דאַמע'ס געזיכט נים דערקענען. ס'איז איינס פון די געוועהנליכע נאַכט־קינדער, טראַכט איך און געה איהר פערביי.

ביים עק פון בולוואַרד קעהר איך זיך אום און געה צוריק; אויך די דאַמע האָט זיך אומגעקעהרט, איך בעגעגען זיך ווידער מיט איהר. קלעהר איך ביי זיך: זי וואַרט אַוודאי אויף אימיצען, לאָמיר אַקאָרשט זעהן, אויף וועמען זי וואַרט. און נאָך אַמאָל געה איך איהר פערביי.

אַז איך האָב זיך מיט איהר צום דריטען מאָל בעגעגענט, האָב איך אַרונטערגענומען דעם הוט און אָנגעהויבען ריידען צו איהר. גוטען אָבענד! צי זי וואַרט דאָ אויף וועמען עס איז?

זי האָט אַ ציטער געטהאָן. ניין — יאָ, זי וואַרט אויף אימיצען.

צי זי האָט עפּעס דאַגעגען, ווען איך וועל איהר האַלטען קאָמפּאַניע, ביז עס וועט קומען דער, אויף וועמען זי וואַרט?

ניין, זי האָט גאָרנישט געהאַט דאַגעגען. זי האָט מיר געדאַנקט

דערפֿאַר. איבעריגענס, האָט זי געזאָגט, וואַרט זי גאָר אויף קיינעם ניט; זי געהט דאָ בלויז שפּאַצירען, מחמת דאָ איז אַזוי שטיל.

מיר האָבען אַרומגעשפּאַצירט זייט ביי זייט און מיר האָבען אָנגעהויבען ריידען איינער מיט'ן אַנדערן מכח גלייכגילטיגע זאַכען; כ'האָב איהר אָנגעבאָטען מיין אָרם.

„אַך ניין!" האָט זי געזאָגט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

דער עסק איז מיר געוואָרען לאַנגווייליג. אין דעם חושך, וואָס האָט געהערשט אויף דער גאַס, האָב איך זי ניט געקענט זעהן, מחמת דעם האָב איך אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און זיך געסטאַרעט זי צו בעלייכטען. בעת ווען איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף'ן זייגער.

„האַלב צעהן, ס'איז האַלב צעהן," האָב איך זיך אָבגערופען.

זי האָט אַ שוידער געטהאָן, אַזוי ווי אַ פראָסט וואָלט איהר אַריבער איבער'ן לייב. כ'האָב זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און געפרעגט:

„ס'איז אייך קאַלט, וואָלט איהר ניט געוואָלט אַריינגעהן ערגעץ, עפּעס טרינקען? אין „טיוואָלי" אָדער אין „נאַציאָנאַל"?"

„ניין, איך קען איצט אין ערגעץ ניט געהן, ווי איהר זעהט," האָט זי געענטפערט.

און ערשט איצט האָב איך בעמערקט, אַז זי טראָגט אַ לאַנגען, שוואַרצען טרויער־שלייער.

כ'האָב געבעטען ענטשולדיגונג און אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע שולד אויף דער פינסטערניש. און די אַרט און וויזע, ווי זי האָט אויפגענומען מיין ענטשולדיגונג, האָט מיך פּלוצלינג איבערצייגט, אַז זי איז ניט געווען פון די געוועהנליכע נאַכט־פייגעל.

„נעהמט מיין אָרם," האָב איך נאָך אַמאָל געזאָגט, „דאָס וואַרעמט."

זי האָט גענומען מיין אָרם.

מיר זיינען עטליכע מאָל געגאַנגען אַרויף און אַראָב. זי האָט מיך געבעטען, אַ קוק טהאָן אויף'ן זייגער.

„ס'איז נאָך צעהן," האָב איך געזאָגט. „וואו וואוינט איהר?"

„אויף דעם גאַמלע קאָנגעוועי."

כ'האָב זי אָבגעשטעלט.

„און מעג איך אייך בעגלייטען ביז צו דער טהיר פון אייער הויז?"

„ניין, דאָס געהט ניט," האָט זי געענטפערט. „ניין, דאָס קענט איהר ניט. — איהר וואוינט אין דער ברעדגאַדע?"

„פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?" האָב איך געפרעגט מיט אַ טאָן פון איבערראַשונג.

„איך ווייס, ווער איהר זייט,“ האָט זי געענטפערט.

פויזע—. מיר זיינען געגאַנגען אָרם אין אָרם און מיר האָבען זיך פערקירעוועט אין די ליכטיגע גאַסען. זי איז געגאַנגען שנעל, איהר לאַנגער שלייער האָט געפלאַטערט. זי האָט געזאָגט:

„כ'בעט אייך, לאָמיר געהן גיכער.“

ביי דער טהיר פון איהר הויז אויף גאַמלע קאָנגעוועי האָט זי זיך אומגעדרעהט מיט'ן פנים צו מיר, עפעס אַזוי ווי זי וואָלט מיר געוואָלט דאַנקען פאַר מיין בעגלייטונג. כ'האָב איהר אויפגעעפענט די טהיר, זי איז לאַנגזאַם אַריינגעגאַנגען, זיך אומקוקענדיג נאָך מיר. איך האָב לייכט אָנגעשפאַרט די פלייצע אָן דער טהיר און בין אַריין הינטער איהר. דאָ האָט זי מיר אָנגענומען פאַר דער האַנד. קיינער פון אונז האָט קיין וואָרט ניט אַויסגערעדט.

מיר זיינען אַרויף אַ פאָר טרעפ און געבליבען שטעהן אויף'ן צווייטען שטאָק. זי האָט אַליין געעפענט איין טהיר, געעפענט נאָך אַ טהיר, האָט מיך ווידער אָנגענומען ביי דער האַנד און מיך אַריינגעפיהרט אינעווייניג. ס'האָט געמוזט זיין אַ צימער; כ'האָב געהערט דעם טיק-טאַק פון אַ זייגער. די דאַמע איז אַ ווילע געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, מיט אַמאָל האָט זי אַ וואָרף געטהאָן די אָרעמס אַרום מיר, און הייס און ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפער האָט זי מיר געגעבען אַ קוש אין מויל. אין מיטען אויף'ן מויל.

„איצט זעצט זיך אַנידער,“ האָט זי געזאָגט. „דאָ איז אַ זאָפאַ. איך וועל דערווייל אָנצינדען דעם לאָמפ.“

און זי האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפ.

כ'האָב זיך אומגעקוקט אַרום זיך, צוטומעלט און נייגיעריג. ס'איז געווען אַ גרויס, אויסערגעוועהנליך שעהן אויסגעשטאַטעט וואוין-צימער, דאָ וואו איך האָב זיך געפונען; טהירען זיינען אויך געשטאַנען אָפען נאָך עטליכע זייטען-צימערן. כ'האָב גאָר ניט געקענט פערשטעהן, וואָס פאַר אַ מין מענשען-קינד דאָס האָט געקענט זיין, מיט וועלכען איך האָב זיך אויף אַזאַ וואונדערבאַרען אופן צונויפגעטראָפען, און איך האָב זיך אָב-גערופען:

„ווי שעהן דאָ איז! וואוינט איהר דאָ?“

„יאָ, דאָס איז מיין היים,“ האָט זי געענטפערט.

„דאָס איז אייער היים? איהר זייט אַלזאָ די טאָכטער פון הויז?“

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

„ניין, ניין. איך בין אַן אַלטע פרוי. גלייך וועט איהר עס זעהן!“

און זי האָט אַרונטערגענומען דעם הוט מיט'ן שלייער.

„נאַ, זעהט איהר שוין!" האָט זי געזאָגט און האָט נאָך אַמאָל פֿערוואָרפֿען די אָרעמס אַרום מיר, פּלוצלינג, געטריבען פֿון אַ ברענענדער ליידענשאַפֿט.

דאָס גרויסע, פֿערריקטע קינד! זי האָט העכסטענס געקענט זיין צוויי, דריי און צוואַנציג יאָהר אַלט; אויף דער רעכטער האַנד האָט זי געטראָגען אַ חתונה־רינג און האָט מחמת דעם אויך געקענט זיין אַ פֿערהייראַטע פֿרוי. שעהן? ניין. זי האָט געהאַט צופֿיעל זומער־שפּרינקלאַך און כמעט גאָר קיין ברעמען ניט. נאָר אַ ווילד־קאָכענדעס לעבען האָט אַרויסגערעדט פֿון איהר, און איהר מויל איז גראָד געווען שעהן.

כ'האָב איהר געוואָלט פֿרעגען, ווי זי הייסט, וואו איהר מאַן איז ערגעץ, דאָס הייסט, אויב זי האָט איינעם; כ'האָב געוואָלט וויסען, ביי וועמען אין הויז איך געפֿין זיך; אָבער אַזוי ווי איך האָב נור געעפֿענט דאָס מויל, האָט זי זיך פֿעסט צוגעטוליעט צו מיר און האָט מיר פֿערבאָטען צו זיין נייגיעריג.

„איך הייס עללען," האָט זי געזאָגט. „ווילט איהר געניסען וואָס עס איז? ס'מאַכט גאָרנישט אויס, איך קען גאַנץ גוט אָנקלינגען. איהר מוזט נור אויף אַ ווײלע אַריינגעהן דאָ, אין שלאָפֿצימער."

איך בין אַריין אין שלאָפֿצימער. דער לאָמפּ פֿון דער גרויסער שטוב האָט אַריינגעוואָרפֿען אַ שוואַכען שיין צו מיר. כ'האָב געזעהן צוויי בעטען. עללען האָט אָנגעקלונגען און פֿערלאַנגט וויין, כ'האָב געהערט, ווי אַ מיידעל האָט געבראַכט דעם וויין און איז ווידער אַרויסגעגאַנגען. אין אַ ווײלע אַרום איז עללען אַריינגעקומען אין שלאָפֿצימער. זי איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר. איך בין איהר אַנטקעגען געגאַנגען אַ טריט, זי האָט געגעבען אַ קליינעם קוויטש און איז אין דערזעלבער רגע צוגעקומען צו מיר. — — —

דאָס איז געווען אייערנעכטען ביינאַכט.

וואָס ווייטער איז געשעהן? האָב נור געדולד, ס'איז געשעהן נאָך מעהר ווי דאָס. נעכטען אין דערפֿריה, בשעת איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט אָנגעהויבען טאָגען; דאָס ליכט פֿון טאָג איז אַריין פֿוןביידע זייטען פֿאָרהאַנג אין צימער. אויך עללען האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זי האָט זיך אָבגעזויפֿצט ווי פֿערמאַטערט און אַ שמייכעל געטהאָן צו מיר. איהרע אָרעמס זיינען געווען ווייס און גלאַט ווי סאַמעט, איהר ברוסט האָט זיך געהויבען. כ'האָב איהר עפּעס צוגעשעפּטשעט און זי האָט מיר פֿערמאַכט

דאָס מויל מיט איהרען, שטום פֿאַר צערטליכקייט. ס'האָט געטאָגט אַלץ מעהר און מעהר.

אין צוויי שעה אַרום בין איך געווען אויף די פֿיס, אויך עללען איז אויפֿגעשטאַנען; זי טהוט אָן איהרע קליידער, זי איז שוין אין די שיך. און אַצונד לעב איך איבער עפּעס, וואָס גרוילט מיר נאָך איצט אין דער רגע ווי אַ בייזער חלום. איך שטעה ביים וואַש־טיש, — עללען האָט עפּעס צו טהאָן דאָרט אין זייטען־צימער, און בעת זי עפֿענט אויף די טהיר, קעהר איך זיך אום און קוק אַריין. אַ קאַלט ווינטעל קומט מיר אַנטקעגען פֿון די געעפֿענטע פֿענסטער, און אין מיטען צימער, אויף אַ לאַנגען טיש, דערזעה איך אַ מת. אַ מת, וואָס ליגט אין ארון, מיט אַ גראָער באָרד, דער טויטער קערפּער פֿון אַ מאַן. זיינע מאָגערע קניע שטעהען אין דער הויך אַזוי ווי צוויי צאָרנדיגע פֿויסטען, וועלכע זיינען צונויפֿגעדריקט אונטער די תכריכים, און זיין געזיכט איז גאַנץ געל, אַ שרעק אַ קוק צו טהאָן דערויף. איך זעה אַלצדינג אין'ם ליכטיגען שיין פֿון טאָג. איך קעהר זיך אָב און זאָג קיין וואָרט ניט.

אַז עללען איז צוריקגעקומען, בין איך שוין געווען אָנגעטהאָן און גרייט צו געהן. כ'האָב קוים געקענט ענטפֿערן אויף איהר אומאַרמונג. זי האָט זיך אָנגעטהאָן ווי צום געהן, זי האָט מיך געוואָלט בעגלייטען אַראָב ביז'ן טויער, און איך האָב איהר געלאָזט טהאָן, וואָס זי האָט געוואָלט, און נאָך אַלץ גאָרנישט געזאָגט. אונטען אין דורכגאַנג האָט זי זיך צוגעדריקט צו דער וואַנד, כדי מען זאָל זי ניט זעהן, און האָט שטילערהייט געזאָגט:

„צום ווידערזעהן!"

„מאָרגען?" האָב איך געפֿרעגט מיט אַ האַלבען מויל.

„ניין, ניט מאָרגען!"

„פֿאַרוואָס עפּעס מאָרגען ניט?"

„שווייג, ליעבינקער, כ'מוז מאָרגען געהן צו אַ לויה, אַ קרוב מיינער איז געשטאָרבען. נאַ, איצט ווייסט דו שוין פֿאַרוואָס!"

„אָבער איבערמאָרגען?"

„יאָ, איבערמאָרגען, דאָ אין דורכגאַנג וועל איך וואַרטען אויף דיר. זיי געזונד!"

איך בין אַוועק. — — — —

ווער איז זי? און דער מת? ווי די פֿויסטען זיינען דאָס געווען צו־נויפֿגעדריקט, און ווי די מויל־ווינקלען האָבען דאָס אַביסעל אַראָבגעהאַנגען

אין אַ העסליך קאָמישער פּאָזע! איבערמאָרגען וועט זי וואַרטען אויף מיר. זאָל איך נאָך קומען צו איהר?

איך פּערקירעווע מיינע טריט גלייך אין דעם קאַפּע בערנינאַ, וואו איך פּערלאַנג דאָס אַדרעס־בוך, — כ׳מיש אויף, גאַמלע קאָנגעווע׳, די און די נומער, גוט, כ׳זעה דעם נאָמען און איך וויים, ווי אַזוי עללען הייסט. איך וואַרט אַ ווײלע, ביז דאָס מאָרגען־בלאַט קומט און פּאַל אַרויף אויף דער צייטונג, כדי דורכצושטודירען די אַנאָנסען מכח די טויטע; יאָ, איך געפּין ווירקליך אויך איהרע, די ערשטע אין דער לאַנגער שורה, מיט פּעטע בוכשטאַבען: „נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט איז מיין מאַן נעכטען געשטאָרבען אין דעם 53טען יאָהר פּון זיין לעבען.״ די אַנאָנסע האָט געטראָגען דעם נעכטיגען דאַטום.

איך זיץ אַ לאַנגע צייט און טראַכט.

אַ מאַן האָט אַ פּרוי, זי איז מיט דרייסיג יאָהר יונגער פּון איהם, ער איז יאָהרען לאַנג קראַנק און אין אַ שעהנעם טאָג שטאַרבט ער אַוועק. די יונגע אלמנה אָטהעמט אויף, דאָס לעבען רופּט זי צו זיך מיט זיין ענטציקענדער ווילדקייט, זי הערט זיך צו צו זיין שטימע און ענטפּערט: איך קום! און שוין דיזעלבע נאַכט שפּאַצירט זי אַרום אויף דעם וועסטאַ־יואַלד. — — —

עללען, עללען, איבערמאָרגען!

מרכת שבא.

I

מען פֿאָהרט אַרום, מען בלאָנדזשעט פֿון אָרט צו אָרט און מען טרעפֿט זיך אימער צונויף מיט מענשען, מיט וועמען מען האָט זיך שוין פֿריהער געזעהן, מען בעגעגענט זיי פּלוצלינג, אויף אומגעריכטע פּלעצער, אַזוי אַז פֿון איבעררַאשונג פֿערגעסט מען פשוט דעם הוט אַראָבצונעהמען און צו גריסען.

דאָס פּאַסירט מיר אָפֿט, יאָ, זעהר אָפֿט. ס'איז שוין פֿערפֿאַלען, אַנדערש קען עס ניט זיין.

וואָס מיר האָט געטראָפֿען אין 1888טען יאָהר, איז אויף אַ מערק־ווירדיגען אופן פֿערבונדען מיט אַ געשעהעניש פֿון היי־יאָהר, ערשט אַ וואָך צוריק, אויף אַ קליינער רייזע קיין שוועדען. ס'איז אַ גאַנץ איינ־פֿאַכע און פֿערשטענדליכע געשיכטע, אַלעס איז זיך געגאַנגען גאַנץ גלאַט: פֿילייכט איז זי גאָר ניט ווערטה, מען זאָל זי דערצעהלען. נאָר איך וויל דאָך פּרובירען עס צו טהאָן, אַזוי גוט ווי איך קען. — —

דו האָסט געפֿרעגט, בעת מיר זיינען דאָס לעצטע מאָל געווען צו־זאַמען . . . יאָ, דו געדיינקסט דאָך מן הסתם אַליין, נאָך וואָס דו האָסט זיך נאָכגעפֿרעגט, אַזוי אַז איך דאַרף עס דיר ניט ווידערהוילען. אָבער איך האָב דעמאָלט געענטפֿערט, אַז עס געהט מיר ניט, וויפֿיעל איך האָב זיך ניט געסטאַרעט, עפּעס האָט זיך מיר תמיד געשטעלט אין וועג, איך בין אָבגעזאָגט געוואָרען, מען האָט מיר געוויזען די טהיר. און איך זאָג קיין ליגען ניט, איך וועל עס דיר בעווייזען, אַז עס איז אמת; אַזוי נאָ־הענט ווי דאָס מאָל בין איך נאָך קיינמאָל ניט געווען, אַ חתן צו ווערן, און דאָך האָט מען מיר אַזוי פּראָסט־פּשוט געגעבען דעם וועג.

ניטאָ וואָס צו מאַכען, ס'איז אַ פֿערפֿאַלענע זאַך.

אין דעם יאָהר 1888 האָב איך געקראָגען געלד אויף אַ רייזע ער־געצוואו — איך דערצעהל עס כהויה, אַזוי ווי עס איז. איך בין אַריבער־געפֿאָהרען קיין שוועדען און האָב דאָרט אַרומגעוואַנדערט מיט אַ פֿרעהליך

געמיטהע ביי דער אייזענבאַהן־ליניע, בעת ווען צוג אויף צוג פֿלעגט פֿער־ביילויפֿען יעדען טאָג פֿערביי מיר. איך האָב אויך אָנגעטראָפֿען אַסך מענשען, און אָט די אַלע מענשען האָבען מיך בעגריסט, זיי האָבען געזאָגט „גאָט העלף" און איך האָב אויך געזאָגט, „גאָט העלף", ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער זאַך צו ענטפֿערן. אַז איך בין אָנגעקומען קיין געטעבאָרג, איז די ערשטע פּאָר שיך מיינע געוועזן מורא'דיג צוריסען, אָבער דערפֿון רייד איך ניט.

גראָד איידער איך בין געקומען קיין געטעבאָרג, האָט געטראָפֿען די געשיכטע, וועגען וועלכער איך וויל דאָ צו וויסען טהאָן.

ווי מיינסט דו: אַז אַ דאַמע וואַרפֿט דיר צו אַ בליק דורך אַ פֿענסטער און דערנאָך מאַכט זי זיך ניט וויסענדיג, אָקוראַט ווי זי וואָלט דיך קיינמאָל ניט געזעהן, דאַן לאָזט דו עס לויפֿען און לייגסט קיין שום האָפֿנונגען ניט דערויף. דו וואָלסט דאָך געדאַרפֿט זיין אַ שוטה, ווען דו וואָלסט זיך עפּעס איינגעבילדעט נאָך אַזאַ אָרעמען בליק. אָבער אַז די דאַמע — ניט נור וואָס זי קוקט אויף דיר מיט דעם גרעסטען אינ־טערעס, נאָר זי גיט דיר זאָגאַר אַוועק איהר צימער, יאָ, איהר בעט אויף אַ שוועדישער פּאָסט־סטאַציאָן, מיינסט דו ניט, אַז דו האָסט דאַן גענוג גרונד צו גלויבען אין איהרע רעעלע אַבזיכטען און צו האָפֿען אויף איהר?

איך האָב אַזוי געמיינט, כ'האָב געהאָפֿט ביז אויף'ם לעצטע; מיט אַ וואָך צוריק האָט עס מיר זאָגאַר געקאָסט אַ ביטערע רייזע ביז קאַל־מאַר . . .

איך בין אַלזאָ צוגעקומען צו דער פּאָסט־סטאַציאָן בערבי. ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָבענד, און אַזוי ווי איך האָב מאַרשירט פֿון אין דער פֿריה אָן, האָב איך בעשלאָסען צו בלייבען דאָ איבער נאַכט. איך בין אַריין אין האָטעל און האָב פֿערלאַנגט עסען און לאָזשי.

יאָ, עסען קען איך קריגען, נאָר קיין לאָזשי איז מעהר ניטאָ, אַלע צימערן זיינען פֿערנומען, דאָס גאַנצע הויז איז געפּאַקט.

ס'איז געווען אַ יונג מיידעל, מיט וועמען איך האָב גערעדט — ווי ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגעצייגט, דעם בעל הבית' טאָכטער. כ'קוק זי אָן און מאַך זיך, ווי איך פֿערשטעה זי ניט. וואָס זשע, אָט אַפּנים זי וויל מיר געבען צו פֿיהלען, אַז איך בין אַ נאַרוועגער, אַ פּאָליטישער געגנער?

„וואָס פֿאַר אַ מאַסע וועגען ס'שטעהען דאָ!" רוף איך זיך אָב גלייכגילטיג.

„יאָ, דאָס זיינען מאַרק־לייט, וועלכע נעכטיגען דאָ," ענטפֿערט זי. „מחמת דעם טאַקע האָבען מיר קיין איין ליידיג בעט ניט מעהר."

דאַן געהט זי אַרויס און בעשטעלט מיין עסען. אַז זי איז צוריק־געקומען, האָט זי פון דאָס ניי גענומען ריידען מכח דעם, ווי בעזעצט דאָס הויז איז. זי האָט געזאָגט:

„איהר קענט אָדער געהן ווייטער ביז דער נעכסטער סטאַציאָן, דאָס הייסט ביז איטעראַאַ, אָדער צוריקפאָהרען אַ שטיק מיט דער באַהן. דאָ איז, ווי געזאָגט, פול!"

כ'האָב קיין פאַראיבעל ניט געהאַט אויף דעם נאַאיווען קינד און ניט געוואָלט זיין אונאַנגענעהם, נאָר איך האָב פערשטעהט זיך, ניט גע־האַט בדעה זיך צו ריהרען פון אָרט. איך האָב זיך געפונען אויף אַן עפענטליכער פאָסט־סטאַציאָן*) און האָב געמוזט קריגען אַ בעט!

„ס'איז אַן אויסנאַהם פון אַ וועטער!" האָב איך געזאָגט.

„יאָ," האָט זי געענטפערט. „דעריבער איז דאָס טאַקע נור אַ פער־גניגען צו געהן קיין איטעראַאַ. ס'איז ניט ווייט, בלויז איין גוטע מייל."

אָבער איצט איז עס מיר געוואָרען אַביסעל צו פערדריסליך, איך האָב זיך אָבגערופען ערנסט און לאַנגזאַם:

„איך האַלט עס פאַר זעלבסטפערשטענדליך, אַז איהר וועט מיר היינט ביינאַכט פערשאַפען אַ לאָזשי; איך וויל ניט געהן ווייטער, איך בין מיעד."

„אָבער אַז אַלע בעטען זיינען פערנומען!" האָט זי געענטפערט.

„דאָס איז ניט מיין זאַך."

און דאָס זאָגענדיג, האָב איך זיך אַנידערגעזעצט מיט מיין גאַנצער געוויכט אויף אַ שטוהל.

פאַר דעם מיידעל האָט מיר, דעם אמת זאָגענדיג, לייד געטהאָן, זי האָט ניט אויסגעזעהן, אַזוי ווי זי וואָלט מיר נור מחמת רשעות געוואָלט לייגען שטיינער אויף'ן וועג. איהר געזיכט האָט געהאַט אַן עהרליכען אויסדרוק, איהר האַס געגען אונז נאַרוועגער האָט מיר אויסגעוויזען צו זיין זעהר געמעסיגט.

„איהר קענט מיך אַהינטהאָן וואו איהרווילט, פון מיינעטוועגען דאָ אויף'ן זאָפאַ," האָב איך זיך דאַן אָבגערופען.

אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אויך דאָס זאָפאַ איז שוין געווען פערדונגען.

איצט האָט מיר אָנגעהויבען ווערן אַביסעל קאַלעמוטנע אויף'ן האַר־צען. אַז איך זאָל געהן נאָך אַ גוטע שוועדישע מייל, וועל איך קיינמאָל

*) די פאָסט־סטאַציאָנען אין שוועדען זיינען אין איין וועג אויך האָטעלען.

ניט אַרויסקריכען דערפֿון; אַ „גוטע" מייל אין שווערען האָט גאָר קיין סוף און קיין שיעור ניט, דאָס האָב איך שוין געוואוסט.

„אָבער גאָט מיינער, זעהט איהר דען ניט, אַז פֿון'ם געהן זיינען מיינע שטיוועל צוריסען געוואָרען?" האָב איך געזאָגט. „איהר וועט דאָך ניט אַרויסטרייבען קיין מענשען מיט אַזעלכע שיך!"

„ניין, אָבער די שיך וועלען דאָך אויך ביז מאָרגען ניט בעסער ווערן," האָט זי מיט אַ שמייכעל געענטפֿערט.

יאָ, דאָ איז זי על כל פנים גערעכט געווען, און איך האָב ניט גע־וואוסט וואָס מען הויבט אָן טהאָן. אין דער זעלבער רגע מאַכט זיך אויף די טהיר און עס שטורמט אַריין נאָך אַ יונג מיידעל.

זי לאַכט איבער עפּעס, וואָס האָט מיט איהר געטראָפֿען, אָדער מכּה וואָס זי דיינקט, און זי עפֿענט אויף דאָס מויל, אום עס צו דערצעהלען. אַז זי דערזעהט מיך, קומט זי ניט אַריין אין די מינדעסטע פֿערלעגענ־הייט, נאָר זי קוקט מיך אַ היבשע ווײַלע אָן און ענדליך טהוט זי זאָגאַר אַ שאָקעל צו מיר מיט'ן קאָפּ. דערנאָך פֿרעגט זי שטילערהייט:

„וואָס איז דאָ, לאָטאַ?"

און לאָטאַ ענטפֿערט איהר עפּעס, וואָס איך הער ניט, נאָר איך פֿערשטעה, אַז זיי שושקען זיך דאָס וועגען מיר. איך זיץ אַזוי און הער זיך צו, אָקוראַט ווי מיין שיקזאַל וואָלט דאָ געדאַרפֿט ענטשיעדען ווערן. מיט אַמאָל וואַרפֿען זיי אַ גנב'ישען קוק אויף מיינע שיך, און איך הער, אַז זיי לאַכען אַביסעל צווישען זיך. די דאַמע, וואָס איז נור וואָס אַריינגעקומען, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט בדעה ווידער אַרויס־צוגעהן.

אַז זי איז צוגעקומען צו דער טהיר, האָט זי זיך פּלוצלינג אומגע־קעהרט, אַזוי ווי ס'וואָלט איהר עפּעס איינגעפֿאַלען און געזאָגט:

„אָבער איך קען דאָך היינט ביינאַכט שלאָפֿען מיט דיר אינאיינעם, לאָטאַ, דאַן קען ער קריגען מיין צימער."

„ניין," האָט געענטפֿערט לאָטאַ, „דאָס קענט איהר ווירקליך ניט, פֿריילין."

„וויים איך וואָס, אַודאי קען איך דאָס."

פּויזע. לאָטאַ פֿערטראַכט זיך אַ ווײַלע.

„נו יאָ, אַז איהר ווילט, פֿריילין." און זיך ווענדענדיג צו מיר, זאָגט לאָטאַ ווייטער: „דאָס פֿריילין וויל אייך אַלזאָ אָבטרעטען איהר צימער."

איך שפּרינג אויף, נעהם צונויף די פֿאַלעס און גיב זיך אַ נייג. כ'מיין, ס'האָט זיך מיר גאַנץ גוט איינגעגעבען. איך האָב אויך געדאַנקט

דעם פֿרייליין מינדליך, כ׳האָב געזאָגט, אַז זי האָט מיר געטהאָן אַ טובה, וועלכע איך וועל אין מיין לעבען ניט פֿערגעסען, און ענדליך האָב איך ערקלעהרט, אַז דאָס האַרץ איהרס איז פונקט אַזוי גוט, ווי אי׳הרע אויגען זיינען שעהן. דערביי האָב איך זיך איבער אַ נייעם פֿערנייגט און איך האָב עס ווידער געמאַכט פונקט אַזוי גוט.

יאָ, דאָס האָב איך אַלצדינג אויסגעפֿיהרט אויף אַ גרויסאַרטיגען אופֿן. זי איז רויט געוואָרען און אַרויסגעלאָפֿען מיט אַ געלעכטער. לאָטאַ איז איהר נאָכגעלאָפֿען.

איך בין געבליבען אַליין און האָב זיך פֿערטראַכט מכח דעם. ס׳געהט זעהר גוט; זי האָט געלאַכט, איז רויט געוואָרען און האָט ווידער געלאַכט; ס׳האָט זיך גאָר בעסער ניט געקענט אָנפֿאַנגען. גרויסער גאָט, ווי יונג זי איז דאָס געווען, קוים אַכצעהן יאָהר, מיט גריבעלאַך אין די באַקען און מיט אַ חן׳עוודיגער פֿערטיעפֿונג אין דער מאָרדע. קיין טיכעל אַרום האַלז, גאָרנישט אַרום האַלז, ניט אַמאָל אַ שפּיץ אויף׳ן קלייד, נור אַ צוגבאַנד. און דערצו אַן אומעטיגען, דונקעלן בליק אין דעם זיסען גע־זיכט. כ׳האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ געזיכט ניט געהאַט געזעהן. גוט, און זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אינטערעס.

אין אַ שטונדע אַרום זעה איך זי דרויסען אויף׳ן הויף; זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין איינעם פֿון די ליידיגע וועגען און זיצט דאָרט און קנאַקט מיט דער בייטש, אָקוראַט ווי דער וואָגען וואָלט געווען געשפּאַנט. ווי יונג און לוסטיג זי איז דאָס אַביסעל געווען, בעת זי איז דאָרט געזעסען און געקנאַקט מיט דער בייטש! כ׳געה צו נעהנטער, ביי מיר אין מוח שוועבט עפּעס אַזוי ווי דער געדאַנק, זיך איינצושפּאַנען אַלס פֿערד און ציהען דעם וואָגען. כ׳נעהם אַרונטער דעם הוט און גרייט זיך צו, עפּעס צו זאָגען . . .

מיט אַמאָל גיט זי זיך אַ הויב אויף, הויך און שטאָלץ, אַזוי ווי אַן אמת׳ע קעניגין, קוקט מיך אַ ווײַלע אָן און געהט אַרונטער פֿון וואָגען. איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פֿערגעסען; כאָטש זי האָט קיין גרונד ניט געהאַט אָנצונעהמען די זאַך אַזוי שלעכט, איז זי ווירקליך געווען גרויס־אַרטיג, בעת זי האָט זיך אויפֿגעהויבען און איז אַרויס פֿון וואָגען. כ׳האָב אָנגעטהאָן צוריק דעם הוט און אַ דערשלאָגענער און אַ פֿערשעהמטער האָב איך זיך אָבגעטראָגען. כאַפּט דער קאַדיק דעם איינפֿאַל מיינעם, צו וועלען שלעפּען דעם וואָגען!

צוריקגערעדט: וואָס איז איהר אַזוינס געשעהן? צי האָט זי מיר

אָקאָרשט ניט אָבגעטראָטען איהר צימער? נאָך וואָס זשע טויג זיך אַזוי ברעקלען?

דאָס איז ניט מעהר ווי אָנשטעל, האָב איך זיך געטראַכט, זי מאַכט זיך נור אַזוי, כ'קען די שטיק, זי וויל איך זאָל זיך צאַפּלען — גוט, זאָל זיין אַזוי, איך צאַפּעל זיך!

כ'האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף די טרעפּ און פערוויכערט מיין פּיפּקע. אַרום מיר האָבען די מאַרק־לייט געפּלוידערט; עטליכע מאָל האָב איך געהערט, ווי אינעווייניג אין הויז ווערן אויפגעמאַכט פלעשער און גלעזער קלינגען. דאָס פריילין האָב איך מעהר ניט געזעהן.

די איינציגע זאַך, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך צו לייענען, איז געווען אַ לאַנד־קאַרטע פון שוועדען; איך זיץ אַזוי און רויכער און עסס זיך אויף פאַר פערדרוס, ענדליך נעהם איך אַרויס מיין קאַרטע פון קעשענע און הויב זי אָן שטודירען. אַזוי געהען פערביי עטליכע מינוטען, לאָטאַ ווייזט זיך ביי דער טהיר, זי וויל מיך אַרויפפיהרען צו מיר אין צימער, אויב איך וויל עס. ס'איז דערוויל געוואָרען צעהן אַזייגער, כ'הויב זיך אויף און געה מיט. אין קאָרידאָר טרעפען מיר דאָס פריילין.

אַצונד פּאַסירט עפּעס, וואָס איך קען זיך דערמאָנען אויף אַ האָר מיט אַלע קליפּערלאַך: די וואַנד אין קאָרידאָר איז פריש געפאָרבען; אָבער דערפון הויב איך ניט אָן וויסען, כ'טרעט אַלזאָ אָב אָן אַ זייט פאַר דאָס פריילין, בשעת מיר בעגעגענען זיך מיט איהר, און דאָ איז דאָס אונגליק געשעהן.

דאָס פריילין גיט אַ געשריי אין איין אָטהעם:

„עהל־פאַרב . . . !"

אָבער ס'איז צו שפּעט, מיין גאַנצע לינקע פּלייצע איז שוין געווען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד.

אַ צומישטע קוקט זי מיך אָן, דערלאַנגט דערנאָך אַ קוק אויף לאָטאַ'ן און זאָגט:

„וואָס טהוט מען איצט ד ע ר צ ו?"

און לאָטאַ ענטפערט:

„ד אָ ס וועלען מיר מיט עפּעס אָבריבען!" און זיי פּלאַצען ביידע אַרויס מיט אַ געלעכטער.

נו, געהען מיר ווידער אַלע דריי אַרויס אויף די טרעפּ און לאָטאַ ברייננט עפּעס, אום מיך דערמיט אָבצוריבען.

און איך זעץ זיך אַנידער!

דאַן הויבען מיר אָן פּלוידערן . . .

קענסט מיר גלויבען אָדער ניט, נאָר איך זאָג דיר, אַז איך האָב זיך אין דעם דאָזיגען אָבענד צוזעגענט מיט דעם פֿריילין, האָב איך גע־האַט די בעסטע האָפֿנונגען. מיר האָבען גערעדט און געפּלאַפּעלט און איבער אַלערליי זאַכען געלאַכט, און איך בין איבערצייגט, אַז מיר זיינען אודאי געזעסען אַזוי אַ גוטע פֿערטעל שעה דאָרט אויף די טרעפּ און געפּלוידערט. און ווייטער? ווייטער איז גאָרנישט געשעהן! נו יאָ, איך האַלט זיך גאָרנישט אַזוי גרויס דערמיט; נאָר ס'האָט דאָך מיר ניט גע־קענט איינפֿאַלען, אַז אַ יונגע דאַמע ועט שיינקען אַ יונגען מען אַ גוטע פֿערטעל שעה כמעט אונטער פֿיער אויגען, ווען זי האָט גאָר קיין כונה ניט דערביי. אַז מיר האָבען זיך ענדליך צושיידט, האָט זי נאָך דערצו געזאָגט צוויימאָל גוטע נאַכט; ענדליך האָט זי זאָגאַר נאָך אויפֿגעעפֿענט די טהיר אַביסעלע, לאַנגזאַם געזאָגט נאָך אַ דריט מאָל גוטע נאַכט און דאַן האָט ד פֿיי־האַקט די טהיר. גלייך נאָכדעם האָב איך געהערט, אַז זי און לאָטאַ האָבען אנגעהויבען לאַכען, זיך איינפֿאַך קאַטשען פֿון גע־לעכטער. יאָ, מיר זיינען אַלע געוועזען גוט אויפֿגעלייגט.

איך געפֿין זיך אַלזאָ אין מיין צימער . . . אין איהר צימער.

ס'איז געוועזען ליידיג, אַ געוועהנליך האָטעל־צימער, מיט נאַקעטע, בלוי־געמאָלטע ווענד און אַ שמאָל נידעריג בעט. אויף'ן טיש איז געלעגען אַן איבערזעצונג פֿון אינגראַהאַם'ס „דער פֿירסט פֿון דוד'ס הויז". כ'האָב אָנגעהויבען לייענען אין בוך. נאָך הער איך דאָס געלעכטער פֿון דעם צימער, וואו די יונגע מיידלאַך געפֿינען זיך. וואָס פֿאַר אַ שעהן, לוסטיג מיידעל דאָס איז! אָט דער דונקעלער בליק אין דעם יונגען געזיכט. ווי אויסגעלאַסען זי האָט דאָס אַביסעל געקענט לאַכען, כאָטש זי האָט אויס־געזעהן אַזוי שטאָלץ!

איך האָב זיך פֿערטיעפֿט אין געדאַנקען; די עראינערונג אָן איהר האָט געגליהט שטום און מעכטיג ביי מיר אין האַרצען.

* * *

אין דער פֿריה האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט מחמת דעם, וואָס עפּעס אַ האַרטע זאַך האָט מיך געדריקט אין זייט — ס'האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז איך בין געשלאָפֿען אינאיינעם מיט דעם „פֿירסט פֿון דוד'ס הויז".

איך שטעה אויף און אין די קליידער, ס'איז געוועזען ניין אַזייגער.

איך קום אַרונטער אין גאַסט־שטוב און קריג מיין אָנבייסען; פֿון דעם פֿריילין איז קיין זכר ניטאָ. כ'וואַרט אַ האַלבע שעה, זי קומט

ניט. ענדליך טהו איך אַ פֿרעג לאָטאַ'ן אויף אַ פֿיינעם אופן, וואו די יונגע דאַמע איז ערגעץ אַהינגעקומען.

„יאָ," ענטפֿערט לאָטאַ, „דאָס פֿריילײן איז אוועקגעפֿאָהרען."

„אוועקגעפֿאָהרען? וואָס זשע, דאָס פֿריילײן איז ניט געווען דאָ פֿון דעם הויז?"

„ניין, ס'איז געווען דאָס פֿריילײן אויבען פֿון דעם פּריץ'ס שלאָס. זי איז אָבגעפֿאָהרען גאַנץ פֿריה; קיין שטאָקהאָלם האָט זי געמוזט פֿאָהרען."

איך בין פֿערשטומט געוואָרען. זי האָט, פֿערשטעהט זיך, גאָרנישט איבערגעלאָזט פֿאַר מיר, ניט אַמאָל אַ בריעף, אָדער אַ צעטעלע; איך בין אַזוי דערשלאָגען געוואָרען, אַז איך האָב זיך אפילו ניט נאָכגעפֿרעגט נאָך איהר נאָמען. ס'איז מיר געווען אַלצאיינס. ניין, אויף ווייבערשע טרייקייט דאַרף מען קיינמאָל גאָרנישט בויען.

מיט אַ מיעדען בליק און מיט אַ וואונד אין האַרצען וואַנדער איך קיין געטעבאָרג. ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטען דערויף? זי, וואָס זי האָט אויסגעזעהן אַזוי עהרליך און שטאָלץ! אָבער עס מאַכט נישט אויס, איך בין געווען ענטשלאָסען עס אַריבערצוטראָגען ווי אַ מאַן; קיינער אין האָטעל האָט ניט געטאַרט זעהן, ייאָס איך האָב געליטען . . .

ס'איז געווען גראָד אין דער צייט, ווען יוליוס קראָנבערג האָט אויס-געשטעלט אין געטעבאָרג זיין גרויסע מאַלעריי: „מלכת שבא". אַזוי ווי אַלע אַנדערע בין איך אַלזאָ אויך געגאַנגען אַהין אָנקוקען דאָס בילד, און אַז איך האָב עס געזעהן, בין איך שטאַרק געריהרט געוואָרען דערפֿון. דאָס מערקווירדיגסטע איז געווען דאָס, וואָס די מלכה גופא איז מיר עפּעס געווען שטאַרק עהנליך צו מיין פֿריילײן פֿון דעם פּריצישען הויף . . . ניט ווען זי האָט געלאַכט און געשפּאַסט, נאָר אין דער רגע, ווען זי איז געשטאַנען אויפֿגעשטעלט דאָרט אין דעם ליידיגען וואָגען און האָט מיך צושמעטערט מיט די אויגען, ווייל איך האָב זיך געוואָלט איינשפּאַנען אַלס פֿערד.

גאָט ווייס דעם אמת, איך האָב עס ווידער דערפֿיהלט אין האַרצען. דאָס בילד האָט מיר אין גאַנצען אוועקגעטריבט דעם פֿריעדען, עס האָט מיך צו שטאַרק דערמאָנט אָן מיין פֿערלאָרען גליק; אין אַ שעהנער נאַכט האָט עס מיך אינספּירירט צו מיין בעקאַנטער קונסט-קריטיק איבער די „מלכת שבא". אין דער דאָזיגער קונסט-קריטיק האָב איך געשריבען פֿאָלגענדעס איבער די קעניגין:

„זי איז אַן עטהיאָפּיערין, נײַנצעהן יאָהר אַלט, הויך, רײַצענד שעהן, אַ מלכה און אַ פרוי אין איין און דערזעלבער פּערזאָן . . . מיט דער לינקער האַנד הויבט זי אויף דעם שלייער פון געזיכט און װענדעט איהרע אויגען צום קעניג. זי איז ניט ברונעט, אפילו די שוואַרצע האָר איהרע זיינען אין גאַנצען פערדעקט פון דעם זילבערנעם דיאַדעם, וואָס זי טראָגט; זי זעהט אויס ווי אַן אייראָפּעערין, װעלכע איז אַרומגעפּאָהרען אין די מזרח־לענדער און איז אָבגעברענט געוואָרען אַביסעל פון דער הייסער זונן. נאָר די אויגען איהרע האָבען די דונקעלע פאַרב, װעלכע זאָגט אויס פון וואַנען זי שטאַמט, אָט דעם מרה־שחורה'דיגען און אין דערזעלבער צייט פייערדיגען בליק, װעלכער נעהמט דורך און דורך דעם, אויף וועמען ער פאַלט. מען וועט די דאָזיגע אויגען ניט פערגעסען, לאַנג, לאַנג וועט מען זיך דערמאָנען אָן זיי און מען וועט זיי אין חלום ווידער זעהן פאַר זיך . . .״

דאָס שטיקעל מכח די אויגען איז שעהן; אַזוי וואָס זאָגט מען ניט, ווען מען פיהלט ניט עפּעס עהנליכעס ביי זיך אין האַרצען; מען קען פרעגען וועמען מען וויל. און פון דעם טאָג אָן האָט מיין האַרץ קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט פאַר דאָס וואונדערליכע מיידעל פון דער בערבי'ער פּאָסט־סטאַציאָן, נור „מלכת שבא״.

II

איך בין נאָך ניט פאַרטיג מיט איהר, אין פיער יאָהר אַרום שווימט זי ווידער אַרויף, איצט, ערשט מיט אַ וואָך צוריק.

איך פאָהר פון קאָפּענהאַגען קיין מאַלמע, איך וויל דאָרט בעזוכען אימיצען, װעלכער ריכט זיך אויף מיר — כ'דערצעהל עס ווידער כהויה, אַזוי ווי עס איז. מיינע זאַכען האָב איך אָבגעגעבען אין האָטעל און מען האָט מיר אָנגעוויזען אַ צימער. דאַן געה איך אַרויס זיך טרעפען מיט דעם מאַן, װעלכער וואַרט אויף מיר, נאָר אַפריהער וויל איך מאַכען אַ קליינעם שפּאַציר צו דער באַהן, כדי זיך צוגרייטען צו דער בעגעגעניש. דאָרט טרעף איך אָן אַ מאַן, מיט וועמען איך לאָז זיך אַריין אין אַ שמועס. איך שטעה גראָד און רייד עפּעס מיט דעם דאָזיגען מאַן, מיט אַמאָל דערזעה איך אַ געזיכט אין אַ צוג, וואָס האַלט ביים אַבפאָהרען, און דאָס געזיכט ווענדט זיך צו מיר, צוויי אויגען מעסטעז מיך אַב פון קאָפּ ביז די פיס — ביי גאָט, דאָס איז די מלכת שבא!

איך שפּרינג גלייך אַריין אין צוג, און עטליכע סעקונדען שפּעטער פאָהרען מיר אָב.

נו, דאָס איז אַ מזל־זאַך! אַז איך זאָל שטעהן דאָ און זי נאָך אַ משך פון פיער יאָהר צייט ווידער אַמאָל דערזעהן און אריינשפּרינגען גראָד אין אַ צוג, וואָס געהט אָב, בעת ווען אַלע מיינע זאַכען ליגען אין האָטעל, — דאָס איז מזל! איבער אַזעלכע זאַכען האָט מען אַליין קיין שום דעה ניט. דערצו האָב איך אפילו דעם מאַנטעל מיינעם איבער־געלאָזט אין האָטעל; אין דעם צושטאַנד בין איך אַריינגעקומען אין צוג.

איך קוק זיך אום, איך בין אַריין אין אַ וואַגאָן ערשטע קלאַסע, און עס זיצען דאָ בלויז אַ פּאָר רייזענדע. מילא, זעץ איך מיך אַנידער לעבען זיי און מאַך זיך גאַנץ היימיש, כ׳פעררויכער אַ ציגאַר און נעהם אַרויס עפּעס צו לייענען. וואו פאָרט וועט מיך דאָס שיקזאַל אוועקפיהרען? איך האָב געוואָלט פאָהרען דאָרט, וואו די מלכת שבא פאָהרט, ס׳איז בלויז געגאַנגען אין דעם, גוט אַכטונג צו געבען; וואו זי וועט אַרויס־געהן, וועל איך אויך אַרויסגעהן; מיין איינציגע אויפגאַבע איז בעשטאַנען אין דעם, זיך מיט איהר צונויפטרעפען. אַז דער קאָנדוקטאָר איז אַריינ־געקומען און האָט פערלאַנגט מיין בילעט, האָב איך, פערשטעהט זיך, ניט געהאַט וואָס איהם צו ווייזען.

וואוהין איך האָב אַלזאָ בדעה צו פאָהרען?

דאָס ווייס איך אַליין ניט אויף ריכטיג, נאָר . . .

נו יאָ, דאַן מוז איך בעצאָהלען ביז אַרלעף און אַ צוגאָב פון פערציג ערע. אין אַרלעף וועל איך מוזען נעהמען אַ בילעט ווייטער.

איך האָב געטהאָן ווי דער קאָנדוקטאָר האָט געזאָגט, און איך האָב מיט פרייד בעצאָהלט דעם צוגאָב.

אין אַרלעף האָב איך דאַן גענומען אַ בילעט ביז לונד. ווער ווייס? די מלכת שבא פאָהרט אפשר צו גאַסט קיין לונד, און איך האָב זי ניט געוואָלט פערלירען פון אויג.

אָבער זי איז ניט אַראָב אין לונד.

נו, האָב איך ווידער געמוזט בעצאָהלען דעם קאָנדוקטאָר, דאָס מאָל ביז לאַקאַלעגגאַ און ווידער אַמאָל אַ צוגאָב פון פערציג ערע — אינ־איינעם זיינען דאָס געווען אַכציג. אין לאַקאַלעגגאַ האָב איך גענומען אַ בילעט דירעקט ביז העסעלהאָלם, כדי צו געהן אויף אַ זיכערער בריק, און דערנאָך האָב איך זיך ווידער אַריינגעזעצט אין וואַגאָן, שרעקליך נערוועז איבער די פערפּלאָנטערטע רייזע.

די פּלוידעריי פון די פּאַסאַזשירען האָט מיך אויך געררייצט; וואָס

צו׳ן אַלדע שוואַרץ יאָהר איז דאָס מיך אָנגעגאַנגען, אַז אין האַמבורג האָט אויסגעבראָכען אַ מגפה אויף די בהמות? מיינע מיט־רייזענדע זיינען אודאי געווען בויערן, איינפאַכע שוועדישע פּיה־הענדלער, מחמת דריטהאַלבען שעה נאָכאַנאַנד האָבען זיי פון קיין אַנדער זאַך ניט גע־רעדט, נור פון דער מגפה אויף בהמות אין האַמבורג. נו יאָ, דאָס איז געווען זעהר אינטערעסאַנט; און אַחוץ דעם: וואַרט ניט אימיצער אויף מיר אין מאַלמע? גאָט, איך בעט דיך, לאָז דעם מענשען וואַרטען!

אָבער די מלכת שבא איז אויך אין העסלעהאָלם ניט אַרונטער.

נו, ווער איז מלא רציחה, איך בעצאָהל דעם קאָנדוקטאָר ביז באַ־לינגסלעף, ווידער אַמאָל מיט פערציג ערע צוגאָב — דאָס איז שוין גע־ווען אַ קימא לן פון איין קראָן און צוואַנציג — און אין באַלינגסלעף נעהם איך מיט צונויפגעביסענע צייהן אין איין קלאַפּ אַ בילעט ביז — שטאָקהאָלם. דאָס האָט געקאָסט איין הונדערט און אַכצעהן קראָנען, איך שווער ביים טייוועל, אַז עס האָט בעטראָפען אַזויפיעל! אָבער ס׳איז געווען קלאָהר, אַז די קעניגין פון שבא פאָהרט אַצונד, גראָד אַזוי ווי דאָס לעצטע מאָל, קיין שטאָקהאָלם.

גאַנצע שטונדען נאָכאַנאַנד זיינען מיר געפאָהרען, איך גיב גוט אַכטונג ביי יעדער סטאַציאָן; אָבער זי געהט ניט אַרונטער. איך זעה זי ביים פענסטער פון וואַגאָן, און זי קוקט אויף מיר מיט אויפמערקזאַמ־קייט; אַך, זי האָט גאָרנישט פערלאָרען פון איהרע געפיהלען צו מיר, דאָס האָב איך אַרויסגעזעהן בעשיינפערליך; אָבער אין אַ קליינער פער־לעגענהייט איז זי געווען, און זי האָט כסדר אַרונטערגעלאָזט די אויגען, ווען איך בין פערבייגעגאַנגען. כ׳האָב ניט געגריסט, דאָס האָב איך זיך אַלץ פערגעסען צו טהאָן; וואָלט זי גיט געזעסען איינגעשפּאַרט אין אַ דאַמען־וואַגאָן, וואָלט איך, פערשטעהט זיך, שוין לאַנג פערבונדען מיט איהר אַ געשפּרעך, כ׳וואָלט איהר דערמאָנט אָן אונזער אַלטער בעקאַנט־שאַפט און אָן דעם, אַז איך בין אַמאָל אין איהר בעט געשלאָפען; עס וואָלט איהר אודאי אמת הנאה געטהאָן צו הערען, אַז איך בין גאַנץ אויסגעצייכענט געשלאָפען, ביז ניין אַזייגער.

ווי הערליך זי איז דאָס געוואָרען אין די פּיער יאָהר צייט, אַצונד איז זי ווירקליך געווען אַ מאַיעסטעטישע פרוי.

און ס׳איז אַריבער איין שעה נאָך דער אַנדערער, ס׳האָט גאָרנישט געטראָפען, נאָר אַרום פּינף אַזייגער האָבען מיר אַריבערגעפאָהרען אַ קוה; מיר האָבען געהערט, ווי די ביינער האָבען זיך איבערגעבראָכען, און מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אַ רגע, אום צו אונטערזוכען די רעלסען,

און דאַן זיינען מיר ווייטער געפֿאָהרען. די צוויי פּאַסאַזשירען האָבען אָנגעהויבען ריידען פֿון די דאַמפּף־שיפֿען, וואָס געהען אויף דעם „ערע־זונד", ווידער אַמאָל אַן אויסערגעוועהנליך אינטערעסאַנטער געשפּרעך. ווי איך האָב דאָס געליטען! און ווי איז עס פֿאַרט, צי וואַרט ניט אַ מענש אויף מיר?

צום טייוועל מיט דעם בחור אין מאַלמע!

ווייטער, אַלץ ווייטער, מיר פֿאָהרען דורך עלמהוט, ליאַטאָרפּ, ווים־לאַנדאַ. אין ווּיסלאַנדאַ געהט די מלכת שבא אַרויס פֿון וואַגאָן, איך לאָז זי אויף אַ רגע אפילו ניט אַרויס פֿון אויג; נאַ, אַזוי — זי קומט צוריק, גוט, מיר פֿאָהרען ווייטער.

דאַן קומען מיר קיין אַלפּוועסטאַ.

„קיין קאַלמאַר אומבייטען!"

דאָ געהט די קעניגין פֿון שבא ווידער אַרונטער; איך שטעה און קוק וואָס זי וועט טהאָן; אָבער דאָס מאָל געהט זי אַריבער אין קאַלמאַר־צוג. דערויף האָב איך זיך ווירקליך ניט געריכט, איך בין אויסער זיך פֿאַר ערשטוינונג און קען זיך ניט ענטשליסען וואָס צו טהאָן, ביז עס איז שוין כמעט צו שפּעט. אין אימפּעט, ווי אַ שד, אוספּיי איך נאָך אַריינצושפּרינגען אין דעם קאַלמאַר־צוג, בעת ער געהט גראָד אָב.

אין איינציגער מענש אין וואַגאָן, ער גיט ניט אַמאָל אַ קוק אויף מיין זייט, ער לייענט. איך זעץ זיך אַנידער, כ'לייען אויך. אין אַ פּאָר מינוטען אַרום הער איך: „ביטע, דעם בילעט!"

ס'איז אַן אַנדער קאָנדוקטאָר.

„דעם בילעט! נו יאָ!" ענטפֿער איך און דערלאַנג איהם מיין בילעט.

„דאָס טויג נישט," מאַכט ער, „דאָס איז די קאַלמאַר־ליניע."

„דאָס טויג נישט, זאָגט איהר?"

„ניט אויף דער דאָזיגער ליניע."

„נו יאָ, דאָס איז דאָך אָבער ניט מיין זאַך, ווען מען פֿערקויפֿט מיר אַ בילעט, וואָס טויג נישט!"

„וואו ווילט איהר דען פֿאָהרען?"

„קיין שטאָקהאָלם, פֿערשטעהט זיך," ענטפֿער איך; „וואו דען מיינט איהר וועל איך וועלען פֿאָהרען?"

„יאָ, אָבער דאָס איז דער צוג קיין קאַלמאַר, איהר הערט? אָט דער צוג געהט קיין קאַלמאַר," זאָגט ער מיט כעס.

נאַ, דאָס האָב איך ניט געוואוסט, אָבער עס איז דאָך על כל פּנים שוין אַ צו קלעגליכע פּינקטליכקייט פֿון זיין זייט, זיך אָבצושטעלען אויף

אַזעלכע קלייניגקייטען. ער טהוט עס אודאי נור מחמת דעם וואָס איך בין אַ נאַרוועגער, פון פּאָליטישען האַס. כ׳וועל איהם האָבען צו געדיינקען.

„יאָ, וואָס זשע מאַכט מען דאָ?" טהו איך אַ פרעג.

„דאָס מאַכט איהר אַזוי . . . יאָ, וואוהין האָט איהר איצט בדעה צו פאָהרען? אויף דער דאָזיגער ליניע קומט איהר ניט קיין שטאָקהאָלם!"

„גוט, דאַן פאָהר איך אַלזאָ קיין קאַלמאַר. כ׳האָב אייגענטליך פריהער אויך געמיינט קאַלמאַר," ענטפער איך; „שטאָקהאָלם איז מיר אייגענטליך קיינמאָל ניט געפעלען, כ׳קען ניט זאָגען, אַז איך וואָלט זיך אַנטליהען געלד, אום צו פאָהרען אַהין נאָך אַמאָל."

אָט די פערדאַמטע קעניגין פאָהרט אַלזאָ קיין קאַלמאַר; וועט דאָך אַמאָל נעהמען אַ סוף צו די צרות.

„דאַן בעצאָהלט אַלזאָ ביז געמלאַ און פערציג ערע צוגאָב," זאָגט דער קאָנדוקטאָר. „אָבער אין געמלאַ מוזט איהר קויפען אַ בילעט ביז קאַלמאַר."

„איך האָב דאָך אָבער נאָר וואָס בעצאָהלט איין הונדערט און אַכ־צעהן קראָנען," האָב איך גע׳טענה׳ט; נאָר איך האָב דאָך בעצאָהלט און די פערציג ערע צוגאָב אויך — דאָס האָט שוין בעטראָפען אַ קראָן און זעכציג —. אָבער אַצונד האָט מיין געדולד איינפאַך געפּלאַצט, אין געמלאַ לאָז איך זיך מיט שטורם צו צום קאָנטאָר און גיב אַ געשריי צו דעם מאַן, וואָס פערקויפט די בילעטען:

„ווי ווייט קען איך פאָהרען אויף דער דאָזיגער ליניע?"

„ווי ווייט? ביז קאַלמאַר," ווערט מיר געענטפערט.

„וואָלט איך ניט געקענט פאָהרען ווייטער? וואָס זשע, ס׳איז גאַנץ אונמעגליך, כאָטש בלויז אַ גאַנץ קליין שטיקעלע ווייטער צו פאָהרען?"

„גאַנץ אונמעגליך. וואָרים דאַן קומט די אָסט־זעע."

„גוט, אַלזאָ אַ בילעט ביז קאַלמאַר!"

„וועלכע קלאַסע?"

הע, ער פרעגט נאָר, וועלכע קלאַסע! אָט אַפּנים דער מאַן קען מיך ניט; ער האָט, ווייזט אויס, גאָרנישט געלייענט פון דעם, וואָס איך האָב געשריבען. כ׳האָב איהם געענטפערט ווי ער האָט עס פערדיענט:

„ערשטע קלאַסע, נאַטירליך!"

כ׳האָב בעצאָהלט און זיך צוריק אַריינגעזעצט אין וואַגאָן.

ס׳איז געוואָרען נאַכט, מיין אונפריינדליכער פּאַסאַזשיר האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף זיין באַנק און צוגעמאַכט די אויגען, שטום, ער זאָל עס גאָר אַ קוק טהאָן אין מיין זייט. ווי האָב איך פאָרט געוואָלט

פערטרייבען די צייט? כ'האָב ניט געקענט שלאָפען, כ'בין אַלע ווײַלע אויפגעשטאַנען, האָב בעטראַכט די טהירען, געעפענט און צוגעמאַכט די פענסטער, געפּרווירען און געגנעצט. דערצו איז געווען נאָך אַ צרה, וואָס יעדעס מאָל, ווען דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט, האָב איך געמוזט זיין אויף דער וואַך, צוליעב דער קעניגין מײנער. ביסלאַכווייז בין איך געוואָרען מורא'דיג אויפגעבראַכט אויף איהר און האָב אָנגעהויבען פער־שעלטען איהר געביין.

ענדליך, ענדליך איז געוואָרען טאָג. מיין פאַסאַזשיר האָט זיך אויפ־געהויבען און אַרויסגעקוקט אויף דרויסען! דאַן האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, ווי דער שטייגער איז, און זיך ווידער גענומען לייענען, אַלץ ניט אַ קוק טהאָנדיג אין מיין זייט; ס'האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי עס וועט גאָר קיינ־מאָל קיין סוף ניט נעהמען צו זיין בוך.

איך בין געוואָרען שטאַרק אין כעס אויף איהם, האָב גענומען זינגען און פייפען, אום איהם צו ערגערן; אָבער עס זאָל איהם אָנהויבען אַרען! כ'האָב זיך שוין שטיל ביי מיר אין האַרצען געוואונשען צוריק צו דער מגפה אויף די בהמות, איידער אָט די שטומע אָנגעבלאָזענקייט.

ענדליך איז עס מיר איינפאַך געוואָרען אונערטרעגליך, כ'האָב אַ פרעג געטהאָן:

„מעג איך פרעגען וואוהין איהר פאָהרט?"

„אַך," האָט ער געענטפערט, „איך פאָהר נאָך אַ שטיק."

דאָס איז געווען אַלעס.

„נעכטען האָבען מיר אַריבערגעפאָהרען אַ קוה."

„וואָס זאָגט איהר?"

„נעכטען האָבען מיר אַריבערגעפאָהרען אַ קוה."

„אַזוי!"

און ער האָט שוין ווידער געלייענט ווייטער.

„איהר ווילט מיר אפשר פערקויפען דאָס בוך?" האָב איך געזאָגט, אויסער זיך פאַר כעס.

„דאָס בוך? ניין," האָט ער געענטפערט.

„ניין?"

„ניין."

דערביי איז דאָס געבליבען. ער האָט אפילו ניט אַ קוק געטהאָן אָן אַ זייט. אָט די האַרטנעקיגקייט האָט מיך איינפאַך צושמעטערט. איינענטליך איז דאָך די דאָזיגע עלענדע קעניגין שולדיג געווען אויך אין דעם, וואָס איך האָב זיך צונויפגעטראָפען מיט אַזאַ מין מענשען. זי

האָט מיר ווירקליך פֿערשאַפֿט פֿיעל פֿערדרוס. אָבער דאָס אַלעס זאָל פֿערגעסען ווערן, ווען איך וועל זיך טרעפֿען מיט איהר. אַך, ווי מיר האָט זיך דאָס אַביסעל געוואָלט איהר אָבשילדערן אַלע מיינע צרות, איהר דערצעהלען מכה דער קונסט־קריטיק, וועגען דעם מענשען, וועלכער האָט אויף מיר געוואַרט אין מאַלמע, און וועמען איך האָב געלאָזט שטע־קען אין מיטען דערינען, אומגעריכטערהייט; מכה מיין רייזע, צוערשט אויף דער שטאָקהאָלמער ליניע און דערנאָך קיין קאַלמאַר — מיין פֿריי־ליין! יאָ, כ׳וועל אַודאי ווידער מאַכען אַן איינדרוק אויף איהר. און קיין שום אָנצוהערעניש, קיין וואָרט ניט וועגען די פּאָר ערע צוגאָב און די איין הונדערט און אַכצעהן קראָנען!

און דער צוג לויפֿט ווייטער.

פֿון לאַנגווייליגקייט הויב איך אָן אַרויסקוקען פֿון פֿענסטער.

דאָ זעהט מען אייביג און אימער דאָס זעלבע: וואַלד, פֿעלד, פֿער־בייטאַנצענדיגע הייזער, טעלעגראַפֿען־שטאַנגען איבער דער לייגג פֿון דער באַהן, און ביי יעדער סטאַציאָן די געוועהנליכע ליידיגע פּראַכט־וואַגאָנען אויפֿגעשטעלט, און אויף יעדען וואַגאָן שטעהט דאָס וואָרט „גאָלפֿיטאַ".

וואָס איז אַזוינס „גאָלפֿיטאַ"? ס׳קען ניט זיין קיין נומער און ניט קיין מענשען־נאָמען. צי איז „גאָלפֿיטאַ" ניט אַקאָרשט אַ גרויסער טייך אין שאָנען אָדער אַ פֿאַבריק־צייכען, אָדער גאָר אַ רעליגיעזע סעקטע?! אָבער מיט אַמאָל דערמאָן איך זיך: „גאָלפֿיטאַ" איז געווען אַזאַ מין געוויכט; אַ „גאָלפֿיטאַ" האָט געהאַט, ווען איך האָב נור קיין טעות ניט, איין הונדערט צוויי און דרייסיג פֿונט. אָבער דאָס זיינען נאָך געווען גוטע אַלטע פֿונטען, און דאָך זיינען געגאַנגען כמעט איין הונדערט צוויי און דרייסיג אַזעלכע פֿונטען אויף איין „גאָלפֿיטאַ", אַזוי שווער איז זי געווען . . .

און דער צוג פֿאָהרט ווייטער.

ווי האָט פֿאַרט דער דאָזיגער שטומער נאַר געקענט זיצען דאָ שטונ־דען־לאַנג און רק לייענען און לייענען! דאָס ביכעלע וואָלט איך אין דער צייט דריי מאָל אויסגעלייענט, אָבער ער האָט געבלאָזען פֿון זיך, זיך גרויסגעהאַלטען מיט זיין אונוויסענהייט און האָט זיך ניט אָנגעהויבען שעהמען אין זיין ווייטען האַלז. זיין נאַרישקייט איז ענדליך אַריבער אַלע גרענעצען, כ׳האָב עס שוין לייגגער ניט געקענט אויסהאַלטען, האָב אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, איהם אָנגעקוקט און זיך אָבגערופֿען:

„וואָס האָט איהר געזאָגט?"

ער האט אויפגעהויבען די אויגען און מיך אנגעקוקט תמ'עוואטע, אזוי ווי ער וואלט פון הימעל אראבגעפאלען.

„איהר זאגט עפעס?" האט ער געפרעגט.

„וואס?"

ער האט ניט אנגעהויבען פערשטעהן וואס דא טהוט זיך.

„וואס ווילט איהר?" האט ער געפרעגט מיט כעס.

„וואס איך וויל? וואס ווילט איהר?"

„איך? גארנישט!"

„נא, איך אויך ניט!"

„אזוי. פארוואס זשע רעדט איהר צו מיר?"

„איך? האב איך צו אייך גערעדט?"

„אלוא ניט!" האט ער געזאגט און זיך מיט צארן אבגעקעהרט אן א זייט.

דאן זיינען מירביידע ווידער אנשווייגען געווארען.

און שטונדע נאך שטונדע געהט אריבער; ענדליך פייפט דער צוג לעבען קאלמאר.

נו, אצונד קומט דער סוף, די ענטשיידונג. איך גיב א טאפ מיינע באקען — פערשטעהט זיך, אז איך בין געוועזען גיט־ראזירט, דאס איז שוין מייסטענס געוועזען מיט מיר אזוי. ס'איז אבער נאך אלעמען א גאנץ שלעכטע איינפיהרונג, אז אויף אזא לאנגער ליניע זאלען ניט זיין קיין סטאציאנען, וואו מען זאל זיך קענען אבראזירען, כדי אויסצוזעהן ווי א מענש, ווען עס איז נייטיג. איך פערלאנג ניט קיין אנגעשטעלטע באר־ביערער אויף יעדער סטאציאן, אבער מען מוז דאך מיר מודה זיין, אז עס וואלט גאר קיין עולה ניט געוועזען צו קענען האבען א בארביערער אין יעדער פינפטער סטאציאן. דאס איז על כל פנים מיין מיינונג.

דאן האט זיך דער צוג אבגעשטעלט.

איך געה גלייך ארוים, איך שטעה און בעמערק, אז אויך די מלכת שבא געהט ארויס פון וואגאן; אבער זי ווערט פלוצלינג אזוי ארומגע־רינגעלט פון מענשען, אז ס'איז אונמעגליך צו איהר צוצוקומען. א יונגער מאן צוקושט זיך זאגאר מיט איהר — דער ברודער אלוא, ער וואוינט דא, האט דא געשעפטען, זי קומט צו איהם אויף בעזוך! אין א ווייל ארום קומט צו א וואגען, זי געהט אריין, נאך איהר צווי, דריי אנדערע, און זיי פאהרען אוועק.

איך שטעה דא. יי איז מיר פאר דער נאז אוועקגעפאהרען, כ'האב זיך נ ט בעטראכט.

נו מילא, דערוויל איז גאָרנישט געווען וואָס צו מאַכען, ס'איז דאָך אַ פּערפּאַלענע זאַך. יאָ, אַז איך האָב געניוער נאָכגעדיינקט דעריבער, בין איך איהר כמעט דאַנקבאַר געווען דערפאַר, וואָס זי האָט מיר גע־לאָזט צייט, זיך צו ראַזירען און זיך צו פּערפּוצען אַביסעל, איידער איך שטעל זיך פּאַר פאַר איהר. נו, נים געשטאַנען לײדיג; מען טאָר ניט פּערלירען קיין צייט!

אַ טרעגער קומט צו צו מיר, בשעת איך שטעה דאָ אַזוי, און ער באָט זיך אָן צו טראָגען מיינע זאַכען.

„ניין, איך האָב ניט קיין זאַכען.‟

צי איך האָב, הייסט עס, גאָר קיין זאַכען ניט?

ניין, איך האָב גאָר קיין זאַכען ניט! צי ער פּערשטעהט מיך איצט?

אָבער איך בין פון דעם מאַן ניט לויז געוואָרען, ער האָט געוואָלט וויסען, צי איך פאָהר ווייטער.

„ניין, איך פאָהר ניט ווייטער!‟

צי איך האָב בדעה דאָ צו בלייבען וואוינען?

„פילייכט, אַ שטיקעל צייט! איז פּאַרהאַן אַ האָטעל דאָ ניט ווייט?‟

אָבער וואָס האָב איך דאָ וואָס צו טהאָן? צי בין איך ניט פילייכט אַן אַגענט אָדער אַ קאָנטראָלער?

ווידער איינער, וועלכער האָט גאָרנישט געלייענט פון מיינע זאַכען! ניין, איך בין ניט קיין קאָנטראָלער.

אָבער וואָס זשע בין איך פּאָרט?

„אַדיע!‟ האָב איך איהם אַריינגעשריען אין פּנים אַריין און איך בין אַוועק. אַזוי זיך אָנצוזעצען אויף אַ מענשען! נישקשה, אַ האָטעל קען איך זיך אַליין געפינען, אַז עס געהט אין דעם. קודם כל האָב איך זיך געמוזט אויסקלעהרען עפּעס אַ פּאָזיציע, געפינען עפּעס אַ תירוץ, פאַר־וואָס איך בין געקומען אַהער; וואָרים עס איז געווען קלאָהר, אַז ווען אַזאַ מין אויסגעהונגערטער פּאַקען־טרעגער איז אַזוי נייגיעריג, וועט דאָך דער בעל הבית פון האָטעל זיין אַסך ערגער.

וואָס זשע האָב איך אַלזאָ אָפּיציעל, פּאַר גאָט און לייטען, געהאַט צו טהאָן אין קאַלמאַר?

אַחוץ דעם האָב איך געמוזט אויסגעפינען וואָס פּאַר ס'איז „געשעפט‟, כדי ניט צו קאָמפּראָמיטירען מיין קעניגין.

און איך בין שיער ניט אַראָב פון זינען טראַכטענדיג, וואָס איך „זאָל טהאָן‟ אין קאַלמאַר. שוין ליגענדיג ביים באַרביערער אונטער'ן מעסער,

לאָזט מיך די דאָזיגע פֿראַגע ניט רוהען. דאָס איז געווען זיכער: כ'האָב זיך ניט געטאָרט ווייזען אין האָטעל, איידער איך בין מיט מיר אַליין פֿאַרטיג געוואָרען מכח דעם.

„איהר האָט אַ טעלעפֿאָן?" טהו איך אַ פֿרעג.

ניין, דער באַרביערער האָט ניט קיין טעלעפֿאָן.

„אָבער קענט איהר אפשר אַריבערשיקען אימיצען אין דעם נאָהנט־סטען האָטעל און מיר דאָרט בעשטעלען אַ צימער? איך האָב קיין צייט ניט אַליין אַריבערצוגעהן, איך האָב אַ מאַסע נעשעפֿטען צו בעזאָרגען."

„יאָ, זעהר גערן!"

דאַן געהט דער לעהר־איינגעל.

איך האָב אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער די גאַסען, כ'האָב בעטראַכט די קירכע, דעם האַפֿען, כ'בין געגאַנגען גאַנץ שנעל, מורא האָבענדיג, אַז אימיצער קען מיר נאָך אָבשטעלען און פֿרעגען, וואָס איך טהו אין קאַלמאַר. ענדליך בין איך געקומען אין פּאַרק, כ'האָב זיך אַנידערגע־וואָרפֿען אויף אַ באַנק און געגומען גריבלען אין זיך. איך בין געווען אַליין.

קאַלמאַר — וואָס האָב איך געזוכט אין קאַלמאַר? דער נאָמען איז מיר פֿאָרגעקומען בעקאַנט, כ'האָב ערגעצוואו געלייענט דערפֿון. וויים גאָט, צי ס'איז ניט געווען עפּעס אַ פּאָליטישע זאַך, אַן אויסערגעוועהנ־ליכער פּאַרלאַמענט, אַ פֿריעדענס־אָבמאַך. כ'האָב געפּרוּאווט טרעפֿען: „קאַלמאַרער פֿריעדען", „פֿריעדען אין קאַלמאַר", האָב איך אפשר אַמאָל דערפֿון געהערט? אָדער איז עס פֿילייכט געווען אַ „קאַלמאַרער אָבמאַך"? אָבער נאָך אַ קליינעם ישוב הדעת האָב איך זיך אַליין געזאָגט, אַז מכח אַן „אָבמאַך אין קאַלמאַר" האָב איך נאָך גאָרנישט געהערט. פּלוּצלינג שפּרינג איך אויף, כ'מיין איך האָב עס געפֿונען: ס'איז געווען די „קאַל־מאַר־שלאַכט", „די מלחמה לעבען קאַלמאַר". יאָ, כ'האָב עס אַלזאָ! און איך לויף אין איין אָטהעם אין האָטעל. ווייבאַלד עס איז געווען אַ מלחמה לעבען קאַלמאַר, טאָ בין איך געקומען אַהער שטודירען די היסטאָרישע פּלעצער, דאָס איז געווען דער צוועק פֿון מיין זיין דאָ; דאָרט איז געלעגען ניעלס יועל'ס שיף, דאָרט איז געפֿלויגען אַ פֿיינדליכע קויל וויים איבער דאָס לאַנד און האָט אויפֿגעריסען די ערד, דאָרט איז געפֿאַלען גוסטאַוו אַדאָלף אויף'ן דעק פֿון'ם קריעג־שיף. און קאָלביין דער שטאַרקער האָט געפֿרעגט: וואָס האָט געבראַכט דאָ אויבען? נאַר־וועגען דרעהט זיך אויס פֿון דיינע הענד! האָט געענטפֿערט איינאַר. . .

נאָר אַז איך בין שוין געשטאַנען ביים האָטעל, האָב איך זיך מיט אַמאָל

אומגעקעהרט צוריק און אויפגעגעבען מיין גאנצע שלאכט־געשיכטע; ס'איז קיינמאל ניט געווען קיין מלחמה לעבען קאלמאר, די שלאכט איז געווען אויף דעם פארוואסער פון קאפענהאגען! און איך לאז זיך ווידער ארויס איבער דער שטאדט. ס'איז מיר געווען פינסטער, שווארץ פאר די אויגען.

דאן האב איך זיך איינפאך ארומגעדרעהט דעם גאנצען טאג און גארנישט געהאט אין מויל, ניט עפעס טרוקענעס און ניט עפעס נאסעס. איך בין געווען מורא'דיג פערמאטערט. ס'איז שוין אויך געווען צו שפעט אריינצוגעהן אין א ביכער־געשעפט און קויפען עטליכע ביכער איבער קאלמאר, מחמת אלע בוכהאנדלונגען זיינען שוין געווען געשלאסען. ענדליך שלעפ איך זיך קוים צו צו א מאן, וואס צינדט אן די לאמטערנעם פון גאס.

„ענטשולדיגט," פרעג איך העפליך, „וואס איז אזוינס פארגעקומען אמאל דא אין קאלמאר?"

דער מאן ענטפערט מיר: „פארגעקומען?" און קוקט מיך אן.

„יא," זאג איך, „עס באמבעלט זיך מיר עפעס אין קאפ, אז דא אין קאלמאר איז אמאל וואס עס איז פארגעקומען; ס'האט א וויכטיגען היסטארישען אינטערעס, דערום וואלט איך עס גערן געוואלט וויסען."

מיר שטעהען איינער גרעגען אנדערן.

„וואו וואוינט איהר?" פרעגט ער.

„איך בין טאקע ספעציעל געקומען אהער, כדי עס צו שטודירען," ערקלעהר איך ווייטער, „ס'האט מיך זאגאר געקאסט א גאנצע קראן מיט זעכציג ערע צוגאב, אחוץ די הונדערט און אכצעהן קראנען רייזע־געלד, פון וועלכע איך וויל גארנישט ריידען. איהר קענט פרעגען די קאנדוקטארען, אויב איהר ווילט."

„איהר זייט פון נארוועגען?"

„יא, איך בין פון נארוועגען."

„איהר זייט אפשר אן אגענט?"

ווי פערמאטערט איך בין געווען, דאך האב איך געמוזט אנטלויפען אזוי שנעל ווי מעגליך; נו יא, דאס איז דאס טאקע וואס איך האב געוואלט וויסען פון דעם מאן, וואס איך בין! אבער אויך אין דעם איז מיין קעניגין שולדיג, זי איז אין אלצדינג שולדיג, און איך האב איהר געוואונשען, כאטש מיט א מילדען אויסדרוק, אז זי זאל פאר איהר רשעות געהן צום טייוועל.

דאָן בין איך צוריק אַוועק אין פּאַרק.

ניין, אַצונד האָב איך שוין מעהר קיין רעטונג ניט געזעהן!

איך שטעה און שפּאַר זיך אָן אָן אַ בוים, די פערבייגעהער הויבען אָן קוקען אויף מיר; כ׳האָב מעהר ניט געקענט איינשטעהן און זיך גע־מוזט אַוועקשלעפּען ווייטער. אין דריי שטונדען אַרום בין איך אַרויס פון שטאָדט און האָב זיך געפונען אויף׳ן לאַנד. כ׳קוק זיך אום, איך בין איינער אַליין, אַ גרויסע, שוואַרצע געביידע הויבט זיך אויף פאַר מיינע אויגען. איך בלייב שטעהן, אום צו בעטראַכטען דעם ריעזיגען בנין, ער זעהט אויס ווי אַ באַרג, מיט אַ קירכע אויף׳ן שפּיץ. און בעת איך שטעה דאָ אַזוי, געהט פערביי אַ מאַן; כ׳שטעל איהם אָב און פרעג, וואָס דאָס איז אַזוינס פאַר אַ באַרג, כ׳געדיינק ניט זיין נאָמען פון דער געאָגראַפיע, כאָטש איך בין בעקאַנט מיט זעהר פיעל בערג.

„דאָס איז דאָס שלאָס!״ האָט ער געענטפערט.

„דאָס שלאָס, דאָס קאַלמאַרער שלאָס!״

כ׳וואָלט גערן געוואָלט וויסען, צי איז דאָ אינעוועניג ניט פאַרגע־קומען דאָס אַלעס, וואָס באַמבעלט זיך מיר אַרום אין קאָפּ!

„דאָס שלאָס איז איצט, פערשטעהט זיך, אין אַ טרויעריגען צושטאַנד, אַן אמת׳ע חורבה אַנטקעגען דעמאָלט, ווען די גרויסע געשעהענישען זיינען דאָרט פאָרגעקומען?״ האָב איך געפרעגט.

„אַך ניין, דער פערוואַלטער גיט גוט אַכטונג דערויף,״ ענטפערט דער מאַן.

„ווער לעבט אַצונד דאָ? כ׳מיין: וואָס פאַר אַ פירסט געפינט זיך דאָרט אין דעם זיעדליכען פליגעל? ס׳ליגט מיר פשוט אויף דער צונג, גאָר . . .״

„יאָ, דאָס שלאָס איז איצט פול מיט געוועהר, מיט שווערדען און אַלטערטהימער, מיט אַלערליי אַלטע זאַכען . . .״

אַזוי, אויף איין פוס שטעהענדיג, קומט מיר אַריין אַ גוטער רעיון אין קאָפּ: כ׳האָב דאָך געקענט קומען אַהער שטודירען די אַלטערטהי־מער פון דעם שלאָס. ווען דער מאַן וואָלט ניט געהאַט קיין זאַק אויף׳ן רוקען, וואָלט איך איהם אומאַרמט, און איך דערמאָן זיך גאַנץ דייטליך, אַז איך האָב זיך נאָכגעפרעגט נאָך זיין פרוי און זיינע קינדער, איידער מיר האָבען זיך צושיידט. אַרום האַלבע נאַכט בין איך ענדליך אָנגע־קומען אין מיין האָטעל.

כ׳האָב זיך גלייך געווענדט צום בעל הבית און געזאָגט, אַז דאָס האָב איך בעשטעלט דאָס צימער. „איך וויל דאָ שטודירען אַלטערטהימער,״

האָב איך געזאָגט קורץ און ברוגז'לאַך, „כ'קויף זאָגאַר אויף אַלטע זאַכען, אויב עס אינטערעסירט אייך צו וויסען, דאָס איז מיין פּראָפעסיאָן."

דער בעל הבית איז צופריעדען געווען מיט דער ערקלעהרונג און האָט געהייסען, מען זאָל מיך אַרויפפיהרען אין מיין צימער.

* * *

נו, איצט קומט אַ וואָך פון ענטטוישונגען און פערלאָרענע, אומזיסטע און אומנישטע אַרבייט, אַ גאַנצע וואָך! די מלכת שבא איז אין ערגעץ ניט צו זעהן. טאָג פאַר טאָג האָב איך זי אַרומגעזוכט, אויבען און אונטען, כ'בין ביים פּאָסט-מייסטער געווען זיך נאָכפרעגען אויף איהר אַדרעס, כ'האָב זיך אַן עצה געהאַלטען מיט אַ פּאָר פּאָליציי-לייט מכח דער זאַך, אויסגעמאָסטען דעם פּאַרק אין דער לייגג און אין דער ברייט בעת'ן שפּאַציר-גאַנג, כ'בין אַרומגעגאַנגען יעדען טאָג פון איין פאָטאָגראַף צום אַנדערן, כדי צו זעהן, צי איך קען ניט געפינען איהר בילד דאָרט; אָבער אַלעס איז געווען אומזיסט. כ'האָב געדונגען צוויי מענשען, זיי זאָלען שטעהן טאָג און נאַכט אויף'ן וואָקזאַל און אַכטונג געבען, זי זאָל זיך ניט קענען אַרויסדרעהען פון מיינע הענד, און איך האָב געוואַרט און געוואַרט אויף דעם סוף פון מיין צרה'דיגער אונטערנעהמונג.

דערווייל האָב איך יעדען טאָג געמוזט זיין אין שלאָס און דורכקוקען די זאַמלונגען פון אַלטערטהימער; כ'האָב אָנגעשריבען גרויסע בויגענס פול מיט נאָטיצען, איבערגעצעהלט די ראָסט-פלעקען אויף די שווערדען און די צובראָכענע שפּאָרן, כ'האָב זיך פערצייכענט די אַלע יאָהרצייטען און אַנדערע אויפשריפטען, וואָס איך האָב געפונען אויף אַלטע בילדער; יאָ, כ'בין זאָגאַר אַ בעלן געווען צו נאָטירען אַ זאַק מיט פעדערן, וואָס איך האָב איינמאָל געפונען ליגען צווישען די אַלטערטהימער און וועלכער איז, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעצייגט, געווען דעם פערוואַלטער'ס אייגענטהום. כ'האָב געמאַכט מיינע אונטערזוכונגען מיט דעם מוטה פון פערצווייפלונג און פול מיט ביטערע, פינסטערע געדאַנקען; קוים האָב איך איינמאָל אָנגעהויבען זוכען די קעניגין פון שבא, האָב איך עס ניט געוואָלט איבערלאָזען אין מיטען דערינען, ווען איך זאָל אפילו דאַרפען ווערן דערביי אַן אמת'ער אַלטערטהומס-פאָרשער.

כ'האָב טעלעגראַפירט קיין קאָפּענהאַגען, מען זאָל מיר צושיקען מיינע בריעף און האָב זיך איבערהויפּט גענומען צוגרייטען צו ווינטערן אין קאַלמאַר. גאָט וויים, וואָס פאַר אַ סוף דאָס קען נאָך נעהמען! איך

האָב שוין געהאַט געוואוינט זעקס טעג אין האָטעל. אַז דער זונטאָג איז געקומען, האָב איך געדונגען פיער קליינע אינגלאַך, כדי זיי זאָלען פאַר מיר געהן אין קירכע אין דער פריה און נאָכמיטאָג און אַכטונג געבען, צי מיין קעניגין איז דאָרט דאָ; אָבער אויך דאָס איז געווען אַרויסגע־וואָרפען.

דינסטאָג אין דערפריה איז מיין פאָסט ענדליך אָנגעקומען. אָט דער דינסטאָג האָט מיך כמעט אומגעבראַכט. איין בריעף איז געווען פון דעם מענשען, וואָס האָט געוואַרט אויף מיר אין מאַלמע: אַז איך בין איצט ניט געקומען, דאַן וועל איך שוין מן הסתם מעהר ניט קומען, און דערום האָט ער מיר געזאָגט „זיי געזונד!" כ'האָב געפיהלט אַ טיע־פען שטאָך אין האַרצען.

דער צווייטער בריעף, וועלכען איך האָב געעפענט, איז געווען אַ ידיעה פון אַ פריינד, אַז דאָס „מאָרגענבלאַט" און אַן אַנדער צייטונג האָבען מיך געכאַפּט ביי אַ ליטעראַרישער גנבה, האָבען מיך בעשולדיגט אין „פלאַגיאַט" און עס בעוויזען דורך געוויסע שטיקער, וואָס זיי האָבען אַרויסגענומען פון מיינע שריפטען. כ'האָב געפיהלט נאָך אַ טיעפערן שטאָך אין האַרצען. דער דריטער בריעף ווידער איז געווען אַ רעכנונג, — די האָב איך גאָרנישט געלייענט, כ'האָב שוין מעהר ניט געקענט, כ'האָב זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער קאַנאַפּע און גענומען קוקען אָהן אַ שום זינן, סתם אין דער וועלט אַריין.

און דאָך האָב איך נאָך דעם בעכער פון יסורים ניט אויסגעליידיגט ביז אויף'ן גרונד.

מען קלאַפּט אין טהיר.

„אַריין!" גיב איך אַ געשריי מיט אַ פערדריקטער שטימע.

און עס קומט אַריין דער בעל הבית און נאָך איהם אַן אַלטע פרוי; די פרוי טראָגט אַ קאָרב אויף'ן אָרם.

„ענטשולדיגט!" האָט זיך דער בעל הבית אָבגערופען, „איהר קויפט דאָך אַלטע זאַכען?"

איך קוק איהם אָן.

„אַלטע זאַכען? איך קויף אַלטע זאַכען?"

„יאָ, איהר האָט דאָך עס אַליין געזאָגט."

און איך האָב זיך געמוזט צווינגען צו האָבען אַן אינטערעס פאַר אַלטע זאַכען.

„יאָ, גאַנץ ריכטיג, אַזוי איז עס טאַקע, כ'קויף אַלטע זאַכען; ענט־שולדיגט, וואָס איך האָב גלייך ניט געכאַפּט וואָס איהר מיינט: איך בין

געוועז פערטיעפט אין גאַנץ אַנדערע געדאַנקען. נו יאָ, פערשטעהט זיך, אַז איך קויף אַלערליי אַלטע זאַכען. לאָמיך זיי אַקאָרשט אָנקוקען, די הערליכקייטען!"

און די פרוי דעקט אויף איהר קאָרב.

איך טהו אַ פּאַטש מיט די הענד, אויסער זיך פאַר התפעלות, און ערקלעהר, אַז איך וועל צונעהמען אַלצדינג, יעטוועדע זאַך, וואָס זי האָט נור. וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיגער אויערן־שפּריצער! כ'וואָלט גערן געוואָלט וויסען, וועלכער קעניג ס'האָט איהם צולעצט בענוצט? נו יאָ, דאָס וועל איך שוין אויסגעפינען, אַז איך וועל נאָכקוקען ביי מיר אין די פּאַפּירען, נישקשה, ס'האָט צייט. וואָס זי וואָלט געוואָלט פאַר'ן האָרנ־לעפעל? די דריי פערברענטע ציגאַרען־שפּיצען גיב איך ניט אַוועק פאַר קיין געלד אין דער וועלט, פונקט אַזוי ווי דעם דאָזיגען גאָפּעל. וואָס זאָל איך איהר אַלזאָ בעצאָהלען פאַר אַלצדינג אינאייינעם?

די פרוי איז זיך מישב.

צוואַנציג קראָנען, זאָגט זי.

און איך האָב איהר געגעבען צוואַנציג קראָנען, כ'האָב זיך ניט געדונגען, כ'האָב אפילו ניט אַ טראַכט געטהאָן און איהר געגעבען, וואָס זי האָט פערלאַנגט, נור כדי וואָס שנעלער פון איהר לויז צו ווערן. אַזוי גיך ווי איך האָב זי אַרויסגע'פּטר'ט, בין איך אַוועקגעלאָפען אין פּאַרק שעפּען אַביסעל לופט. ניין, דאָס איז שוין ווירקליך ניט געווען אַריבער־צוטראָגען!

אַ דיענסט־מיידעל און אַ קינד זיינען געזעסען אויף אַ באַנק לעבען מיר און האָבעןביידע געזונגען; איך גיב אַ קוק אויף זיי, כדי זיי זאָלען אַנשווייגען ווערן. אין אַ ווייַלע אַרום קומען אָן אַ פּאָר מענשען, זיי גע־העז גאַנץ לאַנגזאַם, אָרם אין אָרם. איך ווער אויפמערקזאַם, הויב זיך אויף און גיב אַ קוק: דאָס איז די קעניגין פון שבא!

ענדליך, ענדליך האָב איך זי ווידער, מיין מלכת שבא!

אַ מאַן פיהרט זי געאָרעמט, איהר ברודער, דערזעלבער, וואָס האָט זיך מיט איהר צוקושט ביים אָנקומען קיין קאַלמאַר; זיי געהען אָרם אין אָרם און ריידען שטילערהייט צווישען זיך. איך האַלט זיך גרייט! נו, איצט איז דער ענטשיידענדער מאָמענט, זאָל קאָסטען וואָס עס וויל! כ'האָב געוואָלט אָנהויבען דערמיט זי צו ערינערן אָן דעם, אַז איך בין אַמאָל געשלאָפען אין איהר בעט, דאַן וועט זי זיך שוין אַוודאי דערמאָנען אָן מיר. און אַז דאָס געשפּרעך וועט אויף אַזאַ'ן אופן פערקניפּט ווערן, וועט דער ברודער מן הסתם פערשטעהן, אַז ער דאַרף געהן פאָראויס . . .

איך בין צוגעגאַנגען צו זיי.

זיי האָבען מיך ביידע אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג, און אין דער רגע בין איך צוטומעלט געוואָרען און די גאַנצע הקדמה מיינע איז געגאַנגען קאַפּוט.

איך שטאַמעל: „פֿריילין . . . פֿאַר פֿיער יאָהרען . . .‟ און איך ווער פֿערשטומט.

„וואָס וויל ער?‟ רופֿט זיך אָב דער הערר און קוקט זי אָן. דער־נאָך ווענדט ער זיך צו מיר און זאָגט דאָס זעלבע: „וואָס ווילט איהר?‟ און ער זאָגט עס גאַנץ בייז.

„כ'האָב געוואָלט,‟ האָב איך געענטפֿערט, „כ'האָב בלויז געוואָלט בעטען פֿערצייהונג, ווען איך ערלויב זיך בעגריסען דאָס פֿריילין; וואָס געהט דאָס אייך אָן? דאָס פֿריילין און איך זיינען אַלטע בעקאַנטע, כ'בין זאָגאַר ביי איהר אין בעט . . .‟

די קעניגין שלאָגט מיר איבער די רייד און שרייט:

„לאָמיר געהן! לאָמיר געהן!‟

אַזוי, זי וויל מיך אַלזאָ גאָר ניט דערקענען, זי פֿערלייקענט מיך! כ'ווער מלא רציחה און לאָז זיך געהן נאָך דעם פּאָרל, וואָס דערווייטערט זיך זעהר שנעל פֿון מיר. פּלוצלינג דרעהט זיך דער מאַן אום, ער זעהט, אַז איך געה זיי נאָך, און ער פֿערשטעלט מיר דעם וועג. דעם אמת זאָ־גענדיג, האָט ער ניט אויסגעזעהן צו זיין צו מוטהיג, כ'האָב בעמערקט, אַז ער ציטערט, די קעניגין איז זיך געגאַנגען ווייטער, ענדליך האָט זי זאָגאַר גענומען לויפֿען.

„וואָס ווילט איהר, מיין ליעבער?‟ פֿרעגט דער הערר ווידער אַמאָל.

„פֿון אייך וויל איך גאָרנישט,‟ זאָג איך; „איך האָב בלויז געהאַט דעם וואונש, צו בעגריסען דאָס פֿריילין, די דאַמע, מיט וועלבער איהר זייט געגאַנגען שפּאַצירען, מחמת איך האָב זיך שוין פֿריהער געטראָפֿען מיט איהר; כ'האָב אַלזאָ בלויז פֿון העפֿליכקייט וועגען געוואָלט . . .‟

„אַזוי, נאַ, ערשטענס האָט דאָס „פֿריילין‟, ווי ס'ווייזט אוים, קיין חשק ניט זיך מיט אייך צו זעהן,‟ האָט ער געענטפֿערט, „און צווייטענס איז דאָס פֿריילין ניט קיין פֿריילין, נאָר אַ פֿרוי, זי איז פֿערהייראַט, ס'איז מיין פֿרוי; איצט זייט איהר צופֿריעדען?‟

„זי . . . איז . . . וואָס . . .? זי איז . . . אייער פֿרוי?‟

„יאָ, זי איז מיין פֿרוי,‟ האָט ער געליאַרעמט; „איצט פֿערשטעהט איהר מיך שוין?‟

זיין פֿרוי, זיין פֿרוי!

וואָס זאָל איך נאָך ווייטער דערצעהלען? כ'בין איינפאַך אַנידער־געפאַלען אויף אַ באַנק. דאָס איז געווען מיין טויט־קלאַפּ! כ'האָב צו־געמאַכט די אויגען און געלאָזט דעם בחור געהן זיין וועג; וואָס האָב איך נאָך געהאַט צו טהאָן מיט איהם, אַז די זונן פון מיין גליק איז אויף אייביג אונטערגעגאַנגען!

עטליכע שטונדען בין איך אַזוי געזעסען אויף דער באַנק, געפייניגט פון דעם שרעקליכסטען שמערץ.

אַרום מיטאָג־צייט בין איך אַוועק אין האָטעל, כ'האָב בעצאָהלט מיין רעכנונג און זיך אַרויסגע'גנב'עט אונבעמערקטערהייט צום וואָקזאַל. נאָכדעם ווי איך האָב געוואַרט נאָך אַ גוטע שעה, איז אָנגעקומען מיין צוג און איך בין אַוועקגעפאָהרען, אויסגעפלינדערט און דערשלאָגען, ביז צו דער ערד געבויגען פון אַ שמערץ, וואָס האָט מיך אויף דעם גאַנצען וועג צוריק אַ לעבעדיגען אויפגעגעסען.

דעם קאָרב מיט אַלטע זאַכען, וואָס איך האָב געקויפט, האָב איך געלאָזט שטעהן אין קאַלמאַר. — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

דו זעהסט, ס'איז מיר ניט בעשעהרט חתונה צו האָבען! אַזוי נאָ־הענט ווי דאָס מאָל בין איך נאָך קיינמאָל ניט געווען דערביי, און דאָך בין איך אַזוי טיכטיג דורכגעפאַלען. איך שפּאָר ניט קיין מיה, איך שרעק זיך ניט אָב פאַר קיין שום רייזע, איך זשאַלעווע ניט קיין שום אויסגאַבען, און דאָך — דאָך העלפט מיר קיין זאַך ניט. וואָס זאָל איך טהאָן?

דאָס איז שוין מיין מזל אַזוי!

דער זוהן פֿון דער זוּן.

איבער נאַכט איז אַראָב דער שנעע. אַ געדיכטער, ווייסער מאַנטעל איז געלעגען איבער דער ערד.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פֿון שלאָף מיט דער פֿרעהליכער עראיערונג, אַז ער האָט נעכטען ערהאַלטען אַ בריעף, אַן איבעראַשענדע, דערקוויקענדע נאַכריכט. ער האָט זיך געפֿיהלט יונג און גליקליך און געגומען זינגען אַביסעל. מיט אַמאָל דאַרף זיך גראָד מאַכען, אַז ער געהט צו צום פֿענסטער, פֿערשאַרט דעם פֿאָרהאַנג און דערזעהט דעם שנעע. זיין געזאַנג ווערט פלוצלינג אָבגעהאַקט, אַ געפֿיהל פֿון אומעט, פֿון טרייסטלאָזיגקייט געהט איהם אַריבער איבער דער נשמה, און זיינע אָרעמע, שטאַרק איינגעפֿאַלענע שולטערן הויבען אָן צוקען.

מיט'ן ווינטער איז אָנגעקומען אַ בייזע צייט פֿאַר איהם, אַ מאַטערניש, וואָס האָט גאָר קיין גלייכען ניט געהאַט, און וועלכע קיין אַנדערער האָט ניט געקענט פֿערשטעהן. שוין דער אָנבליק פֿון שנעע אַליין האָט צו איהם גערעדט וועגען טויט, האָט איהם אַריינגעשושקעט פֿערניכטונג אין אויער. די לאַנגע נעכט זיינען אָנגעקומען מיט זייער פֿינסטערניש און מיט זייער נאַרישען, זינלאָזען שטיל־שווייגען, ער האָט שוין ניט געקענט אַרבייטען ביי זיך אין ווערקשטאַט, זיין זעעלע איז אַריינגעפֿאַלען אין ווינטער־שלאָף און איז שטום געבליבען. איינמאָל האָט ער פֿערבראַכט אַ זומער אין אַ קליין שטעטעל און ער האָט דאָרט געהאַט אַ ליכטיג און גרויס צימער, וואו די אונטערשטע שויבען פֿון די פֿענסטער זיינען געווען אָבגעווייסט. אָט די אָבגעקאַלכטע, ווייסע שויבען האָבען איהם דערמאָנט אָן אייז, און יעדעס מאָל וואָס ער האָט אויף זיי אַ קוק געטהאָן, איז אויף איהם געקומען די מרה שחורה. ער האָט זיך געוואָלט צווינגען, ער האָט זיך בכיוון אויפגעהאַלטען עטליכע חדשים אין צימער און יעדען טאָג האָט ער זיך אַליין געזוכט איינצורעדען, אַז דאָס אייז האָט אויך זיין שעהנקייט, זיין חן ביי פֿיעל מענשען אין די אויגען, אַז ווינטער און זומער זיינען ביידע אויסדריקע פֿון דערזעלבער אייביגער

אידעע און געהערעןביידע צו גאָט, — אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען, זיין אַרבייט האָט ער ניט געקענט אָנריהרען, און דער אומעט האָט איהם ניט אָבגעלאָזען. — — שפּעטער אין לעבען האָט ער געוואוינט אין פּאַריז. אַז די שטאָדט האָט געפייערט איהרע פרעהליכע ימים טובים, פלעגט ער אַרויסגעהן אויף די בולוואַרען, אָנקוקען ווי דער עולם אַמוזירט זיך. ס'האָט געמעגט זיין אין רעכטען מיטען זומער, וואַרעמע, פאַרעדיגע נעכט, און איבער דער שטאָדט האָט געשוועבט דער זיסער ריח פון די בלומען, וואָס איז געקומען פון די גרויסע פאַרקס; די גאַסען האָבען געבלישטשעט אין שיין פון דעם עלעקטרישען ליכט, לוסטיגע מענשען מיט שמייכלענדע פּנים'ער זיינען געגאַנגען אַרויף און אַראָב, האָבען געשריען, געזונגען, געוואָרפען „קאָנפעטי"; אַלע זיינען געווען מלא שמחה. ער איז, דוכט זיך, אַרוים פון שטוב מיט דער דעה, זיך אויסצומישען מיט'ן גאַנצען עולם און צוהוליען מיט אַלעמען צוגלייך; אָבער שוין אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער גענומען אַ דראָשקע און איז געפאָהרען צוריק אַהיים. פאַרוואָס? אַן עראינערונג האָט פון דער ווייטענס צו איהם גערעדט; אין'ם שיין פון די עלעקטרישע לאָמפען האָט די גרויסע מאַסע פון „קאָנפעטי", דער ים פון די קליינינקע פערשיעדענפאַרביגע פאַפירעלאַך, אויסגעזעהן ביי איהם אין די אויגען ווי שנעע, און אַ סוף איז געקומען צו זיין פערגניגען.

דאָס האָט זיך ווידערהוילט יאָהר איין יאָהר אויס.

וואו איז געלעגען די היים, דאָס וויגעלע פון דער נשמה זיינער? וואו איז זי געבוירען געוואָרען? אפשר ערגעצוואו אין אַ זונענלאַנד, ביים ברעג פון טייך גאַנגעס, וואו די לאָטאָס־בלום ווערט קיינמאָל ניט פער־וויאַנעט! — —

איבער נאַכט איז דער שנעע אַראָב. ער האָט געדיינקט וועגען דעם, ווי די פייגעל אין וואַלד מוזען דאָס פריהרען פון קעלט, און ווי שטאַרק די וואָרצלען פון דער פיאָלעט מוזען דאָס אַביסעלליידען אין דער ערד, איידער זיי שטאַרבען אָב. און פון וואָס זאָל דער האָז היינט לעבען!

ער האָט שוין מעהר פון שטוב ניט געקענט אַרויסגעהן. עטליכע מאָנאַטען לאַנג וועט ער איצט דאָס צימער כמעט ניט פערלאָזען, נאָר אַרומגעהן צווישען זיינע פיער וועגד אַרויף און אַראָב און אויף'ן שטוהל זיצען און טראַכטען. קיינער האָט ניט פערשטאַנען, ווי ער האָט געליטען אין דער דאָזיגער תפיסה. ער איז געווען יונג גענוג, אום אָנטהייל צו נעהמען אין לעבען, ס'האָבען איהם אויך ניט געפעהלט די כוחות דערצו;

אָבער דורך דעם פּראָסט'ס אַ קאַפּריז, דורך אַ צופעליגע ענדערונג אין דעם וועטער איז ער פלוצלינג געוואָרען אַן ארעסטאַנט ביי זיך אין ציי־מער, וואו ער האָט קיין אַנדער זאַך ניט געקענט טהאָן, נור זיצען און טראַכטען.

זיינע פאָרשטעלונגען האָבען זיך יעטוועדע רגע געענדערט. אין אַלגעמיין איז פאַר איהם געווען אַן אָבקומעניש צו ענטפּערן אויף בריעף, איצט איז ער געלאָפען צו זיין ארבייטס־טיש און האָט אָנגעשריבען אַ מאַסע בריעף צו אַלע סאָרטען מענשען, יאָ, צו פרעמדע אפילו, ווען ער איז גאָר קיין ענטפּער ניט שולדיג געווען. און איהם האָט זיך עפּעס דערביי אויסגעדוכט, אַז דער סוף, די פערניכטונג קומט אָן, און אַז דורך אָט די אַלע בריעף קיין דרום און קיין צפון וועט ער נאָך אויף אַ צייט לאַנג קענען אָנהאַלטען די פערבינדונג, די שייכות מיט'ן לעבען. אויך אין אַנדער פּרט פלעגט ער זיך שטאַרק ענדערן; זיין אינערליך לעבען, זיין גאַנץ געמיטה איז פערשטערט געוואָרען, ער האָט אָפט געוויינט שטיל פאַר זיך, און דער שלאָף זיינער ביינאַכט איז בלויז אַ דרעמעל געווען, בעאונרוהיגט פון מאָדנע חלומות.

אָט דער מאַן, וואָס איז זומער־צייט, דוכט זיך, געווען אַזוי פרעהליך און לוסטיג, האָט אין די קאַלטע, פינסטערע ווינטער־נעכט געקענט בעי־הערשט ווערן פון אַ מורא'דיגער דערשלאָגענקייט. אַלע ענדערונגען אין איהם פלעגען דאַן פאָרקומען פלוצלינג, געוואַלטיג, אַזוי ווי אַ שטורם. אַלע ווילע פלעגט ער פאַלען אויף די קניע פאַר זיין יונגסטען קינד און מיט הייסע טרעהרען אין די אויגען בעטען גאָט פאַר איהם. זיין וואונש איז געווען, אַז זיין יונגעל זאָל קיינמאָל ניט ווערן קיין עפענטליכע פּער־זענליכקייט, ווי ער אַליין. ביי אַלע עפענטליכע פערזענליכקייטען זיינען די קוואַלען פון דער נשמה מוטנע און פערפינסטערט. זיי ווערן איבער־געפיהרט, מחמת דעם וואָס מען רעדט וועגען זיי עפענטליך, וואָס דער עולם האַלט אין איין קוקען אויף זיי אויף דער גאַס, און דורך דעם וואָס זיי הערען די בעמערקונגען, וועלכע די פערבייגעהער מאַכען וועגען זיי. ווי ווערט ניט דער בליק זייערער, זייער גאַנג, זייער גאַנצע האַלטונג פערפעלשט דורך די דאָזיגע אייביגע אויסשטעלונג! ניין, זיין זוהן זאָל פערזעען די ערד, און דערפון וואָס די ערד וועט אַרויסגעבען זאָל ער לעבען. ער זאָל אויך בעהיט ווערן צו שטעלען ווען עס איז זיין פוס אויף אַ פרעמדער ערד. אומזיסט קוקט זיך דער מענש אום אין אַ פרעמדען לאַנד נאָך אַ גינסטיגען אָרט, אומזיסט זוכט ער מיט די וואָרצלען זיינע אַ היים! מען פערשטעהט ניט די אַלע ווערטער, וואָס ווערן

גערעדט, נים די בליקען, נים דעם שמייכעל. דער הימעל איז אַן אַנדערער, די שטערען שטעהען קאַפּויער, אונמעגליך זיי גאָר צו דערקענען. בעטראַכט מען די בלומען, זעהט מען, אַז זיי האָבען עפּעס גאָר אַן אַנדער קאָליער; אָפּטמאָל זיינען די פּייגעל אויך נים דיזעלבע. און אויף די שטאַנגען פּלאַטערן נים דיזעלבע פאָהנען.

ער אַליין האָט אינסטינקטיוו געפּיהלט, אַז ער איז אַרויסגעריסען געוואָרען פון זיין וואָרצעל, פון זיין נאַטירליכער היים, ער האָט אפשר אַמאָל, לאַנג, לאַנג צוריק, געהערט צו אַ פרעמדער וועלט העט ווייט פון דאַנען, — טאָ זאָל אַלזאָ דער זוהן זיינער לעבען און שטאַרבען אויף'ן זעלביגען שטיקעל ערד, וואָס איהם איז בעשערט, און פון וואַנען ער וועט ציהען זיין לעבען.

דער טערמאָמעטער „צעלזיוס" ווייזט אויף 30 גראַד פראָסט. מיט שרעק בעמערקט ער, אַז די קעלט וועדט פון מינוט צו מינוט שטאַרקער און אַז דאָס גאַנצע לעבען שטאַרבט אָב אויף'ן פעלד. זיין פענסטער געהט אַרויס אין וואַלד און אויף'ן ברייטען וועג, וואו די מענשען געהען און קומען פון דער שטאָדט. קיין בלאַט ציטערט מעהר נים, די טאַנענבוימער זיינען ווי נאָהלען, און אויף אַלע בוימער ליגט ווייסער פראָסט. אַן אָרים, קליין פויגעלע האָט נאָך קרעפטען גענוג צו ריהרען מיט די פליגלען; דאָ, וואו עס איז פערבייגעפלויגען, זעהט מען אין דער לופט אַ דינעם פאָס פון פאַרע. די נאַטור האָט קיין שום אָטהעם נים, זי איז גאַנץ שטיל און קאַלט, קיין ווינד בעוועגט נים די לופט, אַלעס איז שטייף און וויים ווי גיפּס.

מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ קלאַנג פון גלעקלאַך אונטען אויף'ן וועג, אַ שליטען פאָהרט פערביי, אין שליטען זיצען אַ הערר מיט אַ דאַמע. איבער'ן פערד און איבער דיביידע מענשען הייננט די גאַנצע צייט אַ ווייסער וואָלקען, וואָס האַלט זיך אין איין בענייען. אָט דער הערר און אָט די דאַמע האָבען אודאי קיינמאָל אין זייער לעבען קיין וויינטרויב נים געזעהן וואַקסען, פיליכט האָבען זיי אויך קיינמאָל נים פערזוכט דעם טעם דערפון. אויף זייערע פנים'ער איז נישטאָ קיין סימן פון אונצופרידענקייט מיט'ן וועטער, זיי פאָהרען אודאי עפּעס איינקויפען אין שטאָדט, און פון צייט צו צייט טרייבען זיי אונטער דאָס פערד, ווען זיי דוכט זיך, אַז עס ריהרט זיך צו לאַנגזאַם אין דעם וואונדערבאַרען גיפּס. אַ מענש פון דעם זונענלאַנד וואָלט זיך נעקאָמשעט פאַר געלעכטער איבער אַזאַ מין סצענע. זייערע אויגען קוקען אַן גאַנץ אָפען און אָהן אַ שום פערוואונדערונג דאָס דאָזיגע מורא'דיגע, קאַלטע רעטעניש, וואָס

רינגעלט זיי אַרום פֿון אַלע זייטען, און זיי זאָלען דאָס גאָר אַ טראַכט טהאָן דעריבער! וואָרים זיי זייגען אַליין קינדער פֿון דעם שנעע, אויפֿ־געוואַקסען אין שנעע.

ער זעהט זיין קליינע טאָכטער אויף דרויסען, ווי זי שטעהט אויף'ן הויף ביי די פֿענסטער און שפּיעלט זיך. זי איז אָנגעטהאָן פֿון אויבען ביז אַראָב אין דיקע, וואָלענע קליידער, נאָר אונטער די לאַנגע זאָקען פֿון ציגען־האָר ליגען לעדערנע פּאָדעשוועס. די טריט איהרע סקריפּען אין שנעע, בעת זי ציהט דעם שליטען. ביי דעם דאָזיגען אָנבליק הויבען איהם די שולטערן אָן צוקען, ער מאַכט צו די אויגען, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געווען פֿערמאַטערט, פֿון מוטשעניש שלאָגט איהם דער קאַלטער שוויים אַרויס אויף'ן שטערן.

דאָס קינד שרייט אַרויף צו איהם, עס הויבט אויף דאָס פּנים'ל מיט די רויטע בעקעלאַך און קלאָגט, אַז דער שטריק פֿון שליטען האָט זיך איבערגעריסען. ער געהט גלייך אַרונטער און קניפּט צונויף דעם שטריק, און ער האָט קיין הוט ניט אויף'ן קאָפּ און טראָגט ניט קיין דיקע קליי־דער. „ס'איז דיר גאָר ניט קאַלט?" פֿרעגט דאָס קינד. ניין, איהם איז ניט קאַלט געווען, זיינע הענד זיינען געווען וואַרם, נור אַ שטעכענדען וויטאָג האָט די אייזיגע לופֿט איהם פֿעראורזאַכט אין האַלז. אָבער קאַלט איז איהם קיינמאָל ניט געווען.

ער דערזעהט, אַז דער גרויסער, אַלטער בעריאָזעווער בוים, וואָס שטעהט פֿאַר דער הויז־טהיר, האָט אין גאַנצען געענדערט זיין אויסזעהן, זיין שטאַם איז צובראָכען. דאָס האָט די קעלט געמאַכט! טראַכט ער מיט אַ ציטערענדער זעעלע.

ביינאַכט איז דער פֿראָסט געבראָכען געוואָרען. ער איז געזעסען אין בעט און געוואַרט אויף'ן מילדען וועטער, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער ווינטער וועט נאָך פֿון דאָס ניי ווידער קומען און נאָך אַ היבשע צייט געדויערן. דאָך האָט ער זיך געפֿרעהט דערמיט, אָקוראַט ווי אַ פֿונק פֿון האָפֿנונג וואָלט זיך צופֿלאַקערט ביי איהם אין האַרצען.

וואָס וויטער איז די קעלט אַלץ שוואַכער געוואָרען. ענדליך האָט אָנגעהויבען קאַפּען פֿון די דעכער, און אויף דרויסען האָט עס געברויזט און געראַשט אַזוי ווי דער שטורם פֿון מעכטיגע כוואַליעס. איהם איז אַלץ גרינגער און גרינגער געוואָרען אויף'ן האַרצען, און אַלץ גרעסער זיינען זיינע האָפֿנונגען געוואָרען; דאָס דאָזיגע ברויזען אין דער לופֿט האָט איהם געקלונגען אין די אויערן ווי מוזיק. ווער ווייס? אפשר איז דאָס גאָר דער פֿריהלינג, וואָס פּויקט אויף זיין גאָלדענער פּויק.

איינמאָל ביינאַכט האָט ער דערהערט אַ קנאַקעריי אין פֿענסטער, ער האָט זיך אויפֿגעזעצט אויף'ן בעט און צוגעהערט, ס'איז געווען דער רעגען! אַן אויסערגעוועהנליכע פֿרייד האָט איהם דורכגענומען, ער האָט אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף זיך די קליידער, איז אַריינגעלאָפֿען צו זיך אין סטודיאָ און האָט אָנגעצונדען אַלע לאָמפּען. זיין היים־וועה, זיין בייג־קעניש נאָך'ן זומער האָט געברענט ווי פֿייער, אַלע פֿערשלאָפֿענע, גע־בונדענע כוחות זיינע האָבען זיך מיט אַמאָל אויפֿגעכאַפּט, אויפֿגעקניפּט, און נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָט ער זיך אַ נעהם געטהאָן צו זיין אַרבייט. געזיכטער און שטימען פֿון וואַרעמע געגענדען האָבען זיך פֿון גאַנץ וויים אַ לאָז געטהאָן אויף איהם און האָבען איהם דורכגענומען; אָט ליגט אַ לאַנדשאַפֿט, זעלטען־שעהן און קלאָהר פֿאַר זיינע אויגען, אַ צויבער־טהאָל, און מיטען אין טהאָל שטעהט דער מענש, די יונגע הערליכקייט, וואָס וואַרפֿט צום ערשטען מאָל זיין בליק איבער דער ערד.

אַ גאָט, אַ זיעגער, וואָס בליהט אויף ביים אָנפֿאַנג, אין'ם פֿריה־מאָרגען פֿון לעבען און געפֿינט זיך עפּעס אַליין אין אַ פֿער'כשוף'טער גע־גענד. די פֿעלדער זיינען בעדעקט מיט געוויקסען, וואו מען וואַרפֿט אַן אויג, זעהט מען פּאַלמען־בוימער, געשלענגעלטע פֿלאַנצען מיט גרויסע, רויטע בליטהען, וואָס קוקען אויס אַזוי ווי פֿלייש, און מען וואָלט געקענט שווערען אַז זיי אָטהעמען, אינדיגאָ־בוימער, רייז־פֿעלדער און וויינגערטנער. אונטען אין טהאָל פּאַשען זיך בהמות, דער מענש געפֿינט זיך לעבען זיי און ער הערט, ווי זיי פֿרעסען; אויבען אויף אַ פֿעלז זיצט אַ מחנה סווישטשענדע פֿייגעל, זייערע פֿעדערן זיינען שטייף ווי שווערדען און זייערע אויגען זעהען אויס ווי קליינע, גרינע פֿלאַמען. דאָרט טיעף אין הינטערגרונד ליגט ווידער אַ שטיק לאַנד מיט פּאַלמען־בוימער, וועלכע פֿערלירט זיך אין דער וויטקייט.

איבער דער דאָזיגער לאַנדשאַפֿט טויבען גראָד אויף פֿון דעם וועלט־אַל די ערשטע דינע שטראַהלען פֿון דער מאָרגען־זונן און בעלייכטען דעם מענשען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. — —

ער אַרבייט ביז בעגינען צו טאָג. דאַן לייגט ער זיך צו אויף אַ שטונדע און הויבט אָן פֿון דאָס ניי. קיין זאַך קען איהם ניט שטערען, אַן אומגעוועהנליכע קראַפֿט האַלט איהם אויף די פֿיס, רייסט איהם מיט מיט זיך. אין משך פֿון די ווייטערדיגע פֿינף רעגענדיגע טעג מאַכט ער דעם פּלאַן פֿאַר דאָס בילד: דער זוהן פֿון דער זונן. —

אַ קליינער, ברונעטער און גאַנץ ניט אָנגעזעהענער מאַן, אָהן אַ באָרד און מיט אַ גלאַטען, קאַלטען שטערן. ער זיצט זיך דאָרט

שוויינענדיג אויף'ן שטוהל און לאָזט די אַנדערע ריידען. פֿון צייט צו צייט הוסט ער זיך פֿונאַנדער און פֿערשטעלט זיך דאָס מויל מיט דער האַנד. רעדט מען אויס צו איהם אַ וואָרט, געהט איהם אַריבער אַ שוידער איבער'ן לייב און ער קוקט אָן אַ ווײַלע דעם, וואָס רעדט צו איהם, איידער ער ענטפֿערט. דאָרט וואו ער זעצט זיך אַנידער, בלייבט ער זיצען דעם גאַנצען אָבענד, ער איז עפּעס אַזוי אָבגעלאָזען, אַזוי שפּל ביי זיך, אַז קיינער וויל זיך כמעט גאָר ניט אומקוקען אויף איהם. עס קוקט אויס, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט על פּי טעות אַראָבגעפֿאַלען אַהער אין דער דאָזיגער געזעלשאַפֿט פֿון בעקאַנטע מענשען.

אין עטליכע וואָכען אַרום שטעלט דער זעלבער מאַן אַרויס אַ בילד. און פֿון יענעם טאָג קענען איהם אַלע. — —

אָט די געשיכטע פֿון אַ מאַלער האָב איך אויסגעטראַכט. אפשר לעבט ער דאָ אין צפֿון־לאַנד, וואו דער ווינטער איז אַזוי מורא'דיג שטאַרק, און פֿילייכט האָט ער טאַקע געמאָלט אַזאַ מין בילד, וואָס הייסט: דער זוהן פֿון דער זונן.

שקלאפען פון לעבען.

געשריבען פון מיר, געשריבען היינט, כדי אַראָבצוּוואַרפען דעם שטיין פון מיין האַרצען. איך האָב מיין שטעלע אין קאַפע־הויז פערלאָרען און מיינע פרעהליכע טעג.

אַ יונגער מאַן אין אַ גראָען אַנצוג פלעגט קומען נאַכט פאַר נאַכט מיט צוויי פריינד און פלעגט זיך אַנידערזעצען ביי איינעם פון מיינע טישלאַך. עס פלעגען קומען אַזוי פיעל העררען און אַלע האָבען געהאַט אַ פריינדליך וואָרט פאַר מיר, נור ער ניט. ער איז געווען הויך און שלאַנק, האָט געהאַט ווייכע, שוואַרצע האָר און בלויע אויגען, מיט וועלכע ער פלעגט מיך צייטענווייז דורכנעהמען, און אַ פאָר קליינע וואָנציעס.

נו, תחילת האָט ער אפשר געהאַט וואָס עס איז געגען מיר. ער איז געקומען אַ גאַנצע וואָך כסדר, אָבענד פאַר אָבענד. איך האָב זיך צו איהם צוגעוואוינט, און אַז ער איז איינמאָל אויסגעבליבען, האָט ער מיר פשוט געפעהלט. כ'בין דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע קאַפע און זיך אומגעקוקט נאָך איהם; ענדליך האָב איך איהם געפונען ביי איינעם פון די גרויסע זיילען אויף דער אַנדער זייט; ער איז געזעסען אינאיינעם מיט אַ דאַמע פון צירק. זי האָט געטראָגען אַ געלע קלייד און לאַנגע האַנד־שוה, וועלכע האָבען דערגרייכט ביז איבער די עלענבויגען. זי איז געווען יונג און האָט געהאַט שעהנע, דונקעלע אויגען, — און מיינע אויגען זיינען געווען בלוי.

אַ רגע בין איך געבליבען שטעהן לעבען זיי און האָב זיך צוגעהערט, וועגען וואָס זיי ריידען; זי האָט איהם געמאַכט פאָרווירפע, ער איז איהר נמאס געוואָרען, און זי האָט איהם געהייסען געהן. כ'האָב געטראַכט ביי זיך אין האַרצען: הייליגע מאַריאַ, פאַרוואָס געהט ער ניט צו מיר?

אויף מאָרגען איז ער געקומען מיט זיינעביידע פריינד און האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט ביי מיין טישעל. כ'בין ניט צוגעגאַנגען צו זיי, ווי מיין שטייגער איז געווען צו טהאָן, נאָר איך האָב זיך געשטעלט אָן אַ זייט, אַקוראַט ווי איך וואָלט זיי גאָר ניט בעמערקט. אַז ער האָט

מיר אַ וואונק געטהאָן, בין איך צוגעגאַנגען צום טיש און האָב געזאָגט: „איהר זייט געכטען ניט געווען דאָ."

„ווי גרויסאַרטיג אונזער קעלנערין איז דאָס אַביסעל אויסגעוואַקסען," האָט ער צו זיינע חברים געזאָגט.

„ביער?" האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן.

„יאָ," האָט ער געענטפֿערט. און מיט שנעלע טריט האָב איך גע־בראַכט דריי גלאָז ביער.

אַ פּאָר טעג זיינען אַריבער.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קאַרטע און געזאָגט: „טראָגט אַוועק אָט די קאַרטע צו . . ."

כ'האָב צוגענומען די קאַרטע, נאָך איידער ער האָט געענדיגט רייד־דען, און האָב זי צוגעטראָגען דער געלער דאַמע. אויף'ן וועג האָב איך איבערגעלייענט זיין נאָמען: וואַלדימירעץ פּ.

אַז איך בין צוריקגעקומען, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ פֿראַגע.

„יאָ, כ'האָב זי איבערגעגעבען," האָב איך געזאָגט.

„און איהר האָט קיין ענטפֿער ניט געקראָגען?"

„ניין".

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ מאַרק און געזאָגט מיט אַ שמייכעל: „קיין ענטפֿער איז אויך אַן ענטפֿער."

דעם גאַנצען אָבענד איז ער געבליבען זיצען און האָט אַריבערגע־קוקט צו דער דאַמע און איהרע קאַוואַליערען. אַרום עלף אַזייגער איז ער אויפֿגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו איהר טיש. זי האָט איהם אויפֿ־גענומען קאַלט, איהרע ביידע קאַוואַליערען אָבער האָבען זיך אַריינגעלאָזט מיט איהם אין אַ שמועס און ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זיי נעהמען איהם אויף זיכער. ער איז דאָרט געבליבען עטליכע מינוט, און אַז ער איז צוריקגעקומען, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אין איין קעשענע פֿון זיין זומערדיגען אויבערראָק האָט מען איהם אַריינגעגאָסען ביער. ער האָט איהם אויסגעטהאָן, האָט זיך האַסטיג אומגעדרעהט און אַריבערגעקוקט אַ ווײַלע צום טישעל, וואו די צירק־דאַמע איז געזעסען. איך האָב איהם אויסגעטריקענט דעם אויבער־ראָק און ער האָט מיר מיט אַ שמייכעל געזאָגט: „אַ דאַנק, שקלאַפֿין!"

בשעת ער האָט איהם ווידער אָנגעטהאָן, האָב איך איהם צוגע־האָלפֿען און איהם בגנבה אַ גלעט געטהאָן איבער'ן רוקען.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, אַ צוטומעלטער. איינער פֿון זיינע פֿריינד האָט בעשטעלט נאָך ביער, כ'האָב גענומען דאָס גלאָז און געוואָלט

נעהמען פ.'ס גלאָז אויך. האָט ער אָבער געזאָגט: „ניין", און דערביי האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף מיינער. ביי דער בעריהרונג האָט זיך מיין אָרם פלוצלינג אָראָבגעלאָזט, ער האָט עס בעמערקט און תיכף צוגענומען זיין האַנד צוריק.

ביינאַכט, לעבען מיין בעט, האָב איך צוויי מאָל געבעטען גאָט פאַר איהם אויף די קניע. און אויסער זיך פאַר גליק האָב איך געקושט מיין רעכטע האַנד, וועלכע ער האָט אָנגעריהרט.

— — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל האָט ער מיר געשיינקט בלומען, אַסך בלומען. ער האָט זיי געקויפט ביי דעם בלומען־מיידעל, בשעת ער איז אַריינגעקומען; זיי זיינען געוועזען פריש און רויט און כמעט אין גאַנצען וואָס זי האָט געהאַט. ער האָט זיי געלאָזט ליגען ביי זיך אויף'ן טיש. פון זיינע פריינד איז קיינער ניט געוועזען מיט איהם. איך בין געשטאַנען, ווען איך האָב נור צייט געהאַט, הינטער אַ זייל און האָב געקוקט אויף איהם און זיך גע־טראַכט: וואַלדימיערץ פ. הייסט ער.

אַ גאַנצע שעה איז פיליינכט אַריבער. ער האָט געהאַלטען אין איין קוקען אויף'ן זייגער. כ'האָב איהם געפרעגט:

„איהר וואַרט אויף אימיצען?"

ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ דולער און פלוצלינג געזאָגט:

„ניין, כ'וואַרט אויף קיינעם ניט. פאַרוואָס פרעגט איהר עפעס?"

„כ'האָב געמיינט, אַז איהר וואַרט אויף אימיצען."

„קומט אַהער," האָט ער געענטפערט. „דאָס איז פאַר אייך."

און ער האָט מיר דערלאַנגט די בלומען.

כ'האָב איהם געדאַנקט, אָבער איך האָב גלייך אויף'ן אָרט ניט געקענט אויסריידען קיין רעכט וואָרט. געשעפטשעט האָב איך נור. אַ בלוט־רויטע פרייד איז איבער מיר געקומען; אָהן אַן אָטהעם בין איך געשטאַנען ביים בופעט, וואו איך האָב עפעס גענדאַרפט נעהמען.

„וואָס פערלאַנגט איהר?" פרעגט די מאַמזועל.

„יאָ, איהר ווייסט אפשר וואָס?" האָב איך געענטפערט. כ'האָב עס אַליין ניט געוואוסט.

„צי איך וויים וואָס?" מאַכט די מאַמזועל. „איהר זייט משוגע?"

„פרואווט אַקאָרשט טרעפען, פון וועמען איך האָב אָט די בלומען געקראָגען."

דער אויבער־קעלנער איז פערביינעגאַנגען. „איהר פערגעסט דאָס

ביער פֿאַר דעם הערר מיט'ן הילצערנעם פֿוס," האָב איך איהם געהערט זאָגען.

„פֿון װלאַדימיערץ האָב איך זיי געקראָגען," האָב איך אַ זאָג געטהאָן און בין שנעל אַװעק מיט'ן ביער.

פֿ. איז נאָך ניט געװען אַװעק. כ'האָב איהם נאָך אַמאָל געדאַנקט, בשעת ער האָט זיך אױפֿגעהױבען צו געהן. ער האָט זיך אַ נייג געטהאָן און געזאָגט:

„כ'האָב זיי אייגענטליך געקױפֿט פֿאַר אַן אַנדערער."

נו יאָ. ער האָט זיי אפשר געקױפֿט פֿאַר אַן אַנדערער. אָבער געקראָגען האָב איך זיי. איך האָב זיי געקראָגען, ניט די, פֿאַר װעמען ער האָט זיי געקױפֿט. און איך האָב איהם אַלזאָ דערפֿאַר אױך געדאַרפֿט דאַנקען. גוטע נאַכט, װלאַדימיערץ.

אױף מאָרגען האָט שטאַרק גערעגענט.

„זאָל איך היינט אָנטהאָן מיין שװאַרצע אָדער מיין גרינע קלייד?" האָב איך זיך געטראַכט. „די גרינע, װייל ס'איז די נייעסטע, די טהו איך אַלזאָ אָן." כ'בין געװען זעהר פֿרעהלאַך.

אַז איך בין צוגעקומען צו דער סטאַציאָן, איז געשטאַנען אַ דאַמע אין רעגען און האָט געװאַרט אױף'ן טראַמװיי. זי האָט ניט געהאַט קיין רעגען־שירם. כ'האָב איהר אָנגעבאָטען צו שטעהן מיט מיר אונטער מיינעם, אָבער זי האָט זיך מיט דאַנק אָבגעזאָגט דערפֿון. האָב איך אױך מיין רעגענשירם פֿערמאַכט, בשעת איך האָב געװאַרט. דאַן װעט כאָטש די דאַמע ניט אַליין נאַס װערן, האָב איך ביי זיך געטראַכט.

אָבענד־צייט איז װלאַדימיערץ געקומען אין קאַפֿע־הױז.

„כ'דאַנק אייך פֿאַר די בלומען," האָב איך שטאָלץ געזאָגט.

„װאָסערע בלומען?" האָט ער געפֿרעגט. „אַך יאָ: שװייגט בעסער װעגען די בלומען."

„כ'האָב אייך געװאָלט אָבדאַנקען דערפֿאַר," האָב איך געזאָגט.

ער האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און געענטפֿערט:

„אייך ליעב איך ניט, שקלאַפֿין."

ער ליעבט מיך ניט, ניין. כ'האָב עס, דעם אמת זאָגענדיג, גאָרנישט ערװאַרטעט און בין דעריבער ניט געװען ענטטױשט. אָבער איך האָב איהם יעדען אָבענד געזעהן; ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי מיין טישעל און איך האָב איהם געבראַכט ביער. צום װידערזעהן, װלאַדימיערץ!

אױף מאָרגען ביינאַכט איז ער געקומען זעהר שפּעט. ער האָט געפֿרעגט:

„איהר האָט עפּעס אַסך געלד, שקלאַפֿין?"

„ניין, ליידער ניט," האָב איך געענטפֿערט. „איך בין אַן אָרים מיידעל."

קוקט ער מיך אָן און זאָגט מיט אַ שמייכעל:

„איהר פֿערשטעהט מיך ניט. איך דאַרף האָבען אַביסעל געלד ביז מאָרגען."

„כ'האָב אַביסעל געלד," האָב איך געענטפֿערט. „כ'האָב אַסך געלד, כ'האָב הונדערט און דרייסיג מאַרק ביי מיר אין דערהיים."

„אין דערהיים? ניט דאָ?"

איך האָב געענטפֿערט: „וואַרט אויס אַ פֿערטעל שעה און קומט מיט מיר, ווען דאָס קאַפֿע־הויז מאַכט זיך צו."

ער האָט אויסגעוואַרט די פֿערטעל שעה און איז געגאַנגען מיט מיר.

„נור הונדערט מאַרק," האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען לעבען מיר און האָט מיך ניט געלאָזט געהן ניט פֿאָר־אויס און ניט הינטער איהם.

„כ'האָב נור אַ קליינעם צימער," האָב איך זיך אָבגערופֿען, בשעת מיר זיינען שטעהן געבליבען ביי דער טהיר פֿון מיין הויז.

„כ'געה ניט אַרויף מיט אייך," האָט ער געענטפֿערט. „כ'וועל וואַרטען דאָ."

ער האָט געוואַרט.

אַז איך בין צוריק אַרונטערגעקומען, האָט ער איבערגעצעהלט דאָס געלד און געזאָגט:

„דאָס איז מעהר ווי הונדערט מאַרק. כ'גיב אייך צעהן מאַרק טרינק־געלד. — יאָ, יאָ, הערט איהר, כ'וויל אייך געבען צעהן מאַרק אַלס טרינק־געלד."

און ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס געלד, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז זיך אַוועק. ביים עק גאַס האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און איך האָב געזעהן ווי ער דערלאַנגט דער אַלטער, הינקעדיגער בעטלערין אַ מאַרק.

דעם נעכסטען אָבענד האָט ער בעדויערט, וואָס ער קען מיר דאָס געלד ניט צוריקצאָהלען. כ'האָב איהם געזאָגט אַ דאַנק דערפֿאַר, וואָס ער קען עס ניט. ער האָט זיך פּראָסט־פּשוט מודה געווען, אַז ער האָט דאָס געלד פֿערשוועגדעט.

„וואָס זאָגט איהר פֿאַרט דערצו, שקלאַפֿין," האָט ער מיט אַ שמייבעל געזאָגט. „איהר ווייסט דאָך: די געלע דאַמע!"

„פאַרוואָס רופסט דו עפּעס אונזער קעלנערין שקלאַפין?" מאַכט איינער פון זיינע פריינד. „דו ביסט דאָך מעהר שקלאַף איידער זי."

„ביער?" האָב איך אַ פרעג געטהאָן און זיי איבערגעשלאָגען די רייד.

גלייך נאָכדעם איז אַריינגעקומען די געלע דאַמע. פ. האָט זיך אויפגעהויבען און זיך פערנייגט פאַר איהר. זי איז איהם פערבייגעגאַנגען און האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי איינעם פון די ליידיגע טישלאַך, דערביי האָט זי אָבער אָנגעשפּאַרט אָן טישעל צוויי שטוהלען אַלס צייכען, אַז די פלעצער זיינען פערנומען. פ. איז גלייך צוגעגאַנגען צו איהר, האָט גענומען איין שטוהל און זיך אַנידערגעזעצט. אין צוויי מינוטען אַרום האָט ער זיך צוריק אויפגעהויבען און זעהר הויך געזאָגט: „גוט, איך געה. און איך וועל קיינמאָל ניט צוריקקומען."

„אַ דאַנק," האָט זי געענטפערט.

פון לויטער פרייד זיינען מיר די פיס אַזוי ווי אָבגענומען געוואָרען, כ׳בין צוגעלאָפען צום בופעט און האָב עפּעס אַ זאָג געטהאָן. כ׳האָב דערצעהלט, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקעהרען צו איהר. דער אויבער־קעלנער איז פערבייגעגאַנגען; ער האָט מיר געמאַכט אַ שאַרפען אויסרייד, אָבער ס׳האָט מיך גאָרנישט געאַרט.

אַז דאָס קאַפע־הויז האָט זיך אַרום עלף אַזייגער צוגעמאַכט, האָט מיך פ. בעגלייט ביז צו דער טהיר פון מיין הויז.

„פינף פון די צעהן מארק, וואָס איך האָב איך נעכטען געגעבען," האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב איהם אָנגעבאָטען אַלע צעהן און ער האָט זיי אָנגענומען, ער האָט מיר אָבער געגעבען מיין ווילען צוריקגעגעבען פינף אַלס טרינק־געלד.

„כ׳בין היינט אַזוי גוט אויפגעלייגט," רוף איך זיך אָב. „מעג איך בעטען איהר זאָלט אַרויפגעהן צו מיר! . . . אָבער איך האָב נור אַ קליינעם צימער."

„כ׳געה ניט אַרויף," האָט ער געענטפערט, „גוטע נאַכט!"

ער איז אַוועק. ער איז ווידער דורכגעגאַנגען פערביי דער אַלטער בעטלערין, האָט אָבער פערגעסען איהר עפּעס צו געבען, כאָטש זי האָט זיך פאַר איהם אַ נייג געטהאָן. איך בין צוגעלאָפען צו איהר, איהר דערלאַנגט עטליכע גראָשען און געזאָגט; „דאָס איז פון דעם הערר, וואָס איז נאָר וואָס פערבייגעגאַנגען, פון דעם הערר מיט׳ן גראָען אַנצוג."

„פון דעם הערר מיט׳ן גראָען אַנצוג?" האָט די פרוי איבערגעפרעגט.

„פֿון דעם מיט די שוואַרצע האָר, וולאַדימיערץ."

„איהר זייט זיין פֿרוי?"

כ'האָב געענטפֿערט: „ניין. איך בין זיין שקלאַפֿין."

עטליכע אָבענדען נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אַלץ בעקלאָגט, וואָס ער קען מיר ניט אָבגעבען מיין געלד. כ'האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר ניט פֿערשאַפֿען אַזוי פֿיעל שמערצען. ער האָט עס געזאָגט אַזוי הויך, אַז אַלע האָבען עס געהערט, און עטליכע פֿון די אַנוועזענדע האָבען איינפֿאַך געלאַכט פֿון איהם.

„כ'בין אַ לומפּ און אַ גנב," האָט ער געזאָגט. „כ'האָב אַנטליהען ביי אייך געלד און קען עס אייך ניט אָבגעבען. איך וואָלט זיך געלאָזט אָבהאַקען די רעכטע האַנד פֿאַר אַ פֿופֿציג מאַרק-שטיק."

ס'האָט מיר וועה געטהאָן, איהם צו הערען אַזוי ריידען, און איך האָב געטראַכט דערפֿון, ווי אַזוי איך וואָלט איהם געקענט קריגען ערגעץ געלד. נאָר איך האָב עס ניט געקענט.

דערנאָך רופֿט ער זיך אָב צו מיר: „אַז איהר זאָלט מיך אַשטייגער פֿרעגען, ווי ס'געהט מיר, איז . . . די געלע דאַמע מיט'ן צירק זיינען אוועקגעפֿאָהרען. כ'האָב זיך אָן איהר פֿערגעסען. כ'דיינק גאָר מעהר ניט פֿון איהר."

און פֿונדעסטוועגען האָסט דו איהר היינט נאָך געשריבען אַ בריעף, רופֿט זיך אָב איינער פֿון זיינע פֿריינד.

„דאָס איז געווען דער לעצטער," האָט וולאַדימיערץ געענטפֿערט.

כ'האָב געקויפֿט אַ רויז ביים בלומען-מיידעל און זי איהם אָנגע-שפּילעט אין קנאָפּ-לאָך אויף דער לינקער זייט. כ'האָב געפֿיהלט זיין אָטהעם אויף מיינע הענד, בשעת איך האָב עס געטהאָן, און עס איז מיר כמעט אונמעגליך געווען די שפּילקע דורך'ן ראָק דורכצושטעכען.

„אַ דאַנק!" האָט ער געזאָגט.

כ'האָב פֿערלאַנגט דריי מאַרק, וואָס מיר האָט נאָך אַרויסגעקומט פֿון דער קאַסע, און האָב זיי איהם געגעבען. דאָס איז געווען אַ קליי-ניגקייט.

„אַ דאַנק!" האָט ער ווידער אַמאָל געזאָגט.

דעם גאַנצען אָבענד בין איך גליקליך געווען. מיט אַמאָל רופֿט זיך וולאַדימיערץ אָב:

„מיט די דריי מאַרק פֿאָהר איך אַוועק אויף אַ וואָך צייט. אַז איך וועל צוריקקומען, וועט איהר אָבקריגען אייער געלד." אַז ער האָט דער-זעהן, וואָס פֿאַר אַ רושם זיינע רייד האָבען אויף מיר געמאַכט, האָט ער

צוגעליינט: „אייך אַליין האָב איך ליעב!“ און ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנד.

איך בין געווען שטאַרק דערשלאָגען, וואָס ער פאָהרט אַוועק און וויל ניט זאָגען וואוהין, כאָטש איך האָב איהם געפרעגט. אַלעס, דאָס גאַנצע קאָפּ און די געסט, אַלצדינג האָט אַרומגעטאַנצט אַרום מיר; כ'האָב עס שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און מיט אַ בליק פול מיט געבעט האָב איך איהם אָנגענומען פאַרביידע הענד.

„אין אַ וואָך אַרום קום איך צוריק צו אייך,“ האָט ער געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען פון אָרט.

כ'האָב געהערט, ווי דער אויבער־קעלנער האָט מיר געזאָגט: „איהר פערלאָזט אונז אַלזאָ אין פערצעהן טעג!“

פון מיינעטוועגען, האָב איך זיך געטראַכט ביי זיך; וואָס מאַכט עס אויס? אין אַ וואָך אַרום וועט וולאַדימיערץ ווידער זיין ביי מיר! און איך האָב איהם געוואָלט דאַנקען דערפאַר, כ'האָב זיך אומגעדרעהט, — איז ער שוין מעהר ניט געווען לעבען מיר.

— — — — — — — — — — — — — —

אין אַ וואָך אַרום, איינמאָל בשעת איך בין אַהיים געקומען, האָב איך געפונען אַ בריעף פון איהם. ער האָט געשריבען אַזוי ביטער, אַזוי אומעטיג, ער האָט דערצעהלט, אַז ער איז נאָכגעפאָהרען דער געלער דאַמע, אַז ער קען מיר דאָס געלד ניט בעצאָהלען, קיינמאָל ניט, ער איז אין גאַנצען געבראָכען דורך די נויטה. דאַן האָט ער זיך פון דאָס ניי אָנגערופען אַ נידערטרעכטיגע זעעלע און אונטער'ן בריעף האָט ער גע'־חתמ'עט: „דער שקלאַף פון דער געלער דאַמע.“

איך האָב געטרויערט טאָג און נאַכט און האָב גאָרנישט געקענט טהאָן. אין אַ וואָך אַרום האָב איך פערלאָרען מיין שטעלע און געמוזט זוכען אַ נייע. בייטאָג בין איך אַרומגעגאַנגען איבער אַנדערע קאַפּע־הייזער און האָטעלען; כ'האָב אויך געקלאַפּט אין די טהירען ביי פריוואַט־פערזאָנען און זיי אָנגעבאָטען מיין דיענסט. ס'האָט מיר אָבער ניט געגליקט. שפעט ביינאַכט האָב איך דאַן אויפגעקויפט גאַנץ ביליג אַלע צייטונגען און קומענדיג אַהיים, האָב איך גוט דורכגעקוקט די אַנאָנסען. כ'האָב זיך געטראַכט: אפשר וועל איך קענען ראַטעווען וולאַדימיערץ'ן און מיך . . .

נעכטען אָבענד האָב איך געפונען זיין נאָמען אין אַ בלאַט און האָב געלייענט וועגען איהם. גלייך נאָכדעם בין איך אַרויס פון שטוב,

אַרומגעגאַנגען אין די גאַסען און ערשט היינט אין דער פֿריה געקומען צוריק אַהיים. אפשר בין איך ערגעץ־וואו געשלאָפֿען אָדער גאָר אָבגעזעסען די גאַנצע נאַכט אויף אַ טרעפּ, ניט קענענדיג געהן ווייטער; אָבער דאָס ווייס איך איצט ניט.

כ׳האָב עס היינט ווידער אַמאָל געלייענט; אָבער נעכטען אָבענד, אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך עס צוערשט איבערגעלייענט. כ׳האָב פֿערבראָכען מיט די הענד; דאַן האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטוהל. אין אַ ווייַלע אַרום האָב איך זיך געזעצט אויף דער ערד און זיך אָנגעשפּאַרט אָן שטוהל. איך האָב געקלאַפּט מיט די פֿלאַכע הענד אויף׳ן דיעל, בשעת איך האָב עפּעס געטראַכט. פֿילייכט האָב איך גאָרנישט געטראַכט; אָבער ס׳האָט מיר געטומעלט אין קאָפּ און איך האָב ניט געוואוסט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט איך בין. דאַן בין איך אַפּנים אויפֿגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען. אונטען ביים עק גאַס, דאָס געדיינק איך גוט, האָב איך דער אַלטער בעטלערין געגעבען אַ גראָשען און גע־זאָגט: „דאָס איז פֿון דעם הערר מיט דעם גראָען אַנצוג. איהר ווייסט דאָך!“

„איהר זייט פֿילייכט זיין כלה?“ האָט זי געפֿרעגט.

כ׳האָב געענטפֿערט: „ניין, — איך בין זיין אלמנה.

און איך האָב זיך ביז היינט אין דער פֿריה אַרומגעשלייעט אין די גאַסען. און איצט האָב איך עס נאָך אַמאָל איבערגעלייענט. וולאַדימיערץ פֿ. האָט ער געהייסען.

פרויען-זיען.

איך בין געווען אַ טראַמוויי־קאָנדוקטאָר אין שיקאַגאָ.

צוערשט האָב איך געהאַט אַ שטעלע אויף דער האָלסטעד־ליניע, אַ פערד־באַהן צווישען דעם מיטעלפונקט פון דער שטאָדט און „קעטעל־מאַרקעט". מיר, די וואָס האָבען געאַרבייט ביינאַכט, זיינען גאָר ניט געווען בעשיצט אויף דער דאָזיגער ליניע, צוליעב די פערשיעדענע צווייפעלהאַפטע מענשען, וועלכע פלעגען דורכגעהן ביינאַכט אויף דעם וועג. מיר האָבען ניט געטאָרט שיסען אויף קיינעם און קיינעם ניט טויטען, ווייל די טראַמוויי־קאָמפאַניע איז אין אַזאַ פאַל געווען פעראַנטוואָרטליך און האָט געמוזט בעצאָהלען שאָדען־ערזאַץ; איך פון מיין זייט האָב גאָר איבערהויפט קיין רעוואָלווער ניט געהאַט און איך האָב זיך געמוזט פערלאָזען אויף מיין מזל. איבעריגענס, אין גאַנצען שוואַלאָ, אָהן געוועהר איז מען זעלטען. אַזוי האָב איך געהאַט דעם וויג־שטאַנג פון'ם געשפאַן, וואָס מען האָט געקענט אָבטשעפּען אין אַ סעקונדע, און וועלכער איז געווען אַן אויסגעצייכענט הילפסמיטעל. דאָס הייסט, מעהר ווי איין מאָל האָב איך זיך ניט גענייטיגט אין דעם.

אין יאָהר 1886 בין איך אַלע וויינאַכטס־נעכט נאָכאַנאַנד געשטאַנען אויף מיין קאַר, אָהן דעם עפּעס זאָל געשעהן. פון „קעטעל־מאַרקעט" איז אַרויפגעקומען אַ גרויסע באַנדע פון אירלענדער, וועלכע האָבען אין גאַנצען פערנומען מיין וואָגען. זיי זיינען געווען שכור און האָבען געהאַט פלעשער מיט זיך, האָבען געמאַכט קולות און קיין חשק ניט געהאַט צו צאָהלען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס מיר האָבען שוין געהאַט אָנגעהויבען צו פאָהרען. אַ גאַנץ יאָהר נאָכאַנאַנד, האָבען זיי גע'טענה'ט, יעדען אָבענד און יעדען פריה־מאָרגען האָבען זיי דער קאָמפאַניע געצאָהלט פינף סענט, און אַצונד איז וויינאַכטען, ווילען זיי איינמאָל ניט צאָהלען. זי איז גאָר ניט געווען אַזוי נאַריש, אָט די טענה; אָבער זיי פריי דורכלאָזען האָב איך ניט געוואַגט, אויס מורא פאַר די

„שפיאָנען", וועלכע זיינען געשטאַנען אין דיענסט פֿון דער קאָמפּאַניע און געהאַט די אויפֿגאַבע, אַכטונג צו געבען אויף די עהרליכקייט פֿון די קאָנדוקטאָרען. א פּאָליציי־מאַן איז אַרויף אויף דער קאַר. ער איז גע־שטאַנען אַ פּאָר מינוטען, האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער איבער וויינ־נאַכטען און איבער'ן וועטער און איז גלייך צוריק אַרונטערגעשפּרונגען, וויל מיר זיינען געווען אַזוי שווער בעלאָדען. איך האָב גאַנץ גוט גע־וואוסט, אַז ווען איך זאָג דעם פּאָליציסט נור איין וואָרט, וואָלטען אַלע פּאַסאַזשירען געמוזט בעצאָהלען זייערע פֿינף סענט; כ'האָב אָבער גאָר־נישט געזאָגט. „פֿאַרוואָס האָט איהר אונז ניט פֿער'מסר'ט?" האָט איינער אַ פֿרעג געטהאָן. „איך האָב עס געהאַלטען פֿאַר איבעריג," האָב איך געענטפֿערט, „כ'האָב דאָך דאָ צו טהאָן מיט דזשענטעל־לייט." אַ פּאָר האָבען איינפֿאַך אָנגעהויבען זיך אויסלאַכען פֿון מיר; אָבער אַ פּאָר אַנדערע האָבען גראָד געהאַלטען מיט מיר און געפֿונען אַן אויסוועג, דערמיט וואָס זיי האָבען געצאָהלט פֿאַר אַלעמען.

אויף נעכסטען וויינאַכטען בין איך אַריבער צו דער קאָטעדזש־ליניע. דאָס איז געווען אַ גרויסאַרטיגער איבערבייט. כ'האָב איצט געהאַט אַ צוג פֿון צוויי, צייטענווייז דריי קאַרס, וועלכע זיינען אָנגעטריבען געוואָרען דורך אַן אונטער־ערדישען קאַבעל; דאָס פּובליקום אין דעם דאָזיגען טהייל פֿון דער שטאָדט איז בעשטאַנען פֿון סאַמע אָנגעזעהענע לייט, און איך האָב געמוזט צונויפֿקלייבען מיינע פֿינף־סענטיגע אין האַנדשוה. דערפֿאַר אָבער האָט דאָ געפֿעהלט יעדער אינטערעס, און עס איז מיר באַלד נמאס געוואָרען צו קוקען און זיך צוצוהערען צו די דאָזיגע דאַטשע־לייט.

איין קליינע פּאַסירונג איז מיר דאַן דאָך בעשעהרט געווען אויף וויינאַכטען 1887.

ערב וויינאַכטען פֿאַרמיטאָג בין איך מיט מיין צוג געפֿאָהרען אַראָב צו דער שטאָדט צו; כ'האָב דעמאָלט געאַרבייט בייטאָג. אַ מאַן קומט אַרויף און לאָזט זיך אַריין אין אַ קליינעם געשפּרעך מיט מיר. אַז איך האָב געמוזט אַריינגעהן אין די קאַרס צונויפֿנעהמען דאָס פֿאָהר־געלד, האָט ער אויסגעוואַרט, ביז וואַנען איך בין צוריקגעקומען אויף דער הינ־טערשטער פּלאַטפֿאָרמע, וואו מיין פּלאַץ איז געווען, און האָט דאַן ווידער אָנגעהויבען ריידען מיט מיר. ער איז געווען אַרום די דרייסיג, בלאַס, האָט געהאַט אַ פּאָר וואָנציעס און איז געגאַנגען זעהר אַריסטאָקראַטיש געקליידט, אָבער אָהן אַן אויבער־ראָק, ניט קוקענדיג דערויף וואָס עס איז געווען גאַנץ קאַלט.

„איך בין אַרויסגעפֿאָהרען פֿון דערהיים, אָט אַזוי ווי איך שטעה און געה,“ האָט ער געזאָגט. „כ'האָב געוואָלט פֿערכאַפּען מיין פֿרוי דעם וועג.“

„וויהנאַכטס-געשאַנקען,“ האָב איך בעמערקט.

„גאַנץ ריכטיג!“ האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל.

ס'איז אָבער געווען אַ מאָדנער שמייכעל, אַ גרימאַסע, אַ נערוועזער קרים מיט'ן מויל.

„וויפֿיעל פֿערדיענט איהר?“ האָט ער געפֿרעגט.

דאָס איז ניט געווען קיין אונגעוועהנליכע פֿראַגע אין יענקי-לאַנד, און איך האָב איהם אַלזאָ געזאָגט, וויפֿיעל איך פֿלעג דאַן פֿערדיענען.

„ווילט איהר פֿערדיענען צעהן דאָלאַר עקסטראַ?“ האָט ער געפֿרעגט.

איך האָב געזאָגט: „יאָ.“

ער האָט אַרויסגענומען זיין געלד-טאַש און האָט מיר אָהן צערע-מאָניעס דערלאַנגט דעם באַנקנאָט. ער האָט בעמערקט, אַז ער האָט צוטרוי צו מיר.

„וואָס זאָל איך טהאָן?“ האָב איך געפֿרעגט.

ער האָט געבעטען, איך זאָל איהם וויזען מיין צייט-פּלאַן, און האָט געזאָגט: „איהם פֿאָהרט היינט אַכט שטונדען?“

„יאָ.“

„אויף איינער פֿון אייערע רונד-רייזען וועט איהר מיר דאַרפֿען טהאָן אַ טובה. דאָ ביים עק פֿון דער מאָנראָ-גאַס פֿאָהרען מיר אַריבער איי-בער אַ גרוב, וואָס פֿיהרט אַרונטער צו דעם אונטער-ערדישען קאַבעל. ס'איז דאָ אַ דעקעל איבער דער גרוב; אָט דעם דעקעל נעהם איך אַראָב און לאָז זיך אַרונטער.“

„איהר ווילט זיך נעהמען דאָס לעבען?“

„ניין. אָבער זיך מאַכען, ווי איך נעהם זיך דאָס לעבען, דאָס וויל איך.“

„אַהאַ!“

„איהר זאָלט אָבשטעלען אייער קאַר און מיך אַרויסשלעפּען פֿון לאָך, זאָגאַר ווען איך וועל זיך שטעלען דאַגעגען.“

„דאָס זאָל געשעהן.“

„איך דאַנק אייך. כ'מוז אייך זאָגען, אַז איך בין ניט פֿעררוקט, ווי איהר גלויבט פֿילייכט. איך טהו דאָס אַלעס צוליעב מיין פֿרוי, זי זאָל זעהן, אַז איך האָב זיך געוואָלט נעהמען דאָס לעבען.“

„אייער פֿרוי וועט אַלזאָ דאַן זיצען ביי מיר אין צוג?“

„יאָ זי וועט זיצען אין „דהי גריפ".”

כ'האָב אַ ציה געטהאָן מיט די פּלייצעס. „דהי גריפּ" איז געווען דער וואַגאָן פון'ם פיהרער, וועלכער איז געשטאַנען דאָרט און האָט געלענקט; ס'איז געווען אַן אָפּענער וואָגען, אָהן ווענד, ווינטער־צייט איז דאָרט געווען קאַלט און קיינער פלעגט זיך דאַן ניט אַריינזעצען אַהין.

„זי וועט פאָהרען אין „דהי גריפּ", האָט דער מאַן ווידערהוילט. „אין אַ בריעף צו איהר ליעבהאָבער האָט זי פערשפּראָכען, אַז זי וועט היינט פאָהרען דאָרט און איהם געבען אַ צייכען, ווען זי וועט קומען."

„גוט. אָבער איך מוז אייך דערמאָנען אָן דעם, אַז איהר זאָלט דעם דעקעל אַזוי שנעל ווי נור מעגליך אַראָבנעהמען פון גרוב און זיך גלייך אַרונטערלאָזען אין לאָך. אַניט קען אונז נאָך אָניאָגען אַ נייער צוג. מיר פאָהרען אַלע דריי מינוטען."

„דאָס אַלעס ווייס איך," האָט דער מאַן געענטפערט. „דער דעקעל וועט זיין אָבגעמשעפעט, ווען איך וועל צוקומען. ער איז שוין איצט אין דער רגע אָבגעמשעפעט."

„נאָך איינס: ווי אַזוי קענט איהר וויסען, מיט וועלכען צוג אייער פרוי פאָהרט?"

„וועגען דעם קריג איך אַלע ווייל נאַכריכטען דורך'ן טעלעפאָן. איך האָב מענשען, וועלכע היטען איהרע טריט. מיין פרוי וועט טראָגען אַ ברוינעם פעלצענעם קאָסטיום, איהר קענט זי לייכט דערקענען — זי איז זעהר שעהן. אויב זי וועט פאַלען אין אָהנמאַכט, דאַן פיהרט זי אָב אין דער אַפּטייק ביים עק פון דער מאָנראָ־גאַס."

איך האָב געפרעגט:

„האָט איהר אויך גערעדט מיט מיין פיהרער?"

„יאָ," האָט דער מאַן געענטפערט. „און איך האָב איהם געגעבען פונקט אַזויפיעל ווי אייך. אָבער איך וויל ניט, אַז איהר ביידע זאָלט זיך לוסטיג מאַכען דעריבער. איהר זאָלט גאָר ניט ריידען דערפון."

„ניין."

„ווען איהר וועט צוקומען נאָהענט צו דער מאָנראָ־גאַס, וועט איהר זיך איינפאַך אַנידערשטעלען אויף „דהי גריפּ" און גוט אַכטונג געבען. אַזוי גיך ווי איהר וועט דערזעהן מיין קאָפּ איבער דער גרוב, וועט איהר אָנקלינגען, און דער צוג וועט בלייבען שטעהן. דער פיהרער וועט אייך העלפען מיר בייצוקומען און מיך אַרויסשלעפען פון גרוב, אפילו ווען איך וועל טענה'ן, אַז איך וויל שטאַרבען."

כ'האָב אַ ווייַלע נאָכגעדיינקט איבער דעם גאַנצען עסק און געזאָגט:

„מיר דוכט, איהר וואָלט געקענט איינשפּאָרען אייער געלד און וואָלט קיינעם נים געדאַרפט האָבען פאַר אייער פּלאַן. איהר וואָלט איינפאַך געקענט אַרונטערגעהן אין לאָך."

„דו גרויסער גאָט!" האָט דער מאַן אויסגערופען, „אָנגענומען, אַז דער פיהרער וואָלט מיך נים בעמערקט! איהר וואָלט מיך נים בעמערקט! קיינער נים!"

„איהר זיים גערעכט."

מיר האָבען נאָך גערעדט וועגען פערשיעדענע זאַכען, דער מאַן איז געפאָהרען ביז דער לעצטער סטאַציאָן, און ווען מיין צוג האָט זיך אומגעקעהרט, איז ער אויך מיטגעפאָהרען צוריק.

ביים עק פון דער מאַנראָ־גאַס רופט ער זיך אָב:

„דאָ איז די אַפטייק, אין וועלכער איהר זאָלט אָבפיהרען מיין פרוי, אויב זי וועט פאַלען אין אָהנמאַכט."

דאַן איז ער אַרונטערגעשפּרונגען.

איך בין געווען מיט צעהן דאָלאַר רייכער; גאָט זיי דאַנק, עס זיינען אויך דאָ גליקליכע טעג אין לעבען! דעם גאַנצען ווינטער האָב איך זיך געמוטשט אויסבעטען די ברוסט און דעם רוקען מיט צייטונגען, כדי זיך ווי עס איז צו בעשיצען געגען דעם שניידענדען ווינד; ביי יעדער בעוועגונג האָב איך מורא'דיג געקנאַקט, און די קאַמעראַדען פלעגען זיך לוסטיג מאַכען איבער מיר. אַצונד אָבער וועל איך צווישען אַנדערעם אויך קענען האָבען אַן אויסגעצייכענטע דיקע פעלצענע וועסט! און אַז די קאַמעראַדען וועלען קומען דאָס נעכסטע מאָל און זיך אַרומשאַרען אַרום מיר, אום צו הערען, ווי איך קנאַק, וועל איך מיט זיי לערנען דרך ארץ . . .

איך מאַך צוויי, כ'מאַך דריי רייזען צו דער שטאָדט; קיין זאַך געשעהט נים. אָבער גראָד ווען איך האָב צום פערטען מאָל געוואָלט אָבפאָהרען פון דער קאָמעדזש־סטאַציאָן, איז אַרויף אַ יונגע דאַמע און האָט זיך אַריינגעזעצט אין „דהי גריפ". זי האָט געטראָגען אַ ברוינעם פעלצענעם קאָסטיום. אַז איך בין צוגעקומען צו איהר נאָך פאָרענט און האָב גענומען ביי איהר די פינף סענט, האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט'ן גאַנצען געזיכט. זי איז געווען זעהר יונג און שעהן, די אויגען טיעף אונשולדיג און בלוי. אָרעמע פרוי, עס שטעהט איך פאַר אַ גרויסער שרעק, האָב איך ביי זיך געטראַכט; אָבער איהר האָט אַודאי בעגאַנגען אַ קליינעם פעהלער, און איהר וועט אַצונד קריגען אייער שטראָף. יעדענפאַלס וועל איך אייך מיט פרייד אַוועקטראָגען אין אַפטייק.

און מיר זיינען געפאָהרען וויימער צו דער שטאָדט צו.

פון מיין פלאַטפאָרם האָב איך בעמערקט, אַז דער פיהרער האָט פלוצלינג אָנגעהויבען ריידען מיט דער דאַמע. וואָס האָט ער פאָרט געקענט האָבען פאַר געשפרעכען מיט איהר? אויסערדעם איז איהם גאָר ניט געווען ערלויבט, צו ריידען מיט די פּאַסאַזשירען אין דער צייט פון דיענסט. צו מיין גרויסער פערוואונדערונג זעה איך, אַז די דאַמע זעצט זיך זאָגאַר איבער אויף אַ פּלאַץ נעהענטער צום פיהרער, און אָט שטעהט ער דאָרט ביי זיין מאַשין און הערט זיך געשפּאַנט צו, וואָס זי זאָגט.

מיר פאָהרען וויימער אין שטאָדט אַריין, שטעלען זיך אָב און נעהמען אַרויף פּאַסאַזשירען, שטעלען זיך אָב און לאָזען אַרונטער פּאַסאַזשירען, אַלעס געהט זיך זיין גאַנג. מיר קומען אַלץ נעהענטער צו דער מאָנראָ-גאַס. איך טראַכט ביי זיך: דער עקסצענטרישער יונגער מאַן האָט זיך קלוג אויסגעזוכט זיין פּלאַץ, דער ווינקעל פון דער מאָנראָ-גאַס איז אַ שטילער ווינקעל, וואו מען וועט איהם קוים שטערען ביים אַרונטערגעהן אין דער קאַבעל-גרוב. און איך דיינק וויימער, אַז איך האָב אָפּטמאָל געזעהן, ווי די לייט פון דער טראַמוויי-קאָמפּאַני זיינען געשטאַנען אין דער דאָזיגער גרוב און האָבען פּעררינכט עפּעס, וואָס איז קאַליע געוואָרען אונטען. אָבער ווען עס זאָל אַשטייגער אַן אַרבייטער אַמאָל איינפאַלען צו בלייבען שטעהן אין לאָך, בשעת דער צוג פאָהרט אַריבער, וואָלט ער פראָסט-פּשוט קירצער געוואָרען אויף עטליכע צאָל; דער גאָפּעל, וואָס פיהרט אַראָב פון „דהי גריפּ" צום קאַבעל, וואָלט איהם איינפאַך אָבגעשניטען דעם קאָפּ. אַזוי ווי מאָנראָ איז געווען די נעקסטע גאַס, בין איך אַריין פאָרענט אין „דהי גריפּ".

ניט דער פיהרער און ניט די דאַמע האָבען איצט גערעדט. דאָס לעצטע, וואָס איך האָב בעמערקט, איז געווען, אַז דער פיהרער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט געקומען צו אַ בעשלוס איבער וואָס עס איז, דאַן האָט ער גענומען קוקען פאָראויס פאַר זיך און איז געפאָהרען מיט פולער געשווינדקייט. און עס איז דאָך געווען דער הויבער פּאַט, דער אירלענדער, ווען איך האָב געהאַט אַלס פיהרער. „סלעק הער ע ביט," האָב איך זיך אָבגערופען אין ענגלישען זשאַרגאָן צו דעם פיהרער. דאָס הייסט: פאָהר אַביסעל לאַנגזאַמער. וואָרים איך האָב דערזעהן אַ שוואַרצען פּונקט אין מיטען אויף די רעלסען, ס'האָט דאָך געקענט זיין אַ מענשען-קאָפּ, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דער ערד.

כ'האָב אויך אַ קוק געטהאָן אויף דער דאַמע, איהרע אויגען זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף דעם זעלבען פונקט און זי האָט זיך פֿעסט אָנגעהאַלטען אָן איהר זיץ. זי ריכט זיך שוין אויף אַ מעגליכען אונגליק, האָב איך געטראַכט; וואָס ועט זי טהאָן, ווען זי וועט דערזעהן, אַז דאָס איז איהר אייגענער מאַן, וועלכער וויל שטאַרבען!

דער הויכער פֿאַט איז אָבער ניט געפֿאָהרען לאַנגזאַמער. כ'האָב אַ געשריי געטהאָן צו איהם, אַז עס זיינען דאָ מענשען אין דער קאַבעל־גרוב — קיין ענדערונג. איצט האָבען מיר שוין דייטליך געזעהן דעם קאָפּ, ס'איז געווען דער פֿערריקטער יונגער חברה־מאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין זיין לאָך מיט'ן פנים צו אונז. דאָ האָב איך צוגעלייגט דאָס פֿייפֿעל צום מויל און געגעבען אַ שטאַרקען סיגנאַל צו בלייבען שטעהן; פֿאַט איז געפֿאָהרען מיט דערזעלבער געשווינדקייט; אין אַ פֿערטעל מינוט האָט געמוזט געשעהן אַן אונגליק. כ'האָב אַ קלאַפּ געטהאָן אָן גלעקעל, ס'האָט געקלונגען, און דאַן בין איך צוגעשפרונגען נאָך פֿאָרענט און אַ כאַפּ געטהאָן דעם האַלט־אַפּאַראַט. נאָר עס איז געווען צו שפּעט, מיט אַ מורא'דיגען גערויש איז דער צוג אַריבער איבער דעם קאַבעל־לאָך, איידער ער האָט זיך אָבגעשטעלט.

איך בין אַרונטערגעשפרונגען; כ'בין געווען צומישט און איך האָב נור געדיינקט איין זאַך, אַז איך דאַרף זיך ראַנגלען מיט אַ מאַן, וועלכער וועט זיך שטעלען אַנטקעגען. אָבער איך בין גלייך צוריק אַרויף אויף „דהי גריפּ" און איך האָב איבערהויפּט אויף קיין אָרט קיין רוהה ניט געהאַט. אויך דער פֿיהרער האָט אויסגעזעהן ווי צומישט; מיט אַ תם'־עוואַטער מיענע האָט ער געפֿרעגט, צי עס זיינען געווען מענשען אין גרוב, און ווי האָט עס פֿאָרט געקענט קומען, ער זאָל זיך ניט אָבשטעלען. די יונגע דאַמע האָט אויסגערופֿען: „שרעקליך! שרעקליך!" איהר געזיכט איז געווען בלאַס, אָהן אַ טראָפּען בלוט, און קראַמפּהאַפֿט האָט זי זיך אָנגעהאַלטען פֿעסט אָן איהר זיץ. אָבער זי איז ניט געפֿאַלען אין אָהנמאַכט, און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אַרונטער און איז זיך אַוועק איהר וועג.

אַסך מענשען האָבען זיך גלייך פֿערזאַמעלט; מיר האָבען געפֿונען דעם קאָפּ פֿון'ם דער'הרג'עטען אונטער דער הינטערשטער קאַר, זיין קערפּער איז נאָך געשטאַנען אין קאַבעל־לאָך; דער גאָפּעל פֿון דער מאַשין האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן אונטער דער טאָרדע און מיטגעריסען זיין קאָפּ. מיר האָבען אַוועקגענומען דעם טויטען פֿון די רעלסען, ס'איז צוגעקומען אַ פּאָליציי־מאַן, וועלכער האָט איהם געזאָלט אָבפֿיהרען אין

טויטען־הויז. דער פּאָליציסט האָט אויך פֿערשריבען ביי זיך אַסך נעמען, און פֿאַר מיר האָבען אַלע פּאַסאַזשירען געקענט עדות זאָגען, אַז איך האָב געקלונגען און געפּייפט און ענדליך אַליין אָבגעשטעלט דעם צוג. איבעריגענס האָבען מיר טראַמוויי־לייט אַליין געהאַט אונזער ביורא, וואו מיר האָבען געדאַרפט אָבגעבען אַ בעריכט. דער הויכער פּאַט האָט ביי מיר געבעטען מיין מעסער. כ'האָב ניט פֿערשטאַנען, וואָס ער מיינט, און געזאָגט, אַז דאָס אונגליק איז שוין אַזוי אויך גרויס גענוג. דאָ האָט דער הויכער פּאַט אַ שמייכעל געטהאָן און מיר געוויזען זיין רעוואָלווער אָלס צייכען, אַז עס פֿעהלט איהם ניט קיין וואָפֿע. און אַז ער וויל דאָס מעסער ניט בענוצען אויף דומהייטען, נאָר ער דאַרף עס פֿאַר גאַנץ אַנדערע זאַכען. אַז ער האָט געקריגען דאָס מעסער, האָט ער מיר געזאָגט אַדיע: איצט קען ער שוין לייגער ניט בלייבען אין דיענסט; ס'טהוט איהם לייד, אָבער איך מוז אַליין צופֿיהרען מיין צוג ביז דער לעצטער סטאַציאָן, דאָרט וועט מען מיר געבען אַן אַנדער פֿיהרער. און ער האָט מיר ערקלעהרט, וואָס איך האָב צו טהאָן. דאָס מעסער מוז איך איהם לאָזען, האָט ער געזאָגט, ער וויל אַריינגעהן אין אַ רוהיגען קאָרידאָר און דאָרט אָבשניידען זיינע אוניפֿאָרם־קנעפּ.

דערמיט איז ער אוועק.

ס'איז גאָרנישט געווען צו מאַכען, כ'האָב געמוזט אַליין צופֿאָהרען צו דער סטאַציאָן; עס זיינען שוין געשטאַנען עטליכע צוגען הינטער מיר, וועלכע האָבען נור געוואַרט דערויף, איך זאָל זיך ריהרען פֿון אָרט. און אַזוי ווי איך האָב פֿון פֿריהער געהאַט אַביסעל פּראַקטיקע מיט דער מאַשין, איז עס אָבגעלאָפֿען אָהן אַן אונגליק . . .

איין אָבענד צווישען ווייהנאַכטען און ניי־יאָהר בין איך געווען פֿריי פֿון דיענסט און האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער שטאָדט. אַז איך בין צוגעקומען צו אַ וואָקזאַל, בין איך אַריין אַ ווילע, כדי אָנצוקוקען דעם געוואַלטיגען פֿערקעהר דאָרט אינעווייניג. כ'בין אַרום אויף איינע פֿון די פּלאַטפֿאָרמעס און האָב געקוקט אויף אַ צוג, וועלכער האָט גע־האַלטען אין אָבפֿאָהרען. פּלוצלינג דערהער איך מיין נאָמען, אַ שמייב־לענדער מאַן שטעהט אויף'ן ראַנד פֿון וואַגאָן און רופֿט מיך צו. ס'איז געווען דער הויכער פּאַט. ס'האָט געדויערט אַ ווילע, ביז איך האָב איהם דערקענט, ער איז געגאַנגען אין פֿיינע קליידער און האָט זיך גע־לאָזט אַרונטערגעהמען די באָרד.

אַ קליינער געשריי פֿון ערשטוינונג האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון מיר.

„שש, ניט אַזוי הויך! ווי איז אייגענטליך אָבגעלאָפֿען די געשיכטע?" האָט פּאַט געפֿרעגט.

„מיר זיינען פֿערהערט געוואָרען. מען זוכט דיך."

פּאַט האָט געזאָגט:

„איך פֿאָהר נאָך וועסט. וואָס האָט מען דאָ פֿון'ם לעבען? זיבען, אַכט דאָלאַר אַ וואָך, אָבער פֿיער דערפֿון געהען אַוועק אויף לעבענס-מיטעל. כ'וועל זיך נעהמען אַ שטיקעל לאַנד, כ'וועל ווערן אַ פֿאַרמער. פֿערשטעהט זיך, איך האָב דאָס געלד דערצו. אויב דו ווילסט מיטקומען, לאָמיר זיך אויסזוכען אַ שטיקעל לאַנד דאָרט ביי סאַן-פֿראַנציסקאָ."

„איך קען ניט אַוועקפֿאָהרען פֿון דאַנען."

„יאָ, כ'האָב שיער ניט פֿערגעסען: דאָ האָסט דו דיין מעסער. אַ שעהנעם דאַנק. נייַן, הערסט דו, דאָס לעבען דאָ אויף דער גאַסען-באַהן האָט ניט קיין צוקונפֿט. כ'האָב געאַרבייט דריי יאָהר און ביז איצט קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט, עפּעס אָבצושפּאָרען."

דער צוג האָט אַ פֿייף געטהאָן.

„יאָ, אַדיע," האָט פּאַט געזאָגט. „הער אַקאָרשט, וויפֿיעל האָסט דו געקראָגען פֿון'ם מאַן, וועלכער איז איבערגעפֿאָהרען געוואָרען?"

„צעהן דאָלאַר."

„אַזוי פֿיעל האָב איך אויך געקראָגען. נאַ, ער איז אייגענטליך געווען אַן עהרליכער צאָהלער. אָבער די פֿרוי איז געווען מיכטיגער."

„די פֿרוי?"

„די יונגע פֿרוי, יאָ. כ'האָב געמאַכט מיט איהר אַ געשעפֿטעל. זי האָט זיך ניט געדונגען, ס'איז איהר ניט געגאַנגען אין איין, צוויי טויזענד, וואָרים זי האָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון דעם מאַן. אויב איך קען איצט אָנפֿאַנגען אַ לייכטער לעבען — איז דאָס פֿון איהר געלד."

ואקעאוס.

I

טיעפּסטער פֿריעדען איז אויסגעגאָסען איבער דער סטעפּע.

גאַנצע מיילען־ווייט זעהט מען נים קיין בוימער און קיין הייזער, נור ווייץ און גרינע גראָז, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג קען דערגרייכען. ווייט, העט ווייט זעהט מען פֿערד און מענשען ביי דער אַרבייט, אַזוי נים־קענטיג און אַזוי קליין, אַז זיי ווייזען אויס ווי פֿליגען; דאָס זיינען די שניטער, וועלכע זיצען אויף זייערע מאַשינען און שניידען אָב דאָס גראָז קופּות־ווייז. דאָס איינציגע גערויש, וואָס מען הערט, איז דאָס סווישטשען פֿון די היישריקען, נאָר אַמאָל מאַכט זיך, אַז עס קומט אויך אַן אַנדער גערויש צום אויער — דאָס קלאַפּען פֿון די שנייד־מאַשינען אונטען ביים האָריזאָנט. צייטענווייז הערט מען דאָס דאָזיגע גערויש גאַנץ נאָהענט לעבען זיך.

ס'איז די בילבאָרי־פֿאַרם. זי ליגט גאַנץ אַליין ווייט אין וועסט־אַמעריקאַ, אָהן שכנים, אָהן וואָס פֿאַר עס איז פֿערבינדונג מיט דער וועלט, און ס'איז עטליכע טאָג גאַנג ביז צום נעכסטען שטעדטעל אין דער סטעפּע. די הייזער פֿון דער פֿאַרם זעהען פֿון ווייטען אויס אַזוי ווי קליינע פֿעלזען־שטיינער, וועלכע הויבען זיך אויף פֿון דעם אונגעהייער גרויסען ים מיט זאַנגען.

ווינטער־צייט איז די פֿאַרם נים בעוואוינט, אָבער פֿון פֿריהלינג ביז שפּעט אין אָקטאָבער זיינען דאָרט פֿאַראַן עטליכע און זיבעציג מאַן, וואָס זיינען בעשעפֿטיגט ביי די תבואה.

דריי מענער אַרבייטען אין קיך, דער קעכער און זיינע צוויי העלפֿער, און אין שטאַל שטעהען צוואַנציג עזלען אַחוץ די סך פֿערד; אָבער ניטאָ קיין פֿרוי, קיין איין איינציגע פֿרוי אין דער בילבאָרי־פֿאַרם.

די זונן ברענט מיט 102 גראַד פֿאַהרענהייט. הימעל און ערד ציטערן אין דער דאָזיגער היץ, און דאָס מינדעסטע ווינטעלע קיהלט נים אָב די לופֿט. ווי אַ בלאָטיגער זומפּ פֿון פֿייער זעהט די זונן אויס.

אויך אַרום די הייזער איז אַלעס שטיל, נאָר פֿון דעם גרויסען, מיט שפּענדלאַך־בעדעקטען שטאַל, וואָס ווערט בענוצט אַלס קיך און עסס־צימער, הערט מען די קולות און די טריט פֿון׳ם קאָך מיט זיינע ביידע העלפּער, וועלכע זיינען שטאַרק פֿערשמייעט און פֿערנומען ביי זייער אַרבייט. זיי הייצען אונטער די גרויסע אויוועגס מיט גראָז, און דער רויך וואָס געהט אַרויס פֿון קוימען, איז אויסגעמישט מיט פֿונקען און פֿלאַמען. אַז דאָס עסען איז פֿאַרטיג, ווערט עס אַרויסגעטראָגען אין צינק־בלעכען און אַרויפֿגעשטעלט אויף וועגען. דאַן שפּאַנט מען איין די עזלען, און די דריי מענער פֿאָהרען אַרויס מיט׳ן עסען אויף דער סטעפּע.

דער קאָך איז אַ דיקער אירלענדער, פֿערציג יאָהר אַלט, מיט גראָע האָר און מיט אַ סאָלדאַטסקען אויסזעהן. ער געהט האַלב נאַקעט, זיין העמד איז אָפֿען, און זיין ברוסט־קאַסטען זעהט אויס ווי אַ מיהל־שטיין. אַלע רופֿען איהם „פּאָלי“, מחמת אויף׳ן געזיכט איז ער ענליך צו אַ פּאָפּעגאַי.*)

דער קאָך איז געווען אַ סאָלדאַט ערגעץ אין אַ קאַזאַרמע אונטען אין זיעד־אַמעריקאַ; ער האָט אַ ליטעראַרישע נשמה און קען לייענען. דערפֿאַר האָט ער מיט זיך אויף דער פֿאַרם מיטגענומען אַ ליעדער־בוך און אַחוץ דעם אַן אַלטע נומער פֿון אַ צייטונג. אָט די טהייערע זאַכען אָנצוריהרען, ערלויבט ער קיינעם ניט פֿון די פֿעלד־אַרבייטער; זיי ליגען ביי איהם אויף אַ פּאָליצע אין קיך, כדי זיי צו האָבען ביי דער האַנד אין די פֿרייע מינוטען זיינע. און ער בענוצט זיי מיט גרויס חשק.

אָבער זאַקעאוס, דער אָרעמער לאַנדסמאַן זיינער, וועלכער איז כמעט בלינד און טראָגט ברילען, האָט אַמאָל גאָר פּשוט אַרונטערגענומען די צייטונג פֿון פּאָליצע, אום זי צו לעזען. ס׳האָט קיין זינן ניט געהאַט צו געבען זאַקעאוס׳ן אַ געוועהנליך בוך, די קליינע אותיות פֿלעגען פֿער־שווימען אַזוי ווי אין אַ טומאַן פֿאַר זיינע אויגען; דערפֿאַר אָבער האָט ער זעהר שטאַרק הנאה געהאַט צו האַלטען דעם קאָך׳ס צייטונג אין דער האַנד און פֿערברייגגען אַביסעל די צייט ביי די גרויסע שריפֿט פֿון די אַנאָנסען. אָבער דער קאָך האָט תיכף דערזעהן, אַז זיין אוצר איז ניטאָ, האָט ער אויפֿגעזוכט זאַקעאוס׳ן אין זיין בעט און האָט אַ ריס געטהאָן די צייטונג צו זיך. און עס איז געוואָרען אַ מורא׳דיגע מחלוקה

*) אין די ענגליש־שפּרעכענדע לענדער רופֿט מען יעדע פּאָפּעגאַי מיט דעם נאָמען „פּאָלי“.

צווישען די דאָזיגעביידע מענער, אַ שטאַרקער און לעבערליכער וואָרט־שטריים.

דער קאָך האָט אָנגערופען זאַקעאוס'ן שוואַרץ־האָריגער רויבער און הונד. ער האָט איהם געטייטעלט מיט די פינגער און געפרעגט, צי האָט ער אין זיין לעבענס־טאָג אַ סאָלדאַט געזעהן, און צי ווייסט ער וואָס אין אַ קאַזאַרמע טהוט זיך. ניין, דאָס ווייסט ער ניט! אָבער אויב אַזוי, טאָ זאָל ער בעסער זיך היטען די ביינער, ווײַם גאָט, ער זאָל זיך די ביינער היטען! און ס'מויל זאָל ער האַלטען! וואָס פערדיענט ער אַ חודש? ער האָט אפשר הייזער אין וואַשינגטאָן, צי האָט זיך זיין קוה נעכטען געקעלבט?

אויף דאָס אַלעס האָט זאַקעאוס גאָרנישט געענטפערט; אָבער ער האָט דעם קאָך בעשולדיגט, אַז ער קאָכט רויהעס עסען און מאַכט ברויט־פודינג מיט פליעגען. „געה צום טייוועל מיט דיין ציטונג אינ־איינעם!" ער, זאַקעאוס, איז אַן עהרליכער מאַן, ער וואָלט דאָס בלאַט אַוועקגעלייגט צוריק אויף'ן פלאַץ, נאָכדעם ווי ער וואָלט אַביסעל שטו־דירט דערין. „וואָס שטעהסט דו דאָ און שפייסט אויף דער ערד, דו פאַרשיווער הונד!!"

און זאַקעאוס' בלינדע אויגען זיינען געשטאַנען אַזוי ווי צוויי האַרטע שטאָלענע קוילען אין דעם צאָרנדיגען געזיכט.

אָבער זינט יענעם טאָג הערשט אַן אייביגע שנאה צווישען די ביידע לאַנדסלייט. — —

די וועגען מיט'ן עסען טהיילען זיך פונאַנדער איבער'ן גרויסען פעלד און שפייזען יעדער איינער זיינע פינף און צוואַנציג מאַן. די אַרבייטער קומען צו לויפען פון אַלע זייטען, כאַפּען עפּעס עסען און וואַרפען זיך אונטער די וועגען און אונטער די עולען, כדי צו האָבען אַ ברעקעל שאָטען בשעת דער מאָהלצייט. נאָך צעהן מינוטען צייט בלייבט שוין פון'ם עסען מעהר קיין זכר ניט. דער אויפזעהער זיצט שוין ווידער אויף'ן פערד און טרייבט דעם עולם ווידער צו דער אַרבייט, און די פּראָוויאַנט־וועגען פאָהרען צוריק אין דער פאַרם.

אָבער בשעת דעם קאָך'ס העלפער וואַשען אָב און רייניגען אויס די געפעס נאָך דער מאָהלצייט, זיצט זיך פאָלי אַליין אויף דרויסען אין שאָטען הינטער'ן הויז און לייענט שוין צום טויזענדסטען מאָל זיינע גע־דיכטע און זעלנערשע ליעדעלאַך אין דעם טייערן בוך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער קאַזאַרמע. און דאָ איז פאָלי ווידער סאָלדאַט.

II

אָבענד־צייט, ווען עס הויבט אָן ווערן פֿינסטערלאַך, שלעפּען זיך זיעבען היי־וועגען לאַנגזאַם מיט דער אַרבייטער־מחנה צוריק פֿון פֿעלד אַהיים. דאָס רוב פֿון זיי וואַשען זיך אָב די הענד דרויסען אויף'ן הויף, איידער זיי געהען אַריין עסען זייער נאַכטמאָהל, עטליכע פֿון זיי קעמען זיך אויס די האָר זייערע. אַלע נאַציאָנען און אַ היבש ביסעל ראַסען זיינען דאָרט פֿערטראָטען, פֿאַרהאַן דאָרט יונגערע און עלטערע מענשען, עמיגראַנטען פֿון אייראָפּאַ און געבוירענע אַמעריקאַנישע טרעמפּס, אַלע זיינען זיי מעהר אָדער וויינינגער נע ונד'ניקעס און פֿערוואונגליקטע, פֿער־שפּיעלטע לעבענס. די רייכערע פֿון דער באַנדע טראָגען יעדער איינער אַ רעוואָלווער אין דער הינטערשטער קעשענע. דאָס עסען ווערט גע־וועהנליך אָבגעכאַפּט אין גרויס איילעניש, און קיינער רעדט דערביי קיין וואָרט ניט אויס. די עטליכע צעהנדליג מענשען האָבען דרך ארץ פֿאַר דעם אויפֿזעהער, וועלכער נעהמט אַליין אָנטהייל אין דער מאָהלצייט און גיט אַכטונג, אַלעס זאָל צוגעהן אין אָרדנונג. און אַז די מאָהלצייט איז צו ענד, געהט דער גאַנצער עולם תיכף שלאָפֿען. — — —

היינט אָבער האָט זאַקעאוס געוואָלט אויסוואַשען זיין העמד. ס'איז שוין אַזוי האַרט, אַזוי איינגעדאַרט געוואָרען פֿון שוויס, אַז ס'האָט איהם איינפֿאַך געשווידערט איבער'ן גאַנצען לייב אין רעכטען מיטען טאָג, ווען די זונן האָט גע'שרפֿה'ט אויף זיין רוקען.

ס'איז געווען אַ פֿינסטערער אָבענד, אַלע זיינען שוין אַריין שלאָפֿען. פֿון דעם גרויסען שלאָף־שטאַל האָט זיך בלויז געהערט אַ פֿערדריקטעס מורמלען אין דער נאַכט אַרויס.

זאַקעאוס איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנד פֿון קיך, וואו עס זיינען געשטאַנען עטליכע בלעכען מיט וואַסער. ס'איז געווען דעם קאָך'ס וואַסער, וואָס ער האָט אָנגעקליבען אין פֿערלויף פֿון די רעגען־טעג, מחמת דאָס וואַסער אין ביליבאָרי איז געווען צו געדיכט און האָט געהאַט צופֿיעל קאַלך אין זיך, אַזוי אַז עס האָט ניט געטויגט צום וואַשען.

זאַקעאוס האָט גענומען איינס פֿון די בלעכען, האָט אויסגעטהאָן זיין העמד און עס אָנגעהויבען רייבען דעריין. דער אָבענד איז געווען שטיל און קאַלט, ס'האָט איהם גענומען פֿריערען ווי געהעריג איז, אָבער דאָס העמד האָט געמוזט ריין ווערן, און ער האָט זיך שטילערהייט צו־געפֿייפֿט, כדי זיך אַביסעל צו דערמונטערן.

מיט אַמאָל האָט דער קאָך אַן עפֿען געטהאָן די טהיר פֿון קיך. ער האָט געהאַלטען אַ לאָמפּ אין דער האַנד, און אַ ברייטער ליכט-שטראַהל איז געפֿאַלען אויף זאַקעאוס'ן.

„אַהאַ!" האָט זיך דער קאָך אָבגערופֿען און איז אַרויס אויף דרויסען.

ער האָט אַנידערגעשטעלט דעם לאָמפּ אויף די טרעפּ, איז גלייך צוגעגאַנגען צו זאַקעאוס'ן און האָט איהם אַ פֿרעג געטהאָן: „ווער האָט דיר געגעבען דאָס וואַסער?"

„כ'האָב עס גענומען," האָט זאַקעאוס געענטפֿערט.

„ס'איז מיין וואַסער!" האָט זיך פֿאָלי צושריען אויף'ן קול. „דו, פֿאַרשיווער שקלאַף, האָסט עס גענומען, דו ליגנער, דו גנב, דו הונד!"

זאַקעאוס האָט אויף דאָס אַלעס גאָרנישט געענטפֿערט, ער האָט נור פֿון דאָס ניי אָנגעהויבען ווידערהאָלען זיינע בעשולדיגונגען מכח די פֿליגען אין פודינג.

דער ליאַרם, וואָס די ביידע האָבען אָנגעמאַכט, האָט אַרויסגעשלעפּט דעם עולם פֿון די געלעגערס, זיי זיינען געשטאַנען קופּקעס-ווייז און האָבען געפֿראָרען און זיך צוגעהערט מיט דעם גרעסטען אינטערעס צו דער מחלוקה.

פֿאָלי האָט זיי אַנטקעגען געשריען: „וואָס זאָגט איהר פֿאַרט צו דעם שווייןן דאָ? מיין אייגען וואַסער!"

„נעהם זיך דיר דיין וואַסער," האָט זאַקעאוס געזאָגט און בשעת מעשה אומגעוואָרפֿען דאָס בלעך. „איך האָב עס בענוצט!"

דער קאָך האָט איהם אונטערגעשטעלט דעם קולאַק אונטער די אויגען און געפֿרעגט; „דו זעהסט דאָס?"

„יאָ", האָט זאַקעאוס געענטפֿערט.

„כ'וועל עס דיר געבען צו פֿערזוכען!"

„סמייען זאָלסט דו עס נור!"

פלוצלינג האָבען זיך געהערט אַ פּאָר שנעלע קלעפּ, וועלכע זיינען געגעבען און טאַקע אין דערזועלבער רגע צוריק געצאָהלט געוואָרען. די צושווער האָבען אַרויסגעלאָזט איין געשריי נאָך'ן אַנדער'ן, אַלס אויסדרוק פֿון פֿערגניגען.

אָבער זאַקעאוס האָט לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטען.

דער בלינדער, קורצער אירלענדער איז געווען בייז ווי אַ טיגער, אָבער די אָרעמס זיינע זיינען געווען צו קורץ, עפּעס צו טהאָן געגען דעם קאָך, ענדליך האָט ער זיך איבערגעדרעהט אָן אַ זייט, אַ דריי,

פֿיער טריט איבער'ן פּלאַץ און דערנאָך איז ער אַנידערגעפֿאַלען אויף דער ערד.

דער קאָך האָט זיך געווענדעט צום עולם:

„נו יאָ, אַצונד ליגט ער אַלזאָ! לאָזט איהם ליגען! אַ סאָלדאַט האָט איהם גע'הרג'עט!"

„כ'מיין, ער איז טויט!" רופֿט זיך אָב אימיצער פֿון די צושויער.

דער קאָך האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען.

„פֿון מיינעטוועגען!" האָט ער געענטפֿערט מיט שטאָלץ. און ער פֿיהלט זיך ווי אַ גרויסער זיעגער פֿאַר זיינע צושויער, ער פֿערוואַרפֿט דעם קאָפּ אויף הינטען און ווערט ליטעראַריש: „דער טייוועל זאָל איהם כאַפּען", מאַכט ער. „לאָזט איהם נור ליגען! וואָס זשע, ער איז אפשר דער אַמעריקאַנער דניאל וועבסטער? קומט אַהער און וויל מיך לערנען ווי אַזוי פּודינג צו קאָכען, מיך, וואָס איך האָב פֿאַר גענעראַלען גע־קאָכט! וואָס זשע, ער איז אפשר דער בעל הבית פֿון דער סטעפּע? פֿרעג איך."

און אַלע האָבען בעוואונדערט פּאָלי'ס רעדע.

מיט אַמאָל האָט זיך זאַקעאוס אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד און אַקוראַט אַזוי פֿערביסען, אַזוי צו להכעיס'דיג ווי פֿריהער האָט ער גע־זאָגט: „קום אַקאָרשט אַהער, דו טרוס דו!"

דער עולם האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פֿון ענטציקונג, אָבער דער קאָך האָט בלויז אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַ מיענע פֿון רחמנות און געזאָגט: „דומהייטען! כ'קען זיך דאָך פּונקט אַזוי גוט שלאָגען מיט אַם דעם לאָמפּ דאָ!"

דאָס זאָגענדיג האָט ער גענומען דעם לאָמפּ און איז לאַנגזאַם אַריין צוריק אין קיך.

ס'איז געוואָרען פֿינסטער אויף דעם פּלאַץ, און דער עולם איז אַריין צוריק שלאָפֿען. זאַקעאוס האָט גענומען זיין העמד, עס גוט אויסגעדרעהט און עס אָנגעטהאָן. דערנאָך האָט ער זיך אויך אַריינגעשלעפּט אין שלאָף־שטאַל, אום זיין געלעגער אויפֿצוזוכען און זיך לייגען אָברוהען.

III

אויף מאָרגען ליגט זאַקעאוס אויף די קני'ע אין דרויסען אויף'ן פֿעלד אין גראָז און שמירט אוים זיין מאַשין מיט עהל. די זונן איז היינט

פונקט אַזוי שאַרף און שרפה'נדיג ווי אימער און די אויגען זיינע פֿער־לויפֿען איהם מיט שוויים אונטער זיינע ברילען. מיט אַמאָל מאַכט דאָס פֿערד אַ פּאָר שפּאַן פֿאָרווערטס, ס'האָט זיך אפשר פֿאַר וואָס עס איז דערשראָקען אָדער אַ פֿליגעלע האָט איהם אַ ביס געטהאָן. זאַקעאוס גיט אַ מורא'דיגען געשריי און כאַפּט זיך אויף מיט אַ שפּרונג פֿון דער ערד. אין אַ מינוט אַרום הויבט ער אָן וואַרפֿען די לינקע האַנד אַהין און אַהער אין דער לופֿטען און געהט מיט האַסטיגע טריט אַרויף און אַראָב.

אַ מאַן, וועלכער פֿאָהרט ניט וויט פֿון דאָרט אויף אַ היי־וואָגען, שטעלט אָב זיין פֿערד און פֿרעגט: „וואָס איז אַזוינס געשעהן?"

זאַקעאוס ענטפֿערט: „קום אַהער אַ ווײַלע און העלף מיר."

אַז דער מאַן קומט צו, ווייזט איהם זאַקעאוס אַ בלוטיגע האַנד און זאָגט: „כ'האָב זיך אָבגעשניטען אַ פֿינגער, ס'איז אָקאָרשט געשעהן. זוך מיר אויף דעם פֿינגער, איך זעה אַזוי שלעכט!"

דער מאַן נעהמט זוכען דעם פֿינגער און געפֿינט איהם אין גראָז. עס זיינען געווען צוויי גליעדער פֿון פֿינגער. ער האָט שוין אָנגעהויבען אָבשטאַרבען און האָט אויסגעזעהן ווי אַ קליינער בר־מינן.

זאַקעאוס נעהמט דעם פֿינגער אין דער האַנד, קוקט איהם אָן און זאָגט: „יאָ, דאָס איז ער. וואַרט אַ ווײַלע, האַלט איהם אָקאָרשט צו!" זאַקעאוס ציהט אַרויס זיין העמד און רייסט דערפֿון אָב צוויי פּאַסען; מיט איינעם פֿערבינדט ער זיך די האַנד, אין דעם אַנדערן וויקעלט ער איין דעם אָבגעשניטענעם פֿינגער און לייגט איהם אַריין אין קעשענע. דערנאָך דאַנקט ער דעם קאַמעראַד פֿאַר דער הילף, וואָס ער האָט איהם געגעבען, און זעצט זיך צוריק אַרויף אויף דער מאַשין. — ער האַלט כמעט אויס ביז אָבענד־צייט. אַז דער אויפֿזעהער האָט געהערט, וואָס מיט איהם האָט געטראָפֿען, האָט ער איהם גוט אויסגעזידעלט און איהם אָב־געשיקט צוריק אויף דער פֿאַרם.

דאָס ערשטע, וואָס זאַקעאוס האָט געטהאָן, איז געווען צו בעהאַלטען דעם אָבגעשניטענעם פֿינגער. קיין ספּירט האָט ער ניט געהאַט, האָט ער אַריינגעגאָסען מאַשין־עהל אין אַ פֿלאַש, אַריינגעלייגט דאָרט דעם פֿינגער און פֿערשטאָפּט דאָס העלזעל פֿעסט מיט אַ קאָרקע. די פֿלאַש האָט ער אַוועקגעלייגט אונטער'ן מאַטראַץ אין זיין בעטעל.

אַ גאַנצע וואָך איז ער געבליבען אין דערהיים; די האַנד האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק וועה טהאָן און ער האָט זי געמוזט האַלטען טאָג און נאַכט אויף אַן אָרט, ניט אַ ריהר טהאָן מיט איהר; ער האָט זיך

געקלאַפּט אין קאָפּ פאַר פערדרוס, אַ פיבער האָט דורכגענומען דעם גאַנצען קערפּער זיינעם און ער איז געלעגען און געליטען און זיך אַליין געגריזשעט איבער דעם, וואָס האָט איהם געטראָפען. אַזאַ מין אונ־טהעטיגקייט האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהאַט דורכצומאַכען, ניט אַמאָל מיט עטליכע יאָהר צוריק, בעת די מינע האָט עקספּלאָדירט און זיינע אויגען זיינען קאַליע געוואָרען.

און אַ צוגאָב צו זיינע צרות איז געווען דער קאָך פּאָלי. ער פלעגט איהם אַליין צוברייננגען דאָס עסען צום בעט און דערביי פלעגט ער זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט זיך צו רייצען מיט דעם פערוואונדעטען. דיביידע דם־שונאים פלעגען זיך בעת מעשה אַריינלאָזען אין אַ מורא׳־דיגען ווערטער־שטרייט, און מעהר ווי איינמאָל פלעגט זאַקעאוס זיך מוזען אומקעהרען מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד און שטילערהייט פערבייסען מיט די צייהן, וויל ער האָט גאָרנישט געקענט טהאָן אַנטקעגען דעם רשע.

ענדליך זיינען זיי געקומען און פערבייגעגאַנגען, די שמערצליכע טעג און נעכט, געקומען און פערבייגעגאַנגען מיט אַן אונערטרעגליכער לאַנגזאַמקייט. אַזוי גיך ווי ס׳איז איהם נור מעגליך געווען, האָט זאַקע־אוס אָנגעהויבען זיך אויפזועצען אַביסעל ביי זיך אויף׳ן בעטעל, און ביי טאָג, בעת ס׳איז געווען שטאַרק הייס, האָט ער געהאַלטען אָפען די טהיר, וואָס האָט אַרויסגעפיהרט צו דער סטעפּע און צום הימעל. אָפט־מאָל איז ער אַזוי געזעסען מיט אַן אָפענעם מויל און זיך צוגעהערט צו דעם טאָן פון די שנייד־מאַשינען העט, העט ווייט, און דערנאָך פלעגט ער זיך צוריידען אויף׳ן קול מיט זיינע פערד, אָקוראַט ווי ער וואָלט זיי געהאַט לעבען זיך.

אָבער פּאָלי דער רשע, פּאָלי דער כיטראַק האָט איהם נאָך איצט אויך ניט צורוה געלאָזט. ער פלעגט קומען און איהם צוקלאַפּען די טהיר, מיט אַן אויסרייד, אַז עס ציהט, ס׳ציהט געפעהרליך, און ער איז ניט מחויב איינצושטעלען זיין געזונד און זיין אין צוג. דאַן פלעגט זאַקעאוס זיך אַרויסקייקלען פון בעט, אויסער זיך פאַר כעס, און איהם נאָכוואַרפען אַ שטיוועל אָדער אַ הילצערן ביינקעלע, און ס׳איז פון תמיד אָן געווען זיין ברענענדער וואונש, איהם צו מאַכען פאַר אַ קאַליקע אויף׳ן לעבען לאַנג. אָבער זאַקעאוס האָט ניט געהאַט קיין גליק, ער איז געווען צו קורצזיכטיג, אום צו קענען ציעלען, און ער האָט קיינמאָל ניט געטראָפען.

אויף׳ן זיבעטען טאָג האָט ער ערקלעהרט, אַז ער וויל עסען מיטאָג אין קיך. פּאָלי האָט געענטפערט, אַז ער איז איהם מוחל, און ער וויל

עס בשום אופן נים האָבען. דערביי איז עס געבליבען, זאַקעאוס האָט געמוזט היינט אויך אַזוי ווי פריהער עסען אויף זיין געלעגער. אַזוי איז ער געזעסען אַליין, איינזאַם, און האָט זיך געקרימט פאַר לאַנגווייליגקייט. איצט האָט ער געוואוסט, אַז די קיך איז ליידיג, דער קאָך מיט זיינע העלפער זיינען אַרוים מיט'ן מיטאָג אין דער סטעפּע, ער האָט געהערט, ווי זיי זיינען אַרויסגעפאָהרען מיט געזאַנג און קולות, אום חוזק צו מאַכען פון דעם איינגעשפּאַרטען.

זאַקעאוס געהט אַרונטער פון זיין בעטעל און שלעפט זיך אַריבער אין קיך. ער קוקט זיך אום, דאָס בוך און די ציימונג ליגען אויף זייער פּלאַץ; נעהמט ער דאָס בלאַט און קריכט לאַנגזאַם צוריק אַריין אין דעם שלאָף־שטאַל. דערנאָך ווישט ער זיך אום די ברילען זיינע און הויבט אָן לייענען די לעבעדיגע, גרויסע אותיות אין די אַנאָנסען.

ס'געהט אַריבער אַ שעה, ס'געהען אַריבער צוויי, — די שטונדען זיינען איצט געלאָפען אַזוי שנעל! ענדליך האָט זאַקעאוס דערהערט, אַז דער פּראָוויאַנט־וואָגען איז צוריקגעקומען, און באַלד האָט זיך געלאָזט הערען פאַלי'ס שטימע, ווי ער קאָמאַנדעוועט מיט די העלפער זיינע, זיי זאָלען צוואַשען די שיסלען און די טעלער.

איצט, האָט זאַקעאוס פערשטאַנען, וועט דער קאָך אודאי אויסגעפינען, אַז זיין ציימונג איז נעלם געוואָרען. ס'איז גראָד געווען די מינוט, ווען פאַלי פּלעגט זיך נעהמען צו זיין ביבליאָטהעק. ער האָט זיך פערטראַכט אויף אַ רגע און דערנאָך האָט ער אַרונטערגעלייגט די ציימונג אונטער'ן מאַטראַץ פון זיין בעטעל. אין אַ ווײַלע אַרום כאַפּט ער זי אויף גיך ווידער אַרוים און בעהאַלט זי אונטער'ן העמד אויף זיין בלויזען לייב. קיינמאָל אין לעבען וועט ער די ציימונג נים אָבגעבען צוריק.

ס'געהט פערביי אַ מינוט.

מיט אַמאָל האָבען זיך דערהערט שווערע טריט, וואָס זיינען אַלץ נעהנטער צוגעקומען צום שלאָף־פּלאַץ, און זאַקעאוס ליגט און קוקט אַרויף צום דאַך.

פאַלי קומט אַריין.

„ווי איז דאָס, דו האָסט מיין ציימונג?" פרעגט ער און בלייבט שטעהן אין מיטען צימער.

„ניין!" ענטפערט זאַקעאוס.

„יאָ, דו האָסט זי!" ליאַרמט פאַלי און לאָזט זיך צוגעהן נעהנטער צו איהם.

זאַקעאוס כאַפּט זיך אויף.

„כ'האָב ניט דיין ציימונג! געה צום טייוועל!" זאָגט ער און ווערט אויסער זיך פאַר כעס.

דאָ אָבער ווארפט דער קאָך אַרונטער דעם קראַנקען מאַן אויף דער ערד און הויבט אָן זוכען אין בעטעל. ער האָט איבערגעקעהרט דעם שטרוי־זאַק, דערנאָך די אָרעמע, קלעגליכע קאָלדרע, ניט געפינענדיג וואָס ער האָט געזוכט.

„דו מוזט זי האָבען!" דערביי איז ער געבליבען. און ער האָט זיך געלאָזט אַרויסגעהן, נאָר פון הויף האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און האָט ווידער געזאָגט: „דו האָסט זי גענומען, אָבער וואַרט אַקאָרשט, מיין פריינד!"

דאָ האָט זיך זאַקעאוס פון גאַנצען הארצען צולאַכט מיט אַ רשעות'־דיגען געלעכטער און האָט זיך אָבגערופען: „נו, אודאי האָב איך זי גענומען. כ'האָב זי פערטהאָן אויף עפעס, דו שמוציגער יונג!"

נאָר מיט אַמאָל איז פאַלי'ס פאַפאַגייען־געזיכט געוואָרען דונקעל־רויט און אָן אויסדרוק פול מיט רשעות און גיפט האָט זיך געוויזען אין זיין קאַנאַליען־בליק. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף זאַקעאוס'עם זייט און אַ מורמעל געטהאָן: „יאָ, וואַרט אַקאָרשט!"

IV

אויף מאָרגען איז געווען אַ מיאוס וועטער. גאַנצע שטראָמען־ווייז האָט דער רעגען געגאָסען און שוין אין דער פריה זיינען דעם קאָך'ס וואַסער־בלעכען אָנגעפילט געוואָרען. אַלע אַרבייטער זיינען געבליבען אין דערהיים; אַ טהייל פון זיי האָבען פערלאַטעט זעק אויף ווייץ, אַנ־דערע האָבען פעררינכט זייערע געצייג און אָנגעשאַרפט די מעסערס און די שנייד־מאַשינען.

אַז מען האָט געקלונגען צו מיטאָג, האָט זיך זאַקעאוס אויפגעהויבען פון בעטעל, וואו ער איז געזעסען, און האָט געוואָלט אַריינגעהן צו די אַנדערע אין עסס־צימער. אָבער אויף דרויסען איז איהם אַנטקעגען געקומען פאַלי, וועלכער האָט איהם געבראַכט זיין עסען. זאַקעאוס האָט גע'טענה'ט, אַז ער האָט בעשלאָסען, פון איצט און ווייטער צו עסען אינאיינעם מיט די אַנדערע; זיין האַנד איז בעסער, ער האָט שוין מעהר קיין פיבער ניט. פאַלי האָט געענטפערט, אַז אויב איהם געפעלט ניט דאָס עסען, וואָס ער ברייננגט איהם, וועט ער גאָרנישט קריגען. ער האָט

אַ וואָרף געטהאָן די בלעבענע שאָל אויף זאַקעאוס'עס בעטעל און גע־
פרעגט: „וואָס זשע, דאָס איז אפשר ניט גוט גענוג פאַר דיר?"

זאַקעאוס האָט זיך אומגעקעהרט צום בעטעל און זיך אונטערוואָרפען
זיין שיקזאַל. ס'איז געווען דאָס גלייכסטע, וואָס ער האָט געקענט טהאָן,
צו נעהמען דאָס עסען וואָס מען גיט איהם.

„וואָס פאַר אַ שווייגעריי האָסט דו שוין היינט ווידער געקאָכט?"
האָט ער אַ בורטשע געטהאָן און זיך גענומען צו דער שיסעל.

„הינדעל!" האָט דער קאָך געענטפערט. און אַ מאָרגער בליץ האָט
איהם אַ שאָס געטהאָן פון די אויגען, בעת ער האָט זיך אומגעדרעהט
און איז אוועק.

„הינדעל?" האָט זאַקעאוס פאַר זיך געמורמעלט און דורכגעזוכט
דאָס עסען מיט זיינע בלינדע אויגען. „לעבען זאָלסט דו אַזוי, צי דאָס
איז הינדעל, דו ליגנער איינער." נאָר ס'איז געווען ראָסעל־פלייש.

און ער האָט גענומען עסען דאָס פלייש.

פלוצלינג האָט ער אריינגענומען אין מויל אַ שטיק, פון וואָס ער
האָט בשום אופן ניט געקענט קלוג ווערן. ס'לאָזט זיך ניט צושניידען,
ס'איז אַ ביין מיט דינע פלייש דערויף, און האָבענדיג אָבגענאָגט איין
זייט דערפון, נעהמט ער ארויס דאָס שטיק פון מויל און בעטראַכט עס.

„ער קען זיך האַלטען מיט זיין ביין, דער הונד!" מורמעלט ער און געהט
צו דער טהיר, כדי עס בעסער צו בעקוקען. ער דרעהט עס און קעהרט
עס עטליכע מאָל אום אויף אַלע זייטען. פלוצלינג לויפט ער צו צום
בעטעל און זוכט די פלאַש מיט דעם אָבגעשניטענעם פינגער — די פלאַש
איז ניטאָ.

זאַקעאוס געהט אַריבער אין עסס־צימער. בלאָס ווי דער טויט,
מיט אַ פערמאָרעטען פנים, בלייבט ער שטעהן ביי דער טהיר, און הויך
אויפ'ן קול, אַזוי אַז אַלע הערען עס, רופט ער זיך אָב צום קאָך: „זאָג
אַקאָרשט, פאָלי, איז דאָס ניט מיין פינגער?"

דערביי הויבט ער עפּעס אויף אין דער הויך.

פאָלי ענטפערט ניט, ער הויבט אָבער אָן ביי זיין טיש אין זיך צו
לאַכען.

זאַקעאוס הויבט אויף עפּעס אַן אַנדער זאַך אין דער הויך און
זאָגט: „און, פאָלי, איז דאָס ניט מיין נאָגעל, וואָס איז געווען אויף מיין
פינגער? וואָס זשע, מיינסט אפנים איך דערקען איהם ניט?"

איצט זיינען אַלע מענער ביי די טישען געוואָרען אויפמערקזאַם אויף

זאקעאוס'עס מאָדנע פֿראַגען און האָבען גענומען קוקען אויף איהם מיט פֿערוואונדערונג.

„וואָס איז דיר אַזוינס געשעהן?" האָט איינער אַ פֿרעג געטהאָן.

„כ'האָב געפֿונען מיין פֿינגער, דעם אָבגעשניטענעם פֿינגער מיינעם אין עסען," האָט זאַקעאוס ערקלעהרט. „ער האָט איהם אָבגעקאָכט, ער האָט איהם מיר מיט מיין עסען געבראַכט. אָט האָט איהר אייך דעם נאָגעל."

דאָ האָט פלוצלינג אויסגעבראָכען אַ ליאַרעמדיגער געלעכטער ביי אַלע טישען, און דער עולם האָט גענומען שרייען און ריידען אויף'ן קול.

„וואָס זשע, ער האָט דיין אייגענעם פֿינגער אָבגעקאָכט און דיר איהם געגעבען צו עסען?" האָט איינער פֿון זיי געזאָגט. „ווי איך זעה, האָסט דו אָבגעביסען אַ שטיקעל דערפֿון, דו האָסט אָבגענאָגט איין זייט!"

„איך זעה ניט גוט," האָט זאַקעאוס געענטפֿערט, „כ'האָב ניט גע־וואוסט, — — כ'האָב זיך ניט נעריכט — —"

אָבער מיט אַמאָל האָט ער אָב, קעהרט זיך אום צו דער טהיר און געהט אַרויס.

דער אויפֿזעהער האָט געמוזט זעהן, ס'זאָל ווערן רוהיג אין עסס־צימער. ער איז אויפֿגעשטאַנען, האָט זיך געווענדט צום קאָך און גע־זאָגט: „דו האָסט דעם פֿינגער געקאָכט אינאיינעם מיט די אַנדערע פֿלייש, פּאָלי?"

„ניין," האָט פּאָלי געענטפֿערט. „גאָט מיינער, ווי האָב איך עס דען געקענט טהאָן? פֿאַר וואָס האַלט איהר מיך פֿאָרט? איך האָב איהם אָבגעקאָכט פֿאַר זיך, אין אַ בעזונדערן קעסעל."

אָבער די געשיכטע מיט דעם געקאָכטען פֿינגער איז שוין דעם גאַנצען נאָכמיטאָג געווען אַ טהעמאַ פֿאַר דער באַנדע זיך צו אַמוזירען. מען האָט זיך אַרומגעריסען און געלאַכט דעריבער אַזוי ווי די פֿעררירקטע, און פּאָלי האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ זיעג ניט געהאַט.

אָבער זאַקעאוס איז פֿערשוואונדען געוואָרען.

ער איז אַרויס אין דער סטעפּע. דאָס שלעכטע וועטער האָט נאָך אַלץ ניט נאָכגעלאָזען און ס'איז אין ערגעץ ניט געווען וואו זיך צו בע־האַלטען. זאַקעאוס אָבער האָט געוואַנדערט ווייטער און ווייטער איבער דער סטעפּע. ער האָט געטראָגען זיין קראַנקע האַנד אין דעם באַנד און האָט זי בעשיצט פֿון רעגען אַזוי גוט ווי ער האָט נור געקענט; ווייטער איז ער געווען דורכגענעצט פֿון אייבען ביז אַראָב.

און ער געהט אַלץ ווייטער און ווייטער.

אַז עס הויבט אָן ווערן פֿינסטער, בלייבט ער שטעהן. ביים שיין פֿון אַ בליץ זעהט ער וויפֿיעל דער זייגער איז און דערנאָך קעהרט ער זיך אום אויף דעם זעלבען וועג, וואָס ער איז געקומען. מיט שווערע, אויסגערעכענטע טריט געהט ער צווישען די זאַנגען, אַקוראַט ווי ער וואָלט די צייט און דעם וועג גענוי בערעכענט. אַרום אַכט אַזייגער איז ער צוריק אויף דער פֿאַרם.

איצט איז שוין שטאַק פֿינסטער. ער הערט, אַז דער עולם איז אַצונד פֿערזאַמעלט אין עסס-צימער ביים נאַכטמאָהל, און אַז ער קוקט אַריין דורך'ן פֿענסטער, מיינט ער, אַז ער זעהט דאָרט פאָלי'ן און ס'דוכט זיך איהם אויס, אַז ער איז זעהר שטאַרק אויפֿגעלייגט.

ער געהט אַוועק פֿון הויז אין די שטאַלען, וואו ער שטעלט זיך אַוועק ערגעץ אונטער אַ דעכעל און קוקט אַריין אין דעם חושך. די היישריקען שווייגען, אַלעס איז שטיל, נאָר דער רעגען הערט ניט אויף געהן און פֿון צייט צו צייט שניידט דורך אַ שוועבעל-פֿאַרביגער בליץ דעם סאַמע מיטען פֿון הימעל און פֿאַלט אַרונטער ערגעץ וויית, העט ווייט אין דער סטעפּע.

ענדליך הערט ער, אַז די לייט געהען שוין אַרויס פֿון'ם נאַכטמאָהל און לויפֿען אַריבער מיט אימפּעט אין די שלאָף-פּלעצער, זיך סטאַרענדיג מיט אַלע מיטלען ניט נאַס צו ווערן. געדולדיג און איינגע'עקשן'ט וואַרט זאַקעאוס אָב נאָך אַ שעה, דערנאָך געהט ער צו צו דער קיך.

ס'איז נאָך ליכטיג אינעווייניג, ער זעהט אַ מאַן ביים אויווען, און ער געהט גאַנץ רוהיג אַריין.

„גוטען אָבענד!" זאָגט ער.

פאָלי קוקט איהם אַ ווייִלע אָן ערשטוינט און ענדליך רופֿט ער זיך אָב:

„היינט ביינאַכט קענסט דו שוין מעהר קיין עסען ניט קריגען."

זאַקעאוס ענטפֿערט:

„זאָל זיין אַזוי: אָבער גיב מיר כאָטש אַ שטיקעל זייף, פאָלי. מיין העמד איז נעכטען ביינאַכט אומריין געוואָרען, כ'מוז עס נאָך אַמאָל אויסוואַשען."

„ניט אין מיין וואַסער!" האָט דער קאָך געזאָגט.

„יאָ, גראָד אין דיין וואַסער. אָט שטעהט עס דאָ אין ווינקעל!"

„כ'ראָט דיר אָב דערפֿון."

„קריג איך זייף, צי ניט?" פֿרעגט זאַקעאוס.

„כ׳וועל דיר באַלד געבען זייף!״ שרייט פּאָלי. „אַרויס פון דאַנען!״ און זאַקעאוס געהט אַרויס.

ער נעהמט איינעם פון די וואַסער־בעקענס, טראָגט איהם צו צום ווינקעל, אָקוראַט אונטער׳ן פענסטער פון קיך און הויבט אָן אַרומצו־פליושקען מיט דער האַנד אין וואַסער. פּאָלי דערהערט עס און קומט אַרויס.

ער איז היינט גרויס און שטייף ביי זיך ווי קיינמאָל ניט פאַר דעם, און ער לאָזט זיך געהן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס ענטשלאָסען און צאָרנדיג גלייך אויף זאַקעאוס׳ן.

„וואָס טהוסט דו דאָ?״ פרעגט ער.

זאַקעאוס ענטפערט: „גאָרנישט. כ׳וואַש מיין העמד.״

„אין מיין וואַסער?״

„פערשטעהט זיך!״

דער קאָך געהט צו נעהענטער, בויגט זיך אָן איבער׳ן וואַסער־בעקען, כדי זיך צו איבערצייגען, צי איז דאָס טאַקע ריינער, און ער זוכט דאָס העמד אין וואַסער.

אין דער רגע ציהט זאַקעאוס אַרויס זיין רעוואָלווער פון אונטער דעם באַנד, וואָס ער טראָגט אַרום זיין פערוואונדעטער האַנד, שטעלט איהם אָן פונקט אַנטקעגען פּאָלי׳ס אויער און טהוט אַ דריק.

אַ שוואַכער שאָס האָט אָבגעקלונגען אין דער נאַסער נאַכט.

V

אַז זאַקעאוס איז שפּעט ביינאַכט אַריינגעקומען אין דעם שלאָף־שטאַל, האָבען זיך אַ פּאָר פון זיינע קאַמעראַדען אויפגעכאַפּט און איהם געפרעגט, וואָס ער האָט אַזוינס געטהאָן אויף דרויסען.

זאַקעאוס האָט געענטפערט: „גאָרנישט. כ׳האָב דערשאָסען פּאָלי׳ן.״

די קאַמעראַדען האָבען זיך אויפגעזעצט אויף די עלענבויגען, כדי בעסער צו הערען.

„דו האָסט איהם דערשאָסען?״

„יאָ!״

„דאָס הייסט אַביסעל אַ טייוועל! וואו האָסט דו איהם געטראָפען?״

„אין קאָפּ. כ׳האָב איהם געשאָסען דורך׳ן אויער, די קויל איז אַרויף אויבען.״

„נאָ, צום טייוועל! וואו זשע האָסט דו איהם בעגראָבען?"

„אין דער סטעפּע, צו מערב־זייט צו. כ'האָב איהם מיטגעגעבען די צייטונג אין די הענד."

„האָסט עס ווירקליך געטהאָן?"

דאָס זאָגענדיג, האָבען זיך די קאַמעראַדען צוריקגעלייגט, אום ווייטער צו שלאָפען.

אין אַ ווײלע אַרום האָט נאָך איינער פון זיי אַ פרעג געטהאָן:

„וואָס זשע, ער איז גלייך געשטאָרבען?"

„יאָ," האָט געענטפערט זאַקעאוס, „כמעט גלייך אויף'ן שטעל. די קויל איז איהם דורכגעלאָפען דורך'ן מוח."

„יאָ, דאָס איז דער בעסטער שאָס," זאָגט דער קאַמעראַד. „געהט זי דורך דורך'ן מוח, איז דאָס דער טויט."

און דאַן ווערט רוהיג אין שטאַל און אַלע שלאָפען — — —.

דער אויפזעהער האָט בעשטימט אַן אַנדער קאָך, אייגעם פון די העלפער, וועלכער איז זינט דעם פריהלינג געווען אייף דער לעהרע ביי פּאַלי'ן; דער ראָזיגער איז איצט דערהויבען געוואָרען און ס'האָט איהם שטאַרק הנאה געטהאָן, וואָס זיין אויבער־האַר איז ערמאָרדעט געוואָרען.

און אַלעס איז זיך געגאַנגען זיין געוועהנליכען ריהרעוודיגען גאַנג ביז ענדע זומער. מען האָט שוין מעהר ניט גערעדט מכח פּאַלי'ס סוף, דער אָרעמער טייוועל איז געווען טויט, ער געלעגען בעגראָבען ער־גען־וואו אין דעם ווייצענפעלד, וואו די זאַנגען זיינען געווען אויסגעריסען; ס'איז געווען אַ פערפאַלענע זאַך.

אַז דער אָקטאָבער איז אָנגעקומען, זיינען די אַרבייטער פון ביליבאָרי אַוועק אין דער נעכסטער שטאָדט, כדי דאָרט זיך אָבצוגעזעגענען ביי אַ גלעזעל משקה און דערנאָך אַוועקגעהן יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. אין דעם מאָמענט זיינען זיי זיך אַלע געווען בעסערע פריינד איידער ווען עס איז פריהער, און זיי האָבען זיך אַרומגענומען און געדאַנקט איינע די אַנדערע, און זיי האָבען געמיינט עהרליך דאָס, וואָס זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע געזאָגט.

„וואוהין געהסט דו, זאַקעאוס?"

„כ'געה אַביסעל ווייטער צו וועסט צו," האָט זאַקעאוס געענטפערט.

„פיליכט קיין וויאָמינג. אָבער אויף ווינטער געה איך ווידער אין וואַלד אַריין האַלץ האַקען."

„דאַן וועלען מיר זיך דאָרט טרעפען. צום ווידערזעהן, זאַקעאוס! גליקליכע רייזע!"

און די קאַמעראַדען לאָזען זיך אַוועק אין אַלע ריכטונגען אין דעם גרויסען יענקי־לאַנד. זאַקעאום געהט קיין ווייאָמינג.

און די סטעפּע ליגט אַזוי ווי אַן אונענדליכער ים, אויף וועלכען די אָקטאָבער־זונן וואַרפט איהרע לאַנגע שטראַהלען, וואָס זעהען אויס ווי בליצענדע שפּיזלען.

אויף׳ן ים ביי ניו-פאונדלאנד.

מאָנאַט איין מאָנאַט אויס זיינען מיר געלעגען אויף׳ן ים און האָבען געכאַפּט פיש. דער זומער און דער ווינטער זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען, און מיר זיינען נאָך אַלץ געלעגען אויף׳ן זעלביגען אָרט, אין מיטען ים, ביים גרענעץ פון די צוויי ערד־טהיילען: איירָאָפּאַ און אמעריקאַ. פיער ביז פינף מאָל אַ יאָהר פלעגען מיר צופאָהרען צו מיקעלאָן, כדי דאָרט צו פערקויפען אונזערע פיש און אָננעהמען פראָוויאַנט. דערנאָך פלעגען מיר ווידער אַרויספאָהרען אויף׳ן מיטען ים, זיך פעראַנקערן אויף׳ן זעלביגען אָרט און כאַפּען פיש — און צופאָהרען קיין מיקעלאָן, כדי פון דאָס ניי אויסלאָדען אונזער סחורה. איך בין קיינמאָל ניט אַראָב אין שטאָדט, אויף דער יבשה. צו וואָס האָט עס מיר דען געטויגט? מען האָט געזעהן זעהר ווייניג מענשען דאָרט אויף יענעם וועלט־טהייל, וועלכער איז געווען בעוואוינט בלויז פון עטליכע פישער און שיפּס־הענדלער.

אונזער שיף איז געווען אַ רוס, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „קאָנגאָ“, אַן אמת׳ער רוס, אַן אַלטע באַרקע, וועלכע האָט נאָך אויף די זייטען געהאַט האַלב־פערדעקטע טהירען פון איהרע אַמאָליגע יונגע יאָהרען. אַכט מאַן זיינען מיר געווען אויף׳ן שיף: צוויי האָלענדער און איין פראַנצויז, צוויי רוסען און איך; די איבעריגע זיינען געווען נעגער.

דער „קאָנגאָ“ האָט געהאַט פיער קליינע שיפלאַך. אויף זיי פלעגען מיר אַרויספאָהרען אין דער פריה און אַריינציהען אונזערע נעצען, זומער־צייט אַרום דריי אַזייגער, ווינטער בעגינען צו טאָג; און אין אָבענד פלעגען מיר זיי ווידער אויסלייגען, שטענדיג אויף׳ן זעלבען אָרט, ניט ווייט פון דעם פלאַץ, וואו דער „קאָנגאָ“ איז געשטאַנען.

איין טאָג איז אַריבער ווי דער אַנדערער, מיר זיינען תמיד געווען אויף איין אָרט. אונזער לעבען האָט ניט געהאַט קיין שום אָבוועקסלונג; מיר האָבען אפילו ניט געוואוסט, צי ס׳איז זונטאָג צי מאָנטאָג. די איינציגע זאַך, מיט וואָס מיר האָבען זיך אונטערשיידעט פון די אַנדערע

ניו־פֿאַונדלענדישע פֿישער, איז געווען דאָס אונגעוועהנליכע, וואָס אונזער קאַפּיטאַן האָט געהאַט זיין פֿרוי מיט זיך אויף'ן שיף. אָט די פֿרוי איז געווען אַ יונגע אָבער זעהר מיאוס'ע בעשעפֿעניש מיט גאַנצע בערג קרעצלאַך און בראָדיעווקעס אויף די הענד און שרעקליך מאָגער און זעהר קליין אין וואוקס.

מיר האָבען זי געזעהן יעדען פֿריהמאָרגען, ווען מיר פֿלעגען אַרונ־טערגעהן פֿון שיף; זי איז דאַן נאָר וואָס געהאַט אויפֿגעשטאַנען, איז געווען שלעפֿעריג און זעהר מיאוס אָנגעטהאָן. זי האָט זיך געקענט אַנידערזעצען גראַד אַנטקעגען אונז און — ניין, ס'לאָזט זיך ווירקליך ניט דערצעהלען. נאָר כאָטש זי איז געווען אַזוי אומריין און האָט מיט אונז כמעט קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, האָבען מיר זי דאָך ליעב געהאַט, יעדער איינער אויף זיין אופֿן, און קיינער פֿון אונז וואָלט ניט געקענט אויסקומען אָהן איהר. מיט אַזוי ווייניג האָבען מיר זיך סוף כל סוף בענוגענט.

מיר זיינען ניט געווען קיין מאַטראָזען, נאָר פֿישער. אַ מאַטראָז פֿאָהרט אַלץ ווייטער און ווייטער, קומט צו ערגעץ־וואו און ענדיגט אַמאָל זיין רייזע, ווי לאַנג זי זאָל ניט געדויערן; אָבער מיר, מיר זיינען געלעגען שטיל, אייביג און אימער שטיל, מיט אַלע אונזערע אַנקערס אויף'ן ים. ס'איז אַזוי ווייט אַוועק, אַז מיר האָבען זיך סוף כל סוף שוין כמעט גאָר ניט געקענט דערמאָנען, ווי די יבשה זעהט אויס. מיר האָבען זיך זעהר שטאַרק פֿערענדערט. דאָס אייביגע ליגען אויף אַן אָרט האָט אונז מאָדנע תמ'עוואַטע, ווירקליך גאַנץ תמ'עוואַטע געמאַכט. מיר האָבען קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן, אַחוץ נעבעל און ים, און קיין אַנדער זאַך ניט געהערט, אויסער ווינד און שטורם פֿון אויבען און אונטען; מיר האָבען זיך מיט קיין שום זאַך ניט אינטערעסירט און אויפֿגעהערט צו דיינקען וועגען וואָס עס איז. נאָך וואָס האָבען מיר דען געדאַרפֿט דיינקען? אונזער שטענדיגע בעשעפֿטיגונג מיט פֿיש האָט אונז אַליין געמאַכט פֿאַר פֿיש, פֿאַר מאָדנע, פֿליישיגע ים־חיות, וועלבע זיינען אַרומגעקראָכען אויף אַ שיף און האָבען גערעדט אַן אייגענע, בלויז פֿאַר אונז אַליין פֿערשטענדיגע שפּראַך.

מיר האָבען אויך ניט געלייענט, קיין זאַך האָבען מיר ניט געלייענט. קיין בריעף האָבען צו אונז דאָ אויף'ן מיטען ים ניט געקענט אָנקומען, און אַחוץ דעם האָט דער שאַרפֿער נעבעל, וועלבען מיר פֿלעגען איינ־זויגען, אונזער טעגליכע בעשעפֿטיגונג מיט רויהע פֿיש, אונזער שטענדיגעס

זיין אויף'ן ים — דאָס אַלעס האָט אָבגעטייט אין אונז די גאַנצע לע־בענס־פרייד אונזערע.

מיר האָבען געגעסען, געאַרבייט און געשלאָפען. דער איינציגער פון אונז, וועלכער האָט ניט אין גאַנצען פערלאָרען דעם קאָפּ און האָט נאָך ווי עס איז גענומען אַן אָנטהייל אין לעבען, איז געווען דער פראַנ־צויז. איינמאָל האָט ער מיך אויף'ן שיף אָבגערופען אַן אַ זייט און מיט אַן ערנסטען טאָן געפרעגט:

„ווי מיינסט דו, אין דערהיים איז איצט אַ מלחמה?"

אַזוי גלייכגילטיג זיינען מיר געוואָרען צו אַלצדינג, אַז מיר האָבען כמעט מעהר ניט גערעדט איינע מיט די אַנדערע. מיר האָבען צו גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַן ענטפער ס'וועט קומען אויף יעטוועדער פראַגע, און אַחוץ דעם איז געווען נאָך אַ צרה, דאָס וואָס ס'פלעגט אונז אָפט אָנקומען מיט גרויס מיה, זיך צו פערשטעהן איינע די אַנדערע. וואָס האָט עס געהאָלפען וואָס די אָפיציעלע שפּראַך פון שיף איז געווען ענג־ליש! די האָלענדער אַזוי גוט ווי דער פראַנצויז זיינען געווען צו שטומפיג און צו איינגעשפּאַרט, זי צו לערנען, און אַז די רוסען אפילו האָבען געוואָלט זאָגען עפּעס אַ לענגערע זאַך, פלעגען זיי מיט פערדרוס אַרי־בערגעהן אין זייער אייגענעם לשון. הקיצור, מיר זיינען אין יעדען פרט געווען הילפלאָז און פערלאָזען.

נאָר ציימענווייז, ווען מיר פלעגען אזוי זיצען און אַרויסציהען אונזערע נעצען פון ים, פלעגט פערבייפאָהרען אַן עמיגראַנטען־שיף, אַ געוואַלדיגער, שאָטענדיגער ריעז, וועלכער פלעגט אַ פייף טהאָן און טאַקע אין דעמ־זעלבען אויגענבליק פערשווינדען אין נעבעל. אָט די געוואַלדיגע שדים, וועלכע פלעגען זיך ווייזען אויף אַ רגע און דאַן צוריק נעלם ווערן, פלעגען אויף אונז מאַכען אַ ניט־פרעהליכען איינדרוק. אַז ס'איז געווען פינסטער, בעת דאָס שיף פלעגט פערבייגעהן, און די לעמפלאַך אַרום און אַרום דער גרויסער געביידע האָבען אונז עפּעס אַזוי ווי אָנגעקוקט מיט קייִ־לעכדיגע, פייערדיגע אויגען, פלעגען מיר אָפט פון שרעק און פערוואונ־דערונג אַרויסלאָזען אַ געשריי. אין אַ שטילען וועטער פלעגט דער לופט־דרוק פון דעם ריעזיגען שד דערגרייכען ביז צו אונז, און אונזערע שיפלאַך פלעגען זיך דערנאָך, אַז דאָס שיף איז פערביי, אַ היבשע ווײלע אַרומוויגען אויף די שווערע צורודערטע כוואַליעס.

עס פלעגט אויך פאָרקומען, ווען דאָס וועטער איז געווען אַביסעל קלאָהר, אַז מיין שיפס־קאַמעראַד וואַן טאַצעל, וועלכער האָט געהאַט אַ

גוטע ראיה, האָט פֿון ווייטען געקענט דערזעהן אַ זעגעל־שיף; אָבער זיי פֿלעגען קיינמאָל ניט צוקומען אַזוי נאָהענט צו אונז, אַז מיר זאָלען קענען זעהן אַ לעבעדיגען נפש אויף זיי. מיר האָבען קיינמאָל קיין אַנדערע מענשען ניט געזעהן אַחוץ אונזערע אייגענע: אַ קאָך, אַכט פֿישער און דעם האַלב־געלעהמטען קאַפּיטאַן מיט זיין פֿרוי.

מערקווירדיגע געמיטהס־שטימונגען האָבען צייטענווייז געקענט אַרויסגערופֿען ווערן ביי אונז, בשעת מיר פֿלעגען זיצען אין די שיפֿלאַך און מיט אַלע כוחות ציהען די שנורען און זיי כמעט ניט קענען אַרויס־קריגען פֿון וואַסער: עפעס פֿלעגט זיך אונז דעמאָלט אָבדוכטען, אַז טיעף, טיעף אונטען זיינען פֿאַרהאַן פֿערבאָרגענע הענד, וואָס האַלטען פֿעסט צו אונזערע נעצען. מיט קלאַפּענדע צייהנער און איינפֿאַך פֿערריקט פֿאַר פחד פֿלעגען מיר שרייען איינע צו די אַנדערע. מיר פֿלעגען פֿער־געסען וואו מיר זיינען און וואָס מיר טהוען, מיר פֿלעגען ווערן מורא'דיג אויפֿגערעגט דורך דעם דאָזיגען קאַמפּף מיט די אונזיכטבאַרע מעכטע פֿון דער טיעפֿעניש פֿון ים, וועלכע האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אָבלאָזען, וואָס זיי האָבען איינמאָל געפּאַקט אין די הענד.

אַז איינער פֿון די פֿישער פֿלעגט קריגען אַזאַ מין אָנפֿאַל, האָט מען ביי אונז געזאָגט, אַז ער בעט זיך אויס אַ „גוטען וועטער", מחמת מיר האָבען געמיינט, דער נעבעל איז שולדיג אין דעם. צייטענווייז, בעת מיר זיינען געזעסען און געטרונקען, איז אונז אויך פֿאָרגעקומען, אַזוי ווי וואונדערליכע, פֿאַנטאַסטישע ברואים וואָלטען אַרונטערגעקוקט צו אונז פֿון דעם נעבעל אויף'ן ים, וואָלטען אונז צוגעשאָקעלט מיט זייערע גרויסע, בעוואַקסענע קעפּ און דערנאָך פֿערשווינדען. און צופֿלאָסענע, משוגע'נע געשטאַלטען האָבען אַרומגעשוועבט אין דעם ווייסען רויך, גרויס ווי די בערג; זיי האָבען געפֿלאָסען אַהין און אַהער, וואו דער ווינד האָט זיי געטראָגען, שוועבענדיג אין שווערע טריט פֿון מערב צו מזרח; זיי האָבען זיך געקאַטשעט אין דער לופֿטען מיט זייערע טומאַנע גליעדער און אין אונגעהייער גרויסע מאַנטלען, וועלכע האָבען זיי נאָכ־געפֿלאַטערט.

וואַן טאַצעל און איך האָבען איינמאָל געזעהן אַ סצענע, ביי וועלכער מיר זיינען שיער ניט פֿערגליווערט געוואָרען פֿון שרעק: ס'איז געווען אַ פֿינסטערער אָבענד, ווען מיר האָבען אויסגעלייגט אונזערע נעצען; מיר האָבען געזעהן אַ מאַן, וועלכער האָט זיך געשאָקעלט אַרויף און אַראָב אין דער לופֿטען, דער גאַנצער קאָפּ זיינער איז געווען הוילע פֿלאַמען, ער האָט געבלאָזען ווי אַ שטורם־ווינד, מיר האָבען עס ביידע געהערט.

אין אַ ווײלע אַרום איז דורכגעלאָפֿען אַ שיף פֿערביי אונז; מיר האָבען געגעבען אַ געשריי, בעת דאָס שיף האָט אַ פֿייף געטהאָן; דערנאָך איז עס פֿערשוואונדען . . .

אָבער פֿאַרמיטאָג, ווען מיר פֿלעגען אַרויסציהען אונזערע נעצען פֿון ים און צוריקקומען מיט די פֿול-געלאָדענע שיפֿלאַך אויף דעם „קאָנגאָ", האָט אונז דער גוטער פֿאַנג און די צופֿרידענהייט, וואָס מיר האָבען אָבגעטהאָן די ערגסטע אַרבייט פֿאַר דיזען טאָג, אָפֿט געמאַכט גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן משוגע און אויפֿגערעגט: אַזוי פֿלעגט עס אָפֿטמאָל טרעפֿען, אַז מיר פֿלעגען האָבען אַ גאַנץ אוננאַטירליכען פֿערגניגען צו מיסהאַנדלען די פֿיש, גאַנץ איינפֿאַך מיסהאַנדלען אונזערע אייגענע פֿיש. דער עיקר זיינען די ביידע רוסען געווען פֿעררוקט אין דעם. זיי פֿלעגען אָננעהמען די גרויסע פֿיש ביי די קעפּ, אַריינרוקען די פֿינגער אין די ווייבע אויגען זייערע און זיי האַלטען אַזוי אין דער הויך, און בעת מעשה פֿלעגען זיי קוקען אויף זיי און לאַכען מיט אַ מאָדנעם געלעכטער.

איינמאָל האָב איך בעמערקט, ווי איינער פֿון די רוסען האָט איינ-געביסען אין אַ רויהען פֿיש, אַריינגעזעצט די צייהן טיעף אין איהם און איהם אַזוי געהאַלטען אַן ערך צוויי מינוט צייט, פֿערמאַכענדיג בעת מעשה די אויגען.

אָט די פֿעסטע טויטע פֿיש האָבען איבערהויפּט זעהר שטאַרק גע-ווירקט אויף אונז אַלעמען; מיר פֿלעגען זיך צוקאָכען, ווען מיר פֿלעגען אויפֿעפֿענען די גלאַטע לייבער זייערע; לעבעדיגערהייט פֿלעגען מיר זיי אויפֿשניידען דעם גאַנצען בויך, אַ לאַנגע צייט ראַיען מיט די הענד ביי זיי אין די געדערים און זיך אויסשמירען מיט זייער בלוט, כאָטש ס'איז גאָר ניט נייטיג געווען.

דער פֿראַנצויז האָט זיך שטענדיג צוריקגעהאַלטען פֿון די דאָזיגע טהירישע תאוות; דערפֿאַר אָבער איז ער פּשוט משוגע געוואָרען פֿאַר דעם קאַפּיטאַן'ס פֿרוי. אַזוי שטאַרק איז זיין ליידענשאַפֿט געווען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט בעהאַלטען דערמיט. ער האָט עס אונז אַלע-מען גאַנץ אָפֿען געזאָגט. „כ'ליעב זי, יאָ, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפֿען ווי ליעב איך האָב זי!" פֿלעגט ער זאָגען עטליכע מאָל אין טאָג.

איינער פֿון די נעגערס, וועמען מיר פֿלעגען רופֿען „דאָקטאָר", ווייל ער האָט אַמאָל אין דער יוגענד שטודירט אַביסעל מעדיצין, איז אויך געווען שטאַרק פֿערליעבט אין איהר. איך וואָלט איהם דערמאָלט, בעת ער האָט עס מיר דערצעהלט, נור אויס אייפֿערזוכט אַליין געקענט דערשלאָגען אויף טויט. וואָרים אויך מיר איז עס ניט בעסער געגאַנגען.

אָבער זי אַליין איז אַרומגעגאַנגען מאָגער און דום און שרעקליך שמוציג און האָט גאַרנישט בעמערקט פֿון דעם אַלעמען. זי האָט אפילו אין אונזער זייט ניט אַ קוק געטהאָן. איינמאָל האָב איך געהאַט עפּעס צו טהאָן אויבען אויף'ן פֿאָרדעק, וואו זי איז גראָד געזעסען אויף איהר ביינקעל און געקוקט סתם אין דער וועלט אַריין. מיט אַמאָל האָב איך זיך פֿערטשעפּעט אין אַ שטריק און בין שיער ניט אומגעפֿאַלען. דאָס האָט מיר אַזוי שטאַרק פֿערדראָסען, אַז איך האָב זיך אומגעדרעהט און דעם דאָזיגען שטריק גאַנץ נאַריש אָנגעקוקט, אָנשטאָט צו געהן ווייטער מיין וועג, און איך האָב געווים געמוזט אויסזעהן זעהר לעכערליך דער־ביי. פֿאַרוואָס זשע האָט זי זיך ניט צולאַכט? און נאָך וואָס האָט זי די גאַנצע צייט געקוקט אויף מיר, אויב ניט צו לאַכען? זי האָט קיין שום פֿערלאַנג ניט געהאַט צו קיין זאַך; ס'האָט זיך קיין שום מיענע ניט געוויזען אויף איהר געזיכט.

„זי וועט אַזוי פֿערפֿוילט ווערן לעבעדיגערהייט!" האָט וואַן טאַצעל אין זיין פֿערריקטער שפּראַך געזאָגט; „וויים גאָט, זי וועט פֿערפֿוילט ווערן!"

און דאָך וואָלט קיינער פֿון אונז פֿאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט געוואָלט לויז ווערן פֿון איהר . . .

אַז די פֿיש זיינען געווען „צורעכט געמאַכט" און די נעצען ווידער אויסגעלייגט, איז די אַרבייט אונזערע פֿאַר'ן טאָג פֿאַרטיג געווען, און מיר האָבען פֿערבראַכט אַ שעה אָדער צוויי ביים עסען און רויכערן טאַבאַק, און דערנאָך פֿלעגען מיר אַרונטערגעהן אין די קאַיוטע שלאָפֿען.

אַז מיר זיינען ניט געווען צו מיעד, האָבען מיר אָפֿטמאָל געקענט אַביסעל פּלוידערן איינע מיט די אַנדערע און זאָגאַר זיך דערצעהלען אַלערליי געשיכטען, אַלעס אין אַ פֿערדאָרבענער און אונפֿאָלקאָמענער שפּראַך, פֿול מיט קללות און מיט מיאוס'ע ווערטער . . . דער פֿראַנצויז פֿלעגט דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ מאַן, וואָס „האָט ניט געקענט אַ קוק טהאָן אויף אַ פֿרוי, ער זאָל זי ניט בעגעהרען", און אָט די מעשה האָט ער שוין שעהנע עטליכע מאָל דערצעהלט, אַלץ מיט דעם זעלבען ערפֿאָלג. די רוסען זיינען געווען שטאַרק ענטציקט דערפֿון און זיי האָ־בען געלאַכט אָהן אויפֿהער, בעת ער האָט עס דערצעהלט. זייער פֿרייד איבער די אויסגעלאַסענע געשיכטע איז געווען אַזוי אויפֿריכטיג ווי ביי קינדער. זיי פֿלעגען פֿערקרימען דעם מויל און זיך אַרומוואַרפֿען פֿאַר אויפֿרעגונג אין די בעטלאַך אַהין און אַהער. „נאַ, און דאַן?" האָבען זיי געהאַלטען אין איין פֿרעגען. „וואָס איז ווייטער געווען?" און דאָך

האָבען זיי געוואוסט אַקוראַט ווי מיר אַלע, ווי אַזוי אַלעס איז צוגע־גאַנגען.

וואַן טאַצעל ווידער איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי גליקליך, ווען ער האָט דערצעהלט זיין געשיכטע; זעלטען ווען מיר האָבען זי געקענט אויסהערען. מיר האָבען איהם אַזוי שלעכט פערשטאַנען, ער האָט גע־קענט אַזוי וועניג ענגליש, און דערצו האָט ער נאָך פערדרעהט דאָס ביסעלע, וואָס ער האָט געקענט אויך. אז ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און איז פּלוצלינג געבליבען שטעקען אין מיטען, האָט ער זיך אומגעקוקט צו אונז אַלעמען מיט זיין פערצווייפעלטען פּנים און האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אַרויסצוקריכען. ס'איז ווירקליך געווען אַ רחמנות אויף איהם.

וואַן טאַצעל איז געווען דער עלטסטער פון די האָלענדער, אַן אַלט פּערד, טויבליך, אָבער אַזוי אַ גאַנץ גוטער און פריינדליכער מענש. ער האָט שטענדיג געטראָגען שטיקער וואַטע אין די אויערן, זומער און ווינ־טער, גרויסע שטיקער וואַטע, וועלכע זיינען פון אַלטקייט און אומריינקייט געווען גאַנץ געל. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוועהנליך אומגעלומ־פּערטע געשטאַלט. דער ים האָט איהם געמאַכט פאַר אַ קליין קינד און ער האָט ניט געקענט בעגרייפען קיין שום זאַך, וואָס איז געווען אַביסעל ווייטער פון זיין שפּיץ נאָז. ליגענדיג אין זיין בעטעל, פלעגט ער רויכערן זיין שטאַרקען טאַבאַק, האַלטען אין איין שפּייען, און ער פלעגט כסדר אָנפאַנגען זיין ערצעהלונג אויף אַזאַ מין אופן:

„ס'איז געווען אַמאָל אָבענד־צייט אין אַמסטערדאַם," האָט ער גע־זאָגט, „ס'איז געווען אַן אָבענד אין אַמסטערדאַם. כ'האָב גראָד דעמאָלט זיך אָבגעבעטען אויף עטליכע טעג, און עס איז געווען מיין לעצטער אָבענד אויף דער יבשה. כ'קען זיך ניט דערמאָנען, וויפיעל אַזייגער ס'איז געווען, נאָר ס'איז שוין געווען זעהר שפּעט," האָט וואַן טאַצעל געזאָגט. „איך בין נור וואָס געווען אַרויסגעקומען פון אַ ביערהויז און האָב זיך געלאָזט געהן צום שיף, פאַלט מיר איין, צוערשט פערקאַטשען די הויזען מיינע. כ'קען זיך נאָך דערמאָנען, אַז איך האָב געמאַכט צוויי קנייטשען אויף יעדע הייז. אָבער נאָך אַלעמען בין איך געווען אַזוי שכור, אַז איך בין בשעת'ן פערקאַטשען די הויזען געפאַלען אויף די קניע. דאַן האָב איך זיך אויפגעהויבען און בין צוגעגאַנגען ביז צו דער לעאָפאָלד־גאַס. מיט אַמאָל האָט פּאַסירט עפּעס — עפּעס, וואָס האָט מיך אַ פּאַק געטהאָן. מחמת איך בין שוין מעהר ניט שכור געווען, בעת איך האָב זי דערזעהן; זי איז געווען גאַנץ נאָהענט הינטער מיר

אין מיטען גאַס — איהר קענט מיר גלויבען צי ניט, נאָר ס'איז געווען אַ דאַמע."

דער אַלטער נאָר זעצט זיך אויף אין זיין בעטעל און קוקט אונז אָן. „אַ פֿיינע דאַמע!" זאָגט ער. און ווייטער געהט עס ניט. זיין ענגליש גרייכט ניט ווייטער, ער קומט ניט פֿון פֿלעק.

„וואָס זשע, מאַקע אַן אמת'ע דאַמע איז דיר נאָכגעגאַנגען אויף די גאַסען פֿון אַמסטערדאַם?" פֿרעגט דער „דאָקטאָר", צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ פֿון זיין בעטעל.

„יאָ, אַ דאַמע!" זאָגט ער ענטציקט און אַ געלעכטער צוגיסט זיך איהם איבער'ן גאַנצען געזיכט. דערביי צוקאָכט ער זיך אַזוי שטאַרק, אַז ער ווידערהאָלט עס אַ פּאָר מאָל, און מיר ווערן אַלע שיער ניט צו־פּלאַצט פֿון געלעכטער. ער פּרואווט ווייטער דערצעהלען, נאָר ער בלייבט ווידער שטעקען אין מיטען; ס'איז איהם ניט מעגליך, צו קומען אַ טריט ווייטער. ער מוטשעט זיך אָב דעם אַלטען מוח זיינעם, שטריינגט זיך מורא'דיג אָן צו געפֿינען אַ וואָרט, וואָס זאָל אונז קענען קלאָהר מאַכען דעם עסק; אָבער ער שווייגט שטיל ווי אַ קאָטינקע. עפּעס ווילט זיך איהם אַזוי שטאַרק, זיך אויסריידען גראָד איבער דעם דאָזיגען ענין; און פּלוצלינג, ווען ער ווערט אין גאַנצען איבערוועלטיגט פֿון דער ער־אינערונג מכח דער דאָזיגער דאַמע, און אוים פֿערצווייפֿלונג וואָס ער קען זיך ניט אויסדריקען, דערלאַנגט זיך אַ גאָס אַרוים פֿון איהם אַ גרויסער שטראָם מיט וואונדערליכע ווערטער אין זיין אייגענער שפּראַך, וואָס קיין איינציגער פֿון אונז קען ניט פֿערשטעהן, אַחוץ זיין לאַנדסמאַן, וועלכער ליגט און כראָפּעט דאָרט אין'ם אַנדערן בעטעל.

דאָס איז געווען וואָן טאַצעל'ס געשיכטע, די איינציגע, וואָס ער האָט געקענט, און וועלכע האָט זיך תמיד דאָ געענדיגט. מיר האָבען זי אַזויפֿיעל מאָל געהערט. זי האָט זיך כסדר אָנגעפֿאַנגען אויף דעם זעלבען אופן מיט דעם אָבענד אין אַמסטערדאַם. ס'איז געווען אַ גלויבליכע מעשה, און קיינער פֿון אונז האָט ניט געצווייפֿעלט דעריין.

דערנאָך זיינען מיר געלעגען אַ ווילע און זיך פֿערטראַכט מכח די דאָזיגע ערצעהלונגען, בעת ווען דער ים אויף דרויסען האָט געליאַרעמט. דער לאָמפּ האָט זיך אַרומגעוואָרפֿען אַהין און אַהער אין זיין מעשענעם רינג און די וואַך־לייט מיט זייערע הילצערנע שיך האָבען אונז אויבען געקלאַפּט איבער'ן קאָפּ. דאַן איז געקומען די נאַכט . . .

נאָר צייטענווייז פֿלעג איך זיך אויפֿכאַפּען אַרום האַלבע נאַכט, האַלב דערשטיקט פֿון דער שווערער לופֿט פֿון אָט דעם גאַנצען פּאַק

מענשענפלייש, וואָס האָט זיך געקאַטשעט אין ווילדע חלומות און אַראָב־געשאַרט די קאָלדרעס פון זיך. דער לאָמפּ האָט אַראָבגעשיינט אויף די אומגעלומפּערטע קערפּערס אין די גראָע וואָלגנע העמדער. די רוסען מיט זייערע פּאָר לאַנגע בערד האָבען אויסגעזעהן ווי שלאָפענדע ים־הינט, און זייערע דיקע, נאַקעטע פיס האָבען אויסגעקוקט ווי גרויסע לאַנגע האַנד־שוה.

פון יעדען בעטעל האָבען זיך געלאָזט הערען קרעכצען און האַלבע ווערטער; די נעגער זיינען געלעגען און האָבען אויסגעשטשירעט זייערע ווייסע צייהנער און גערעדט הויך אויף׳ן קול, אָנגערופען א נאָמען און אָנגעבלאָזען די שוואַרצע באַקען זייערע.

פון דעם יונגען האָלענדער׳ס בעטעל האָט מען אַלע ווילע געקענט הערען מיט אַ לאַבענדיגען ניגון דעמזעלבען נאָמען, און צווישען דעם אַ בראָפּעריי און אַ שטיל געוויין — דעם נאָמען פון דעם קאַפּיטאַן׳ס פרוי. אַלע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט איהר. אָט די מיאוס׳ע חיות האָבען זאָגאַר אין שלאָף גערעדט פון איהר, יעדער איינער אין זיין שפּראַך. זיי זיינען געלעגען און געבראָפּעט מיט פערמאַכטע אויגען און האָבען אַרויסגעבורטשעט די אונפערשעהמטעסטע ווערטער, און געשמיי־כעלט און די צונג אַרויסגעשטעקט. נאָר וואָן טאַצעל איז זיך געשלאָפען רוהיג, געזונד און פריעדליך, ווי אַ שטומע חיה.

דער שאַרפער ריח פון דער קאַיוטע, דער רויך פון טאַבאַק, דער גערוך נאָך שוויצענדע מענשען און נאָך די פיש, — דאָס אַלעס האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם און איז געוואָרען אַ שווערער, דריקענדער רויך, וואָס האָט זיך געלייגט אויף מיינע אויגען, אַזוי גיך ווי איך האָב זיי געעפענט. און איך בין ווידער אַנשלאָפען געוואָרען, און אַן אונגע־הייער גרויסע בלום האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף מיר אַזוי ווי אַן אַלפּ און האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף מיר און מיך אַריינגעזויגען אין איהרע נאַסע בלעטער, האָט מיך דערשטיקט, רוהיג און זיכער, לאַנגזאַם און שטילערהייט. און איך האָב מעהר ניט געוואוסט פון דער וועלט . . .

דאַן איז געקומען די וואַך און האָט מיך אויפגעוועקט.

דער פּארטראג.

איך האָב געוואָלט אין דער שטאָדט דראַמען האַלטען אַ פֿאָרטראַג איבער ליטעראַטור. כ'האָב בעשלאָסען אויף אַזאַ'ן אופן זיך צו פֿער־שאַפֿען אַן איינגאַהמע, וועלכע איך האָב זעהר נייטיג געדאַרפֿט, און דאָס האָט דאָך געקענט געמאַכט ווערן, אָהן צופֿיעל אָנשטריינגונגען פֿון מיין זייט. אין אַ שעהנעם טאָג סוף זומער בין איך אַלזאָ געזעסען אין אַ צוג אויף'ן וועג אין דער דאָזיגער גוטער שטאָדט. ס'איז געווען אין יאָהר 1886.

כ'האָב קיין לעבעדיגען נפש ניט געקענט אין דראַמען, און קיינער האָט מיך ניט געקענט. אין דער צייטונג האָב איך מיין פֿאָרטראַג אויך ניט אַנאָנסירט, אָבער אָנהויב זומער, ווען איך האָב געהאַט אַביסעל געלד, האָב איך זיך געהאַט אָבגעדרוקט פֿינף הונדערט וויזיט־קאַרטען, און די דאָזיגע האָב איך אַצונד געוואָלט צוטהיילען אין האָטעלען, רעס־טאָראַנען און גרעסערע געשעפֿטען, כדי דעם עולם אויפֿמערקזאַם צו מאַכען אויף מיין קומען. די קאַרטען זיינען אפילו ניט געווען אין גאַנצען נאָך מיין געשמאַק; מיין נאָמען איז געווען שלעכט געדרוקט, אָבער מיט אַביסעל גוטען ווילען האָט מען דאָך געקענט אויסגעפֿינען, אַז דאָס בין איך. און אַחוץ דעם איז מיין נאָמען געווען אַזוי אַבסאָלוט אונבעקאַנט, אַז אַ גרייז האָט ניט געקענט מאַכען קיין אונטערשיעד.

בשעת איך בין געזעסען אין צוג, האָב איך געמאַכט אַ רעכנונג, ווי עס האַלט מיט מיינע פֿינאַנצען. דאָס האָט מיך אויף קיין פֿאַל ניט אַראָבגעשלאָגען פֿון מוטה. כ'בין שוין געוואוינט געווען דערצו איבער־צוקומען פֿיעל הינדערניסען מיט ווייניג אָדער אויך גאָר אָהן געלד. דעם אמת זאָגענדיג, בין איך אויך איצט ניט געווען רייך גענוג, אום אויפֿ־צוטרעטען אין דער פֿרעמדער שטאָדט ווי ס'האָט זיך געפּאַסט פֿאַר מיין עסטהעטישען פּלאַן, אָבער מיט אַביסעל שפּאָרזאַמקייט, האָב איך זיך געטראַכט, וועל איך שוין ווי עס איז דורכפֿיהרען מיין אונטערנעהמונג.

קיין גרויסע צערעמאָניעס! וואָס איז שייך צום עסען, קען איך אָבענד־צייט, ווען עס ווערט פינסטערליך, זיך אַראָבכאַפּען אין די קעלערן און דאָרט עפּעס אָבעסען, און מכח אַ האָטעל האָב איך געהאַט בדעה אַריינצופאָהרען אין אַ „לאָזשי פאַר רייזענדע". און וואָס נאָך פאַר אויסגאַבען האָב איך דען געהאַט?

איך בין געזעסען אין צוג און האָב שטודירט מיין פּאָרטראַג. כ'האָב געוואָלטריידען איבער אַלעקסאַנדער קיעלאַנד.

מיינע מיטרייזענדע, עטליכע פרעהליכע בויערן, וועלכע זיינען געווען אין קריסטיאַניאַ, האָבען געטרונקען פון אַ פלאַש, וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט אין קרייז פון איינעם צום אַנדערן; זיי האָבען מיר אויך אָנגעבאָטען אַ טראָפּען, אָבער איך האָב זיך מיט דאַנק אָבגעזאָגט דערפון. אויך שפּעטער האָבען זיי, אויף'ן שטייגער פון שכור'ע און פרעהליכע לייט, געמאַכט אַלערליי פערזוכען זיך צוצושאַרען צו מיר, אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזט. ענדליך האָבען זיי פערשטאַנען פון מיין נאַנצער האַלטונג, אַזוי ווי פון די נאָטיצען, וועלכע איך האָב געמאַכט, אַז איך בין אַ געלערענטער מאַן, וועמעס קאָפּ איז פול מיט אַלערליי זאַכען, און זיי האָבען מיך צורוה געלאָזט.

אָנקומענדיג קיין דראַמען בין איך אַרויס פון צוג און האָב צוגעטראָגען מיין טשעמאָדאַן צו אַ באַנק. כ'האָב זיך געוואָלט אַביסעל בעטראַכטען, איידער איך געה אַריין אין שטאָדט. דעם טשעמאָדאַן האָב איך אייגענטליך גאָר ניט געדאַרפט, כ'האָב איהם נור מיטגענומען, ווייל איך האָב געהערט, אַז עס איז לייכטער אַריינצוקומען און צוריק אַרויסצוקומען פון אַ לאָדזשי, ווען מען האָט זאַכען מיט זיך. אָט דער קלעגליכער טשעמאָדאַן איז אָבער געווען אַזוי אַלט און אָבגענוצט, אַז ער איז ניט געווען גוט גענוג זאָגאַר פאַר אַ רייזענדען ליטעראַט, בעת ווען מיינע קליידער, אַ טונקעל־בלויער זשאַקעט־אַנצוג, האָבען אויסגעזעהן עטליכע גראַדען אָנשטענדיגער.

אַ האָטעל־דיענער מיט בוכשטאַבען אויף'ן היטעל איז צוגעקומען צו מיר און האָט געוואָלט טראָגען דעם טשעמאָדאַן.

איך האָב זיך ענטזאָגט דערפון. כ'האָב ערקלעהרט, אַז דערווייל האָב איך נאָך קיין זאַך ניט בעשלאָסען מכח אַ האָטעל, כ'וויל זיך נור זעהן מיט עטליכע רעדאַקטאָרען אין שטאָדט, איך האָב בדעה צו האַלטען פּאָרטרעגע איבער ליטעראַטור.

נו, אָבער אַ האָטעל מוז איך דאָך האָבען, ערגעצוואו מאַכען טוו איך דאָך? זיין האָטעל איז גאָר אָהן צווייפעל דאָס בעסטע אין שטאָדט.

עלעקטרישע גלעקלאַך, וואַנעס, אַ לעזע־צימער. „ס'געפינט זיך דאָ ניט וויים, אָט די גאַס אַרויף, דאַן גלייך לינקס."

ער האָט אָנגענומען מיין טשעמאָדאַן.

כ'האָב אידם אָבגעהאַלטען.

צי איך וויל מיין געפעק אַליין טראָגען אין האָטעל?

יאָ, נאַטירליך. צופעליגערווייזע געה איך דעם זעלבען וועג ווי מיין געפעק, אַזוי אַז איך קען עס אויפהייגען אויף'ן קליינעם פינגער פון מיין האַנד, און עס וועט מיר נאָכגעהן.

דאָ האָט מיך דער מאַן אָנגעקוקט און פלוצלינג בעגריפען, אַז איך בין ניט קיין פיינער הערר. ער האָט זיך ווידער אָוועקגעשלעפט צום צוג און געזוכט אַנדערע פּאַסאַזשירען. אָבער אַזוי ווי ער האָט קיינעם ניט געקענט געפינען, איז ער צוריקגעקומען צו מיר, כדי פון דאָס ניי מיט מיר צו פערהאַנדלען. ענדליך האָט ער זאָגאַר געהאַט אַ טענה צו מיר, אַז ער איז אייגענטליך נור פון מיינעטוועגען געקומען אויף'ן וואָקזאַל.

יאָ, זעהט איהר, דאָס איז נאַטירליך אַ גאַנץ אַנדער זאַך. דער מאַן איז פיליי̆כט געשיקט געוואָרען פון אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געהערט וועגען מיין קומען, פיליי̆כט פון דעם אַרבייטער־פעראיין. עס הערשט אודאי אַ זעהר קאָכעדיג גייסטיג לעבען אין דראַמען, אַ גרויס בעדערפעניש נאָך גוטע פאָרטרעגע, די גאַנצע שטאָדט אין פיבערהאַפטער אויפרעגונג. ווער ווייס, פיליי̆כט שטעהט גאָר דראַמען אין דער הינזיכט העכער פון קריסטיאַניאַ!

„נו פערשטעהט זיך, אַז איהר וועט טראָגען מיינע זאַכען," האָב איך זיך אָבגערופען צו דעם מאַן. „און דאַן פאַלט מיר וואָס איין, מען קען דאָך געוויס קריגען ווין ביי אייך אין האָטעל, ווין צום עסען?"

„ווין? די בעסטע סאָרטען!"

„גוט, איהר קענט געהן. איך וועל קומען שפעטער. כ'וויל נור מאַכען עטליכע בעזוכען אין די רעדאַקציעס."

דער מאַן האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין גאַנץ ערפאַהרען, דערפאַר האָב איך ביי איהם געפרעגט אַן עצה:

„וועמען פון די רעדאַקטאָרען וואָלט איהר מיר רעקאָמאַנדירט? איך האָב קיין חשק ניט זיך צו זעהן מיט אַלע."

„אַרנטסען איז דער בעריהמטעסטער, אַ פיינער מאַן. צו איהם געהען אַלע."

* * *

רעדאַקטאָר אַרנטסען איז נאַטירליך ניט געווען אין דער רעדאַקציע; אָבער איך בין אַוועק צו איהם אַהיים. כ'האָב איהם פאָרגעלייגט מיין פּלאַן, ס'האַנדעלט זיך וועגען ליטעראַטור.

יאָ, דאָ איז פאַרהאַן אַזוי ווייניג פערלאַנג פאַר אַזעלכע זאַכען. פאַר־אַ־יאָהרען איז דאָ געווען אַ שוועדישער סטודענט און האָט גערעדט איבער דעם אייביגען פריעדען, אָבער ער האָט דערביי צוגעלייגט געלד.

„איך וויל רעדען איבער ליטעראַטור," האָב איך געזאָגט.

„יאָ, דאָס האָב איך נאַטירליך פערשטאַנען," האָט דער רעדאַקטאָר געענטפערט. „אָבער איך וויל אייך דאָך אויפמערקזאַם מאַכען דערויף, אַז איהר וועט אויך דערביי צולייגען."

נאָך דערביי צולייגען! הערר אַרנטסען איז גרויסאַרטיג. ווער ווייס, פיליייכט דיינקט ער גאָר, אַז איך פאָהר אַרום פאַר אַ פירמאַ? כ'האָב געזאָגט קורץ:

„ווייסט איהר אפשר, צי דער גרויסער זאַאַל פון דעם אַרבייטער־פעראיין איז ליידיג?"

„ניין," האָט דער רעדאַקטאָר געענטפערט. „דער אַרבייטער־פעראיין איז פערדונגען אויף מאָרגען אָבענד. דאָרט וועלן געמאַכט אַנטי־ספּירטיסטישע קונצשטיק. אויסערדעם זיינען דאָרט פאַרהאַן אַפען און ווילדע חיות. פון אַנדערע זאַאַלען קען איך אייך נור פאָרשלאָגען דעם פּאַרק־פּאַוויליאָן."

„וואָלט איהר מיר רעקאָמאַנדירט אָט דעם זאַאַל?"

„ס'איז אַ גרויסער, לופטיגער זאַאַל. דער פּרייז? יאָ, וועגען דעם ווייס איך גאָרנישט, אָבער איהר וועט איהם זיכער קריגען זעהר ביליג. איהר מוזט ריידען מיט דער פערוואַלטונג."

כ'האָב זיך ענטשלאָסען צו נעהמען דעם פּאַרק־פּאַוויליאָן. דאָס איז דער פּאַסענדער פּלאַץ. די זאַאַלען פון די אַרבייטער־פעראיינען זיינען געוועהנליך קליין און אונבעקוועם. ווער איז אין דער פערוואַלטונג?

אַדוואָקאַט קאַרלסען, קירזשנער ה. און בוכהענדלער וו.

כ'האָב זיך אַוועקגעלאָזט צו אַדוואָקאַט קאַרלסען. ער האָט גע־וואוינט אַרויס פון שטאָדט, איך בין געגאַנגען און געגאַנגען, און ענדליך האָט גענומען אַ סוף צום וועג. כ'האָב איהם ערקלעהרט דעם צוועק פון מיין קומען און געבעטען, מיר צו פערדינגען דעם פּאַרק־פּאַוויליאָן. דער זאַאַל מוז זיין זעהר צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ זעלטענע אונטערנעהמונג ווי אָט די ליטעראַרישע פאָרטרעגע.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך מישב געווען אַ ווײַלע, אָבער דאַן האָט ער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

ניט? איז דען דער זאַאַל אַזוי גרויס? עס וואָלט דאָך געווען אַ צרה, ווען דער עולם זאָל זיך מוזען אומקעהרען אַהיים צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ!

דער אַדוואָקאַט האָט זיך גענויער ערקלעהרט. ער קען מיר נור אָבראָטהען פון דעם גאַנצען פּלאַן. דאָ איז פאַרהאַן אַזוי ווייניג אינ־טערעס פאַר אַזעלכע זאַכען, אַ שוועדישער סטודענט האָט אויך געוואָלט האַלטען פאָרטרעגע — —

„יאָ, אָבער דער האָט גערעדט איבער'ן אייביגען פריעדען,“ האָב איך געענטפערט, — און איך וויל ריידען איבער ליטעראַטור, איבער שעהן־ליטעראַטור.“

„אַחוץ דעם זייט איהר געקומען אין אַ זעהר ניט גינסטיגע צייט,“ האָט הערר קאַרלסען ווייטער געזאָגט. „ס'איז גראָד אַנאָנסירט אַן אַנטי־ספּיריטיסטישע פאָרשטעלונג אין אַרבייטער־פעראיין, און דאָרט זיינען פאַרהאַן אַפען און ווילדע חיות —“

דאָ האָב איך אַ שמייכעל געטהאָן און אָנגעקוקט דעם מאַן. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז ער מיינט דאָס, וואָס ער זאָגט, און איך האָב זיך לחלוטין מיאש געווען פון איהם.

„וויפיעל ווילט איהר האָבען פאַר'ן פּאַרק־פּאַוויליאָן?“ האָב איך קורץ און שאַרף אַ פרעג געטהאָן.

„אַכט קראָנען,“ האָט ער געענטפערט. „איבעריגענס קען דער פּאַרק־פּאַוויליאָן ניט פערדונגען ווערן, איידער עס ווערט פאָרגעבראַכט און בעשלאָסען ביי דעם פערוואַלטונגס־ראַטה. אין אַ פּאָר טעג אַרום קענט איהר האָבען אַ בעשטימטען ענטפער, אָבער איך דיינק, אַז איך קען אייך שוין איצט פערשפּרעכען דעם זאַאַל.“

כ'האָב געמאַכט אַ בליץ־שנעלען חשבון: די צוויי וואָרט־טעג האָב איך בערעכענט אויף דריי קראָנען, דער פּאַרק־פּאַוויליאָן קאָסט אַכט, דאָס זיינען עלף, דער בילעט־פערקויפער וועט קריגען אַ קראָן, דאָס איז אַ סך הכל פון צוועלף קראָנען. פיער און צוואַנציג צוהערער צו פופציג ערע קענען אַלזאָ דעקען די הוצאות, די איבעריגע הונדערט אָדער צוויי הונדערט מענשען, וועלכע וועלען זיך דאָרט געפינען, וועלען אַלזאָ זיין ריינער פּראָפיט!

כ'בין איינגעגאַנגען דערויף. דער פּאַרק־פּאַוויליאָן איז געווען גע־דונגען.

* * *

כ'האָב געפֿונען דעם האָטעל און איך בין אַריינגעגאַנגען. אַ מיידעל האָט געפֿרעגט:

„פֿערלאַנגט דער העדר אַ צימער אויף'ן ערשטען אָדער צווייטען שטאָק?"

כ'האָב געענטפֿערט רוהיג און אָהן צערעמאָניעס:

„איך וויל אַ ביליג צימער, דאָס ביליגסטע, וואָס איהר האָט."

דאָס מיידעל האָט מיך אָבגעמאָסטען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. וואָס זשע, כ'בין הייסט עס, אַ ליץ, וואָס מאַכט זיך אַ פֿערגניגען דערפֿון, צו ריידען פֿון אַ ביליגען צימער? בין איך דען ניט דערזועלבער העדר, וואָס האָט זיך נאָכגעפֿרעגט ביי דעם משרת פֿון האָטעל, צי מען קען קריגען ווײן צום עסען? אָדער איך מאַך זיך בכיוון אַזוי בעשיידען, כדי ניט אַריינצוברייגען דעם האָטעל אין אַ פֿערלעגענהייט? זי האָט אויפֿגעמאַכט אַ טהיר. איך האָב אָבגעטראָטען צוריק.

„יאָ, דאָס דאָזיגע צימער איז פֿריי," האָט זי געזאָגט, — „דאָס איז בעשטימט פֿאַר אייך. אייערע זאַכען זיינען שוין דאָ. זייט אַזוי גוט."

דאָ איז ניט געווען קיין אויסוועג. איך בין אַריינגעגאַנגען. ס'איז געוועזען דער פֿיינסטער סאַלאָן פֿון האָטעל.

„וואו איז דאָס בעט?"

„דאָרט — אַ שלאָפֿבאַנק. מיר קענען דאָ ניט אַוועקשטעלען קיין בעט. אָבער דאָס זאָפֿאַ ווערט ביינאַכט אויסגעצויגען, דאַן ווערט עס אַ בעט."

דאָס מיידעל איז אַוועק.

ס'איז מיר געוואָרען זעהר ניט גוט אויף'ן האַרצען. און דאָ איז געשטאַנען מיין קלעגליכער טשעמאָדאַן אין אָט דער גרויסאַרטיגער אומגעבונג! און מיינע שיך האָבען אויסגעזעהן ביז נאָך דער לאַנגער וואַנדערונג אויף'ן שאָסע. הקיצור, איך האָב געפֿלוכט.

אין דער רגע שטעקט דאָס מיידעל אַריין דעם קאָפּ דורך דער טהיר און פֿרעגט:

„ווינשט דער העדר וואָס עס איז?"

גרויסער גאָט, אַפילו אַ קורצען פֿלוך קען איך ניט אַרויסברייגען פֿון מויל, און דערביי ניט געשטערט ווערן פֿון אַ גאַנצע מחנה משרתים און דיענסטען!

„ניין," האָב איך געענטפֿערט בייז. „יאָ, — ברייגגט מיר צוויי שטיקלאַך ברויט מיט פּוטער."

זי האָט מיך אָנגעקוקט.

„גאָר קיין וואָרעמס ניט?"

„ניין."

דאָ האָט זי פֿערשטאַנען — — **דער מאָגען. — — ס'איז דער** פֿריהלינג — — איך האָב מיין פּעריאָדע. — —

אַז זי איז צוריקגעקומען מיט די ברויט מיט פּוטער, האָט זי אויך מיטגעבראַכט אַ וויין־קאַרטע. די גוט־איינגעשטודירטע בעשעפֿעניש האָט מיר דעם גאַנצען אָבענד קיין רוה ניט געגעבען:

„איהר ווילט פֿילייכט, איך זאָל אייך אָנוואַרעמען אייער בעט? דאָרט איגעווייניג איז די וואַנע, אויב איהר —"

ווי ס'האָט נור אָנגעהויבען טאָגען, האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט נער־וועז און זיך גענומען אָנטהאָן. ס'האָט מיך געוואָרפֿען אַ צאָהן אָהן אַ צאָהן פֿון קעלט; נאַטירליך אין די פֿערדאַמטע שלאָפֿבאַנק געווען צו קורץ פֿאַר מיר, און איך בין שלעכט געשלאָפֿען. כ'האָב אָנגעקלונגען. קיינער איז ניט געקומען. ס'האָט נאָך געמוזט זיין זעהר פֿריה, כ'האָב ניט געהערט קיין שום גערויש פֿון גאַס, און אַז איך האָב זיך אַביסעל אַרומגעקוקט, האָב איך דערזעהן, אַז עס איז נאָך ניט געווען גאַנץ ליכטיג אויף דרויסען.

כ'האָב בעטראַכט דאָס צימער, ס'איז געווען דאָס שעהנסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן. פֿינסטערע רעיונות זיינען מיר אַרויף אין מוח, און איך האָב איבער אַ נייעם אָנגעקלונגען. איך בין געשטאַנען ביז די קנעכלאַך אין דעם ווייכען טעפּיך און האָב געוואַרט. איצט וועט מען אַודאי צונעהמען ביי מיר מיינע לעצטע עטליכע גראָשען, פֿילייכט וועלען זיי גאָר ניט קלעקען. אין איילעניש האָב איך אָנגעהויבען מאַכען אַ רעכנונג, וויפֿיעל געלד איך האָב אייגענטליך ביי זיך געהאַט; מיט אַמאָל דערהער איך טריט אין קאָרידאָר און שטעל זיך אָב.

אָבער קיינער איז ניט געקומען. די טריט אין קאָרידאָר זיינען געווען אַן איינבילדונג. כ'הויב אָן פֿון דאָס ניי צו צעהלען. אין וואָס פֿאַר אַ מורא'דיגער אונגעווּיסהייט איך האָב זיך דאָס געפֿונען! וואו איז זי פֿאָרט, דאָס מיידעל פֿון נעכטען אָבענד, מיט דער אויפֿדרינגליכער גרייטקייט צו דיענען? שלאָפֿט זי נאָך, די פֿוילע בריאה, כאָטש עס איז שוין באַלד גרויסער טאָג?

ענדליך איז זי געקומען, האַלב אָנגעטהאָ, נור מיט אַ שאַל אויף די פּלייצעס.

„האָט דער הערר געקלונגען?"

„איך וויל מיין רעכנונג,“ האָב איך געזאָגט אַזוי קורץ ווי מעגליך.

די רעכנונג? יאָ, ס'איז אַביסעל שווערליך זי צו קריגען, די מאַדאַם שלאָפֿט נאָך, דער זייגער איז ערשט האַלב דריי. דאָס מיידעל איז געווען גאַנץ פֿערצווייפֿעלט און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פֿערגליווערטען בליק. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטייגער, אַזוי צו קוקען אויף אַ מענשען! וואָס גערהט עס איהר אָן, וואָס איך וויל אַזוי פֿריה אַוועקגעהן פֿון האָטעל?

„דאָס מאַכט גאָרנישט אוים,“ האָב איך געזאָגט. „איך מוז האָבען די רעכנונג, שוין גלייך.“

דאָס מיידעל איז אַוועק.

זי האָט זיך געזאָמט זעהר לאַנג. דאָס, וואָס האָט נאָך פֿערגרעסערט מיין אונרוהיגקייט, איז געווען די מורא, אַז עס קען דאָך מעגליך זיין, דאָס צימער זאָל גערעכענט ווערן אויף דער צייט, אויף דער שטונדע, און אַז איך שטעה דאָ און פֿערשווענד מיין געלד אויף אַ שענדליכען אופֿן, וואַרטענדיג אומזיסט און אומנישט. איך האָב ניט געהאַט קיין שום ערפֿאַהרונג וועגען דעם ווי עס פֿיהרט זיך אין די גרויסאַרטיגע האָטעלען און אָט די אַרט און וויזע פֿון בערעכענען האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין די פֿערניגפֿטיגסטע. אַחוץ דעם איז לעבען וואַש-טישעל געהאַנגען אַ פּלאַקאַט, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען, אַז אויב אַ צימער ווערט ניט געקינדיגט פֿאַר זעקס אַזייגער אין אָבענד, מוז מען בעצאָהלען פֿאַר אַ נייעם טאָג. דאָס אַלעס האָט מיך אָנגעפֿילט מיט שרעק און מיר אין גאַנצען צומישט מיין שעהן-ליטעראַרישען קאָפּ.

ענדליך האָט דאָס מיידעל אָנגעקלאַפּט אָן מהיר און איז אַריינגעקומען.

קיינמאָל, — ניין, קיינמאָל אין לעבען וועל איך דעם שיקזאַל ניט פֿערגעסען אָט די נאַרישקייט! צוויי קראָנען און זיבעציג ערע, דאָס איז געווען די גאַנצע רעכנונג! אַ קליינינקייט, אַ טרינק-געלד, וואָס איך קען שיינקען דעם מיידעל אויף האָר-נאָדלען! כ'האָב אַ וואָרף געטהאָן עטליכע קראָנען אויף'ן טיש, נאָך איינע. „דעם רעסט קענט איהר האַלטען פֿאַר זיך! ביטע, ביטע, מיין קינד!“

מען האָט דאָך געמוזט וויזען, אַז מען ווייסט ווי אַזוי צו לעבען. שוין גאָר ניט ריידענדיג דערפֿון, אַז דאָס דאָזיגע מיידעל האָט פֿערדיענט אָנערקענונג. אַ זעלטען מיידעל, אַ מענש מיט האַרץ, וואָס איז נעביך אַריינגעפֿאַלען אין אַ האָטעל אין דראַמען, צו דיענען דער מוטהווילליגקייט פֿון די רייזענדע. אַזעלכע פֿרויען ווערן מעהר ניט געבאָרען, די

דאַסע איז אויסגעשטאָרבען. וואָס פֿאַר אַ זאָרג זי האָט דאָס ביז דער לעצטער רגע אַרויסגעוויזען, וויסענדיג אַז זי האָט דאָ צו טהאָן מיט אַ רייכען מאַן!"

„דער משרת וועט טראָגען אייערע זאַכען!"

„גאָט בעהיט! גאָט בעהיט!" האָב איך געענטפֿערט, כדי איהר ניט צו פֿערשאַפֿען קיין מיה. „אַזאַ קליינגקייט ווי אַ טשעמאָדאַן. און נאָך דערצו אַזאַ קלעגליכען טשעמאָדאַן. איהר מוזט וויסען, אַז אָט דער טשעמאָדאַן האָט מיך בעגלייט אויף אַלע מיינע ליטעראַרישע טורען; איך וויל קיין אַנדערן ניט מיטנעהמען, דאָס איז אַזאַ קאַפּריז ביי מיר."

אָבער ס'האָט גאָר ניט געהאָלפֿען, דער הויז־דיענער האָט שוין גע־וואַרט אונטען. ער האָט מיין טשעמאָדאַן איינפֿאַך דורכגעבויערט מיט זיינע בליקען, בשעת איך בין אַרונטערגעקומען. אַך, ווי אַ מאַן קען דאָס אַזוי אָנקוקען אַ טשעמאָדאַן און אַזוי ברענען, איהם צו נעהמען אין זיינע הענד!

„איך וועל אייך בעגלייטען!" האָט ער געזאָגט.

צי האָב איך דען דאָס איבעריגע ביסעל געלד מיינס אַליין ניט נייטיג געהאַט פֿאַר זיך? האָב איך דען געקענט ערוואַרטען וואָס פֿאַר עס איז איינגאַהמע פֿאַר'ן פֿאָרטראַג? אַלזאָ האָב איך געוואָלט מיין טשעמאָדאַן אַליין טראָגען!

אָבער דער משרת האָט איהם שוין געהאַט אין דער האַנד. ס'האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי דער זעהר זאָרגזאַמער מענש וואָלט גאָר דעם רייזע־זאַק ניט בעטראַכט פֿאַר קיין לאַסט, אויך איז געווען קענטיג אויף איהם, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט ערוואַרט קיין שום בעלוינונג דערפֿאַר; ער האָט איהם געטראָגען אַזוי טריי־האַרציג, ס'האָט אויסגעזעהן, אַז ער וואָלט זיך פשוט געקענט מקריב זיין פֿאַר דעם, וואָס האָט אַזאַ טשע־מאָדאַן.

„האַלט!" האָב איך זיך פלוצלינג אָבגערופֿען און בין געבליבען שטעהן. „וואוהין טראָגט איהר אייגענטליך דעם טשעמאָדאַן?"

דאָ האָט דער מאַן אַ שמייכעל געטהאָן.

„דאָס מוזט איהר אַליין בעשטימען," האָט ער געענטפֿערט.

„גאַנץ ריכטיג," האָב איך געזאָגט. „דאָס מוז איך אַליין בעשטימען. איך האָב קיין חשק ניט צו טאַנצען נאָך אייער פֿייפֿעל."

איך האָב אויף קיין פֿאַל ניט געוואָלט, ער זאָל מיר וויטער נאָכ־געהן. מיר זיינען גראַד פֿערבייגעגאַנגען פֿערביי אַ קעלער, אַ „לאָזשי פֿאַר רייזענדע", און אין דעם דאָזיגען קעלער האָב איך איצט געוואָלט

איינשטעהן. אָבער איך האָב ניט געוואָלט, אַז דער משרת פֿון אַ קאָנ־קורירענדען האָטעל זאָל זיין דערביי, כ'האָב געוואָלט איינער אַליין זיך אַרומטער'גנב'ענען אַהין.

כ'האָב אַרויסגענומען אַ האַלבע קראָן פֿון טאַש און עס דערלאַנגט דעם משרת.

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען די האַנד אויסגעשטרעקט.

„איך האָב נעכטען אויך געטראָגען אייער טשעמאָדאַן," האָט ער געזאָגט.

„דאָס האָט איהר פֿאַר נעכטען," האָב איך געענטפֿערט.

„און דאַן האָב איך איהם איצט געטראָגען," האָט ער ווייטער געזאָגט.

דער טייוועל האָט מיך איינפֿאַך אויסגעפלינדערט.

„און דאָס איז פֿאַר היינט," האָב איך געזאָגט און איהם אַ וואָרף געטהאָן נאָך אַ האַלבע קראָן. „און אַצונד האָף איך, אַז איהר וועט זיך אָבטראָגען!"

דער חברה־מאַן איז אַוועק. אָבער ער האָט זיך עטליכע מאָל אומגעקוקט און געוואָלט זעהן וואָס איך טהו.

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ באַנק אין דער גאַס און האָב זיך אַני־דערגעזעצט. ס'איז געווען קאַלטליך, אָבער שפּעטער אַ ווײלע, ווען די זונן איז אויפֿגעגאַנגען, איז געוואָרען בעסער. איך בין אַנשלאָפֿען געוואָרען און האָב אַוראי געמוזט שלאָפֿען אַ היבשע ווײלע; אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, זיינען שוין געווען אַסך מענשען אויף דער גאַס און פֿון פֿערשיעדענע קוימענס איז געגאַנגען אַ רויך. דאַן בין איך אַראָב אין קעלער און האָב זיך פֿערגלייכט מיט דער פֿרוי וועגען אַ לאָושי. כ'האָב געהאַט צו צאָהלען אַ האַלבע קראָן די נאַכט.

* * *

אַז די צוויי וואָרם־טעג זיינען פֿערביי, בין איך ווידער אַריבער צו אַדוואָקאַט קאַרלסען אַרויס פֿון שטאָדט. ער האָט ווידערהוילט זיין עצה, אויפֿצוגעבען דעם פֿאָרטראַג, אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזט איבער־ריידען; אונטער דער צייט האָב איך זאָגאַר געקריגען אַן אַנאָנסע אין אַרענטסען'ס בלאַט, וואו דער אָבענד, אָרט און טהעמאַ זיינען אָנגעגע־בען געוואָרען.

אַז איך האָב גלייך געוואָלט בעצאָהלען דאָס געלד פֿאַר'ן זאַאַל, דורך וואָס איך וואָלט יעדענפֿאַלס געבליבען אָהן אַ גראָשען, האָט אָט דער מאָדערנער מאַן געזאָגט:

„ס'האָט דאָך צייט מיט'ן בעצאָהלען ביז נאָך'ן פּאָרטראַג."

כ'האָב איהם ניט גוט פערשטאַנען און איך האָב זיך געפיהלט בע־לײדיגט.

„וואָס זשע, איהר מײנט אפשר, אַז איך האָב ניט קײן אַכט קראָנען?"

„מײן גאָט, יאָ," האָט ער געענטפערט. — „אָבער אָפען גערעדט, ס'איז דאָך נאָך ניט זיכער, אַז איהר וועט בענוצען דעם זאַאַל, און דאַן דאַרפט איהר דאָך דערפאַר ניט בעצאָהלען."

„איך האָב דעם פאָרטראַג שוין אַנאָנסירט," האָב איך געענטפערט.

ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„דאָס האָב איך געזעהן," האָט ער זיך אָבגערופען. אין אַ ווײלע אַרום האָט ער געפרעגט: „וואָלט איהר גערעדט, אפילו ווען עס זאָלען ניט קומען מעהר ווי פופציג מענשען?"

אין גרונד גענומען האָב איך זיך געפיהלט אַביסעל בעלײדיגט; אָבער איך האָב נאָכגעדײנקט וועגען דעם און געזאָגט, אַז פופציג מענ־שען זײנען נאַטירליך אַ קלײנער עולם, נאָר ניט קוקענדיג דערויף וואָלט איך דאָך גערעדט.

„פאַר צעהן וואָלט איהר אָבער ניט גערעדט?"

דאָ האָב איך זיך צולאַכט אויף'ן קול.

„נײן, ענטשולדיגט. אָבער ס'איז דאָך פאַרהאַן אַ גרענעץ צו אַלצדינג!"

דאַן האָבען מיר מעהר וועגען דעם ניט גערעדט און איך האָב בע־צאָהלט פאַר'ן זאַאַל. מיר האָבען אָנגעפאַנגען רײדען איבער ליטעראַטור. דער אדוואָקאַט האָט מיר שוין ניט אויסגעזעהן אַזוי האָפנונגסלאָז ווי בײ מײן ערשטען בעזוך; ס'איז קענטיג געווען, אַז ער איז אַ מאַן מיט אינטערעסען, אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין פערגלײך מיט מײנע אײגענע זײנען זײנע אַנזיכטען ניט פיעל ווערטה.

אַז איך האָב גענומען אָבשיעד פון איהם, האָט ער מיר געוואונשען אַ פול הויז פאַר מײן פאָרטראַג אויף מאָרגען אָבענד.

איך האָב זיך אומגעקעהרט צוריק אין מײן קעלער, פול מיט די בעסטע האָפנונגען. איצט איז אַלעס געווען גרייט צו דער שלאַכט. שוין דעם זעלבען פאָרמיטאָג האָב איך פאַר אָנדערטהאַלבען קראָנען געדונגען אַ מאַן, אַרומצוגעהן איבער דער שטאָדט און פערשפרײטען מײנע פינף הונדערט וויזיט־קאַרטען. די זאַך איז איצט געווען בעקאַנט אין יעדען הויז.

איך בין אַרײנגעקומען אין אַ געהויבענער שטימונג. דײנקענדיג

וועגען דעם וויכטיגען טאָג, וואָס האָט געדאַרפֿט קומען, איז מיר דאָס אויפֿהאַלטען זיך אין קעלער מיט'ן פּראָסטען עולם געוואָרען אונבעקוועם. אַלע האָבען געוואָלט וויסען, ווער איך בין און פֿאַרוואָס איך וואוין דאָרט. די בעל הבית'טע, די פֿרוי הינטער'ן פֿערקויף־טיש, האָט ערקלעהרט, אַז איך בין אַ געלערענטער מאַן, וואָס זיצט דעם גאַנצען טאָג און שרייבט און שטודירט, און זי האָט געזאָרגט דערפֿאַר, אַז מען זאָל מיך ניט פֿערמוטשען מיט פֿראַגען. זי איז פֿאַר מיר געווען אַ גרויסע הילף. די חברה־לייט, וועלכע פֿלעגען אַריינקומען אַהער אין דעם פּלאַץ, זיינען געווען הונגעריגע נפשות אין בלוזען און פֿערקאַטשעטע אַרבעל, אַרבייטער און לאַסט־טרעגער, וועלכע פֿלעגען זיך אַרונטערלאָזען אין קעלער, כדי צו נעהמען אַ טאָס וואַרעמען קאַפֿע אָדער אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער און קעז. צייטענווייז פֿלעגען זיי ווערן אונאַנגענעהם און מכבד זיין די בעל הבית'טע מיט גראָבע ווערטער, דערפֿאַר וואָס דאָס ברויט איז געווען אַלט־געבאַקען אָדער די אייער צו קליין. ווען זיי האָבען געהערט, אַז איך וועל ריידען אין פּאַרק־פּאַווילאָן, האָבען זיי געוואָלט וויסען, וואָס עס וועט קאָסטען אַ בילעט; עטליכע פֿון זיי האָבען ערקלעהרט, אַז זיי וואָלטען גערן געוואָלט הערען מיין רעדע, אָבער אַ האַלבע קראָן איז צופֿיעל, און זיי האָבען זיך אַנגעהויבען דינגען מיט מיר וועגען דעם פּרייז.

כ'האָב זיך פֿאַרגענומען צו זיין קאַלטבלוטיג און זיך ניט מאַכען קיין פֿערדרוס פֿון די דאָזיגע מענשען; זיי פֿעהלט דאָך יעטוועדע בילדונג.

אַ הערר האָט געוואוינט אין אַ צימער לעבען מיר. ער האָט גע־רעדט אַ שרעקליכע שוועדיש־נאָרוועגישע שפּראַך, און די בעל הבית'טע האָט איהם גערופֿען הערר דירעקטאָר. אַז דער דאָזיגער מאַן פֿלעגט אַרונטערקומען מיט גדלות צו אונז אין קעלער, פֿלעגט ער אַרויסרופֿען די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט, צווישען אַנדערעס, ווייל ער פֿלעגט אי־מער מיט זיין טאַשענטיכעל אַראָבקלאַפּען דעם שטויב פֿון שטוהל, איידער ער האָט זיך אַנידערגעזעצט. ער איז געווען אַ פֿיינער מאַן מיט טייערע געוואוינהייטען; אַז ער האָט געוואָלט האָבען ברויט מיט פּוטער, פֿלעגט ער יעדעס מאָל פֿערלאַנגען „פֿריש ברויט מיט דער בעסטער פּוטער".

„איהר זייט דאָס דער הערר, וואָס וויל האַלטען דעם פֿאָרטראַג?" האָט ער מיך געפֿרעגט.

„יאָ, דאָס איז דער הערר!" האָט די בעל הבית'טע געענטפֿערט.

„אַ שלעכטע שפּעקולאַציע," האָט דער הערר דירעקטאָר ווייטער

געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו מיר. „איהר אַנאָנסירט דאָך ניט! האָט איהר דען ניט געזעהן, ווי איך אַנאָנסיר?"

איצט בין איך ערשט געוואָהר געוואָרען, ווער דער הערר איז געוען: דער אַנטי־ספּיריטיסט, דער מאַן מיט די אַפּען און די ווילדע חיות.

„איך אַנאָנסיר מיט פּלאַקאַרדען פון דער גרויס!" האָט ער ווייטער געזאָגט. „איך קלעפּ זיי אָן אויף יעדען גאַסען־ווינקעל, איבעראַל, וואו איך קען נור צוקומען; מיט גאַנץ דיקע בוכשטאַבען. האָט איהר נאָך ניט געזעהן מיינע בוכשטאַבען? עס זיינען אויך דאָ בילדער פון חיות אויף די אַפּישען."

מיין פּאָרטראַג האַנדעלט פון שעהן־ליטעראַטור, האָב איך איינגעווענדעט, — אַלזאָ קונסט, גייסטיגע זאַכען.

„דערויף פייף איך!" האָט ער געענטפערט. און אין זיין חוצפה איז ער געגאַנגען ווייטער: „אַנדערש וואָלט עס געווען, ווען איהר ווילט אָנקומען צו מיר אויף אַ שטעלע. כ'מוז האָבען אַ מאַן, וואָס זאָל קענען ערקלעהרען די חיות, כ'וואָלט אַם בעסטען געוואָלט האָבען דערצו אַ פערמדען מאַן, וועלכער איז ניט בעקאַנט דאָ אין שטאָדט. בעוויזט זיך אַ בעקאַנטער מאַן אויף דער ביהנע, אַזוי שריים דער עולם: „אַך, דאָס איז דאָך פעדערסען! וואָס ווייס דער פון טראָפּישע חיות!"

אין שווייגענדער פעראַכטונג האָב איך זיך אָבגעקעהרט מיט'ן רוקען צום מאַן. איך האָב זיך געהאַלטען צו הויך, צו ענטפערן אויף אַזאַ פרעכהייט.

„איבערלייגט זיך אַקאָרשט גוט וועגען דעם," האָט דער הערר דירעקטאָר געזאָגט. „איבערלייגט זיך און גיט מיר ענטפער. איך וועל צאָהלען פינף קראָנען פאַר יעדען אָבענד."

דאָ האָב איך זיך אויפגעהויבען פון שטוהל, ניט אויסריידענדיג קיין האַלבען וואָרט, און איך בין אַרויס פון קעלער. כ'האָב געפונען, אַז דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס איז מיר איבערגעבליבען צו טהאָן. דער הערר דירעקטאָר האָט נאַטירליך מורא פאַר מיין קאָנקורענץ, איך קען נאָך אָבציהען דאָס גאַנצע פובליקום פון דער שטאָדט; ער וויל אַלזאָ זיך פערגלייכען מיט מיר, מיך אונטערקויפען. קיינמאָל ניט! האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט; קיינמאָל וועט מיך ווער עס איז פערפיהרען, אָבצוקעהרען מיין רוקען צו מיינע גייסטיגע אינטערעסען! מיין וועג איז דער אידעאַלער!

* * *

דער טאָג איז אַריבער און עס איז געקומען דער אָבענד. איך האָב גוט אויסגעבאָרשטען מיינע קליידער, אָנגעטהאָן ריינע וועש און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין צום פּאַרק־פּאַוויליאָן. דער זייגער איז גע־ווען זעקס. מיין פּאָרטראַג האָב איך מיט גרוים חשק איינגעשטודירט, דער קאָפּ איז מיר געווען פול פון די אַלע הויכע און שעהנע ווערטער, מיט וועלכע איך האָב זיך געוואָלט בענוצען, און אין גייסט האָב איך דורכגעלעבט אַ הערליכען ערפאָלג; ווער ווייס, פיליכט וועט זאָגאַר דער טעלעגראַף זיך נעהמען בעוועגען, אום מיטצוטהיילען וועגען דער מלחמה, וועלכע איך האָב דאָ געהאַט בדעה צו פיהרען.

ס'האָט גערעגענט. דאָס וועטער איז גראָד ניט געווען זעהר גינסטיג, אָבער אַ ליטעראַריש פעראיינטערעסירטער עולם וועט זיך דאָך ניט אָב־שרעקען פאַר אַביסעל רעגען. איך האָב בעגעגענט מענשען אויף דער גאַס, איין פּאָרל נאָך'ן אַנדער'ן, וואָס זיינען געגאַנגען אונטער דעם זעלבען רעגענשירם. נאַטירליך האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען, אַז זיי זיינען ניט געגאַנגען אין דערזעלבער ריכטונג וואָס איך, — צום פּאַרק־פּאַוויליאָן. וואוהין געהען זיי פּאָרט? אַך, דאָס זיינען די נידעריגע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, דער פסולת, דער אָבזאַץ, וועלכע לאָזען זיך געהן אין דעם זאַאַל פון אַרבייטער־פעראיין צו די אַפען.

דער בילעט־פערקויפער איז געווען אויף זיין פּאָסטען.

„איז שוין אימיצער דאָ?" האָב איך געפרעגט.

„נאָך ניט," האָט ער געענטפערט, „אָבער ס'איז דאָך נאָך פאַרהאַן אַ גוטע האַלבע שעה ביז'ן אָנפאַנג."

איך בין אַריין אין זאַאַל, אין דעם אונענדליכען פּלאַץ, וואו מיינע טריט האָבען אָבגעקלונגען ווי אַ קלאַפּעריי פון פערד. אַך דו ליעבער גאָט, ווען דאָ וואָלט איצט געזעסען אַן אויספערקויפט הויז, קאָפּ אויף קאָפּ, דאַמען און הערען, וועלכע זאָלען נור וואַרטען אויף'ן רעדנער! — קיין מענשען־זעעלע!

כ'האָב אָבגעוואַרט די לאַנגע האַלבע שעה; קיינער איז ניט גע־קומען. כ'בין אַרויס צו דעם בילעט־פערקויפער און איהם געפרעגט, וואָס ער דיינקט וועגען דעם. זיין מיינונג איז געווען אַביסעל צוריקגע־האַלטען; פונדעסטוועגען האָט זי מיך געטרייסט. דער בילעט־פערקויפער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז היינט אָבענד איז ניט קיין וועטער פאַר אַ פּאָרטראַג, אין אַזאַ שטאַרקען רעגען זיצט דער עולם געוועהנליך אין דערהיים; — איבעריגענס — האָט ער געזאָגט, — קען מען דעם גרעסטען טהייל ערוואַרטען איצט, אין די לעצטע מינוטען.

און מיר האָבען געוואַרט.

ענדליך איז געקומען אַ מאַן, האַסטיג און דורכגענעצט פון רעגען, ער האָט גענומען אַ בילעט פאַר אַ האַלבע קראָן און איז אַריין אין זאַאַל.

„איצט הויבען זיי אָן צו קומען," האָט דער בילעט־פערקויפער געזאָגט און דערביי צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „אַ פערדאַמטע געוואוינהייט פון די לייט, צו קומען מאַסענווייז אין דער לעצטער רגע."

מיר האָבען געוואַרט. קיינער איז מעהר ניט געקומען. ענדליך איז מיין איינציגער צוהערער אַרויס פון זאַאַל און האָט געזאָגט:

„אַזאַ שרעקליך וועטער!"

ס'איז געווען אַדוואָקאַט קאַרלסען.

איצט האָב איך זיך געשעהמט און ווען איך קען, וואָלט איך זיך בעגראָבען אַ לעבעדיגער.

„כ'האָב מורא, אַז היינט אָבענד וועט קיינער ניט קומען," האָט ער געזאָגט; „עס גיסט דאָך ווי מיט צעבערס." ער האָט בעמערקט מיין פערצאַגטע מיענע און האָט צוגעלייגט: „יאָ, כ'האָב עס געזעהן אויף'ן באַראָמעטער, וועלכער האָט זיך צו פלוצלינג אַרונטערגעלאָזט! דערפאַר האָב איך דאָס אייך אָבגעראָטהען פון צו האַלטען דעם פאָרטראַג."

דער בילעט־פערקויפער האָט מיר נאָך אַליין געוואָלט צוגעבען מוטה:

„מיר וועלען פונדעסטוועגען וואַרטען נאָך אַ האַלבע שעה," האָט ער געזאָגט. „עס וואָלט ווירקליך געווען גאַנץ מאָדנע, ווען עס זאָלען סוף כל סוף דאָך ניט קומען נאָך אַ צוואַנציג, דרייסיג מענשען."

„איך גלויב עס ניט," האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט און בעת מעשה האָט ער זיך צוגעקנעפּעלט זיין רעגענמאַנטעל. „דערביי פאַלט מיר וואָס איין," האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, „איהר דאַרפט נאַטירליך נאָרנישט בעצאָהלען פאַר'ן זאַאַל."

ער האָט אַרונטערגענומען דעם הוט, האָט זיך פערנייגט און איז אַוועק.

דער בילעט־פערקויפער און איך האָבען געוואַרט נאָך אַ האַלבע שעה און מיר האָבען זיך גוט דורכגעשמועסט וועגען דער זאַך. ס'איז געווען אַ בעשערטע, אונגליקליכע לאַגע און איך האָב זיך געפיהלט זעהר דערשלאָגען. דערצו האָט נאָך דער אַדוואָקאַט איבערגעלאָזט זיין האַלבע קראָן, וועלכע ער וואָלט נעדאַרפט צוריקקריגען. איך האָב געוואָלט נאָכלויפען דעם מאַן מיט'ן געלד, אָבער דער בילעט־פערקויפער האָט מיך אָבגעהאַלטען דערפון.

„די האַלבע קראַן נעהם איך," האָט ער געזאָגט. „איהר וועט מיר דאַן שולדיג זיין בלויז נאָך א האַלבע."

אָבער איך האָב איהם געגעבען נאָך א גאַנצע קראַן. ער איז געווען געטריי און איבערגעבען אויף זיין פאָסטען און איך האָב איהם געוואָלט ארויסווייזען מיין אָנערקענונג. ער האָט מיר אויך פון גאַנצען האַרצען געדאַנקט דערפאַר, און בשעת ער איז אַוועק האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנד צום אָבשיעד.

אַ דערשלאָגענער האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים. די ענטטוישונג, די שאַנדע האָט מיך כמעט אין גאַנצען פּאַראַליזירט, א צוטומעלטער האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסען און ניט געוואוסט, וואוהין איך בין געגאַנגען. די גרעסטע צרה איז איצט געווען דאָס, וואָס איך האָב מעהר ניט געהאַט, מיט וואָס צו קענען צוריקפאָהרען קיין קריסטיאַניאַ.

דער רעגען האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו גיסען.

איך בין צוגעקומען צו א גרויסע הויז; פון דער גאַס האָב איך געזעהן א בעלייכטעטען אַריינגאַנג, וואו מען האָט פערקויפט בילעטען. ס'איז געווען דער אַרבייטער־פעראיין. פון צייט צו צייט איז אַריין אַ פערבייגעהער, האָט געקויפט אַ בילעט ביים פענסטערל און איז פערשוואונדען דורך די גרויסע טהירען אין זאַאַל. כ'האָב געפרעגט דעם בילעט־פערקויפער, וויפיעל מענשען עס זיינען דאָ אינעווייניג. דאָס הויז איז כמעט אין גאַנצען געווען אויספערקויפט.

דער געמיינער דירעקטאָר האָט מיך מיט גלאַנץ בעזיעגט.

דאַן האָב איך זיך בגנבה אַרונטערגעלאָזט אין קעלער. כ'האָב ניט געגעסען און ניט געטרונקען, נאָר איך בין שטיל־שווייגענדיג געגאַנגען שלאָפען.

אין מיטען נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפט ביי מיר אין טהיר און א מאַן איז אַריין. ער האָט געטראָגען א ליכט אין דער האַנד. ס'איז געווען דער הערר דירעקטאָר.

„ווי איז עס צוגעגאַנגען מיט אייער פאָרטראַג?" האָט ער געפרעגט.

אונטער אַנדערע אומשטענדען וואָלט איך איהם אַרויסגעוואָרפען פון צימער, אָבער איצט בין איך געווען צו שטאַרק דערשלאָגען פאַר אַזאַ דרייסטקייט, און איך האָב איהם אַלוֹא נור געענטפערט, אַז איך האָב דעם פאָרטראַג אויפגעגעבען.

ער האָט געשמייכעלט.

ס'איז נים געווען קיין וועטער פאַר אַ פאָרטראַג איבער שעהן־ליטעראַטור, האָב איך ערקלעהרט. דאָס קען ער דאָך אַליין איינזעהן! ער האָט נאָך אַלץ געשמייכעלט.

„ווען איהר ווייסט, ווי שטאַרק דער באַראָמעטער איז געפאַלען," האָב איך געזאָגט.

„איך האָב געהאַט אַן אויספּערקויפט הויז," האָט ער געענטפערט. איבעריגענס האָט ער שוין מעהר נים געשמייכעלט, נאָר געבעטען ענטשולדיגונג, וואָס ער האָט מיך געשטערט. ער קומט מיט אַ פאָרשלאַג.

זיין פאָרשלאַג איז געווען אַ גאַנץ מאָדנער: ער איז געקומען, מיר פון דאָס ניי אָנבאָטען אַ שטעלע אַלס רעדנער ביי זיינע פאָרשטעלונגען.

איך האָב זיך געפיהלט געקריינקט ביז'ן ביין, און איך האָב איהם גאַנץ ערנסט און בעשטימט געבעטען, ער זאָל מיר מעהר נים אַוועק־רייבען מיין נאַכטליכע רוה.

אָנשטאָט צו געהן, האָט ער זיך מיט'ן ליכט אין דער האַנד אַני־דערגעזעצט ביי מיר אויף'ן בעט.

„מיר קענען דאָך ריידען איבער דער זאַך," האָט ער געזאָגט. ער האָט מיר ערקלעהרט, אַז דער דראַמענער, וואָס ער האָט צוגענומען, כדי צו ערקלעהרען די חיות, איז צו שטאַרק בעקאַנט. ער אַליין — דער דירעקטאָר — האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען ערפאָלג מיט זיינע אַנטי־ספּיריטיסטישע קונצ־שטיק, אָבער דער דראַמענער רעדנער האָט איהם אין גאַנצען קאַליע געמאַכט. „אָך, דאָס איז דאָך ביערן פעדער־סען!" האָט דער עולם געשריען; „וואו האָסט דו גענומען דעם דאַכס?" אָבער ווען ביערן פעדערסען האָט לויט'ן פּראָגראַם ערקלעהרט, אַז דאָס איז נים קיין דאַכס, נאָר אַ היענע פון די אַפריקאַנישע וועלדער, וועלכע האָט שוין אויפגעפרעסען דריי מיסיאָנערען, דאַן האָבען די פערזאַמעלטע גענומען שרייען און ליאַרעמען פאַר כעס, דערפאַר וואָס ער מאַכט זיי צום נאַר. — „איך הויב גאָר נים אָן פערשטעהן, ווי דאָס קומט," האָט דער דירעקטאָר געזאָגט. — „כ'האָב איהם, דוכט זיך, אין גאַנצען אָב־געשוואַרצט דאָס געזיכט און איהם אָנגעטהאָן אַ גרויסען פאַרוק, אָבער נים קוקענדיג דערויף האָבען זיי איהם דאָך דערקענט."

דאָס אַלעס איז מיר גאָר נים אָנגעגאַנגען, און איך האָב זיך אום־געדרעהט מיט'ן פּנים צו דער וואַנד.

„זייט זיך אַקאָרשט גוט מישב וועגען דעם," האָט געזאָגט דער הערר דירעקטאָר, איידער ער איז אַוועק. „פיליינכט וועל איך געהן ביז זעקס קראָגען אַן אָבענד, אויב איהר וועט עס נור מאַכען ווי געהעריג."

ניין, קיינמאָל וועל איך זיך נים אַרונטערלאָזען צו אַזאַ געמיינער בעשעפטיגונג ווי די, וועלכע ער האָט מיר פאָרגעשלאָגען! מען האָט דאָך נאָך אַ געפיהל פון עהרע אין זיך!

* * *

אויף מאָרגען איז דער הערר דירעקטאָר געקומען צו מיר און האָט מיך געבעטען דורכצוקוקען דעם פאָרטראַג וועגען די חיות. אויב איך וויל איהם דאָ און דאָרט פערריכטען און די שפראַך אַביסעל אויסבעסערן, וועט ער מיר דערפאַר געבען צוויי קראָנען.

נים קוקענדיג אויף מיין אַבנייגונג האָב איך די אַרביים דאָך אָנגענומען. דערמיט וועל איך דאָך דעם מאַן אַ טובה טהאָן, און עס איז דאָך געוויסערמאַסען אַן אַרבייט אין דיענסט פון דער ליטעראַטור. אחוץ דעם האָב איך זיך זעהר שטאַרק גענייטיגט אין די צוויי קראָנען. אָבער איך האָב איהם געבעטען צו האַלטען מיין מיטאַרבייטערשאַפט בסוד סודות, קיינער מאָר דערפון נים וויסען.

כ'האָב געאַרבייט דעם גאַנצען טאָג, געמאַכט אַ גאַנץ נייע רעדע פון אָנהויב ביז'ן סוף, כ'האָב אַריינגעלייגט אַסך געפיהל און אַסך וויץ אין דער דאָזיגער בעשרייבונג, כ'האָב זי רייך אויסגעשטאַט מיט בילדער און בין אַלץ מעהר און מעהר הינגעריסען געוואָרען פון מיין אייגענער אַרבייט. ס'איז געווען אַן אמת קונסט־שטיק אַרויסצוברייגען אַזוי פיעל פון אַ פאָר אָרעמע חיות. ארום פאַרנאַכט, ווען איך האָב דעם הערר דירעקטאָר פאָרגעלעזען מיין ווערק, האָט דער דאָזיגער מאַן ערקלעהרט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל אין לעבען אַזאַ מין רעדע נים געהערט. אַזאַ איינדרוק האָט זי אויף איהם געמאַכט. אוים אָנערקענונג האָט ער מיר נעגעבען דריי קראָנען.

דאָס האָט מיך געריהרט און אויפגעמונטערט. כ'האָב אָנגעהויבען שעפען נייע האָפנונג פאַר מיין ליטעראַרישער אויפגאַבע.

„ווען איך וואָלט נור איצט געהאַט אַ טיכטיגען מאַן צו האַלטען די דאָזיגע רעדע!" האָט דער דירעקטאָר געזאָגט. „אָבער אַזאַ מאַן איז דאָ ניטאָ!"

כ'האָב אָנגעהויבען ביי זיך איבערלייגען די זאַך. אין גרונד גענומען וואָלט דאָך דאָס געווען אַ פערדרוס, ווען וואָס פאַר עס איז ביערן פערדערסען זאָל אַריינקריגען אַזאַ אויסערוועהלטע רעדע און זי איבערפיהרען דורך זיין קלעגליכען פאָרטראָגען. דער געדאַנק וועגען דעם האָט מיך נים געלאָזט איינרוהען.

אונטער געוויסע בעדינגונגען וואָלט איך דאָך איינגעגאַנגען צו האַל־טען די רעדע," האָב איך זיך אָבגערופֿען.

דער דירעקטאָר האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו מיר.

„וואָס פֿאַר בעדינגונגען שטעלט איהר? איך צאָהל אייך זיבען קראָנען!"

„יאָ, דאָס איז גענוג פֿאַר מיר. אָבער די הויפּט־זאַך איז, אַז עס מוז בלייבען שטרייננג צווישען אונז ביידען, ווער אייער רעדנער איז."

„דאָס פֿערשפּרעך איך!"

„יאָ, וואָרים איהר פֿערשטעהט דאָך," האָב איך געזאָגט, „אַז פֿאַר אַ מאַן מיט מיין בערוף פּאַסט ניט צו האַלטען קיין פֿאָרטרעגע איבער חיות."

יאָ, דאָס פֿערשטעהט ער.

„דאַן וועל איך עס אַלזאָ טהאָן פֿאַר אייך."

דער דירעקטאָר האָט גערדאַנקט.

אַרום זיבען אַזייגער זיינען מיר צוזאַמען אַוועק אין אַרבייטער־פֿעראיין. איך האָב אַפֿריהער געמוזט אָנקוקען די חיות און זיך אַביסעל צוגעוואוינען צו זייער בעהאַנדלונג.

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די חיות זיינע זיינען בעשטאַנען פֿון צוויי אַפֿען, אַ טשערעפּאַכע, אַ בער, צוויי יונגע וועלף און אַ דאַכס.

מכח די וועלף און דעם דאַכס איז אין מיין ערקלעהרונג קיין וואָרט ניט געוועזן, דערפֿאַר איז אָבער דאָרט געווען אַסך וועגען אַ געוויסער היענע פֿון די אַפֿריקאַנישע וועלדער, וועגען אַ סייבעל און אַ מאַרדער, וואָס זיינען „שוין פֿון דער ביבעל בעקאַנט", און וועגען אַן אונגעהייערן אַמעריקאַנישען גראָען בער. מכח דער טשערעפּאַכע האָב איך געמאַכט דעם גרויסאַרטיגען וויץ, אַז זי איז אַ פֿיינע דאַמע, וועלכע לעבט ניט פֿון קיין אַנדער זאַך, נור פֿון טשערעפּאַכע־זופּ.

„וואו זיינען דער סייבעל און דער מאַרדער?" האָב איך געפֿרעגט.

„דאָ!" האָט געענטפֿערט דער דירעקטאָר און האָט מיר געוויזען די צוויי יונגע וועלף.

„און וואו איז די היענע?"

דאָ האָט ער פּראָסט־פּשוט אָנגעוויזען אויף'ן דאַכס און געזאָגט:

„די היענע איז דאָ!"

איך בין געוואָרען רויט פֿאַר צאָרן און האָב געזאָגט:

„אויף דעם אופֿן געהט עס ניט; דאָס איז שווינדעל! איך מוז

גלויבען אין דעם, וואָס איך וועל זאָגען; דאָס מוז זיין מיין טיעפּסטע איבערצייגונג."

„מיר ווע͏לען זיך דאָך ניט צוקריגען איבער אַזאַ קליי͏ניגקייט," האָט דער דירעקטאָר געזאָגט. ער האָט גענומען די פלאַש מיט בראַנפען, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, און האָט מיר אָנגעבאָטען אַ גלעזעל.

כדי איהם צו ווייזען, אַז איך האָב גאָרנישט געגען זיין פּערזאָן, נאָר בלויז געגען זיין שמוציגען געשעפט, האָב איך גענומען דאָס גלעזעל און עס אויסגעטרונקען. ער אַליין האָט געטרונקען נאָך מיר.

„וואַרפט מיך ניט אַריין אין אַן אונגליק!" האָט ער געזאָגט. — „די רעדע איז אַזוי הערליך, די חיות זיינען אויך ניט שלעכט, ווירקליך ניט; זעהט נור, וואָס פאַר אַ גרויסער בער! איהר האַלט אַקאָרשט איצט די רעדע, דאַן וועט אַלעס זיין גוט."

די ערשטע מענשען האָבען זיך איצט אָנגעהויבען צונויפקומען אין זאַאַל, און דער דירעקטאָר איז וואָס ווייטער געוואָרען אַלץ אונרוהיגער. איך האָב געהאַלטען זיין שיקזאַל ביי מיר אין דער האַנד, און עס איז געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, וואָס איך האָב מיין גרויסע מאַכט בענוצט מיט מאָס. אויסערדעם האָב איך איינגעזעהן די אונמעגליכקייט אין דער קורצער צייט, וואָס איז מיר נאָך געבליבען, צו מאַכען די מאַסע ענדערונגען אין מיין רעדע; אחוץ דעם וואָלט עס געווען פאָלשטענדיג אונמעגליך אַריינצוליי͏גען דאָסועלבע טיעפע געפיהל אין דער בעשרייבונג פון אַ דאַכס ווי אין דער שילדערונג פון'ם לעבען פון אַ שרעקליכער היענע. דורך די ענדערונגען וואָלט אַלזאָ מיין ליטעראַרישע ווערק מעהר פערלירען, ווי איך וואָלט געקענט צוגעבען. דאָס האָב איך געזאָגט דעם הערר דירעקטאָר.

ער האָט אַלעס גלייך פערשטאַנען. ער האָט מיר אָנגעגאָסען נאָך אַ שנאַפּס, און איך האָב אויסגעטרונקען.

די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר אַן אויספערקויפט הויז. דער אַנטי־ספּיריטיסט האָט געמאַכט קונצען, וועלכע קיין טייוועל האָט ניט געקענט פערשטעהן; ער האָט אַרויסגעשלעפּט טאַשענטיכלאַך פון זיין נאָז, ער האָט אַרויסגענומען דעם יונגעל־הערצען ביי אַן אַלטער פרוי פון קעשענע, ביי אַן אַלטער פרוי, וואָס איז געזעסען גאַנץ אונטען אין זאַאַל; אַ טיש האָט ביי איהם אַרומגעטאַנצט איבער'ן דיעל, אָהן דעם ער זאָל איהם אפילו אָנריהרען; צום סוף איז דער הערר דירעקטאָר געוואָרען אַ גייסט און איז פערזונקען דורך אַ שפּאַלט אין דער פּאָדלאָגע. דאָס פּובליקום איז געווען ענטציקט און געקלאַפּט ווי פערריקט מיט די

פּיס. איצט איז געקומען די רייה פֿון די חיות. דער העדר דירעקטאָר האָט זיי אַליין מיט זיינע אייגענע הענד אַרויסגעפֿיהרט, איינע נאָך דער אַנדערער, און איך האָב געדאַרפֿט געבען די ערקלעהרונג דערצו.

מיר איז גלייך אויף׳ן שטעל קלאָר געוואָרען, אַז אַזאַ ערפֿאָלג ווי דער העדר דירעקטאָר וועל איך ניט קענען דערגרייכען; אָבער איך האָב געהאָפֿט, אַז די ווירקליך פֿערשטענדיגע צווישען פּובליקום וועלען האָבען אַן אינטערעס פֿאַר מיין לייסטונג. און אָט די האָפֿנונג האָט ניט גע־טאָרט געמאַכט ווערן צו נישט.

נאָכדעם ווי די טשערפּאַכע איז אַרויסגעפֿיהרט געוואָרען, האָב איך גור געהאַט צו טהאָן מיט חיות פֿון דער יבשה, און איך האָב אַלזאָ אָנגעפֿאַנגען פֿון נח׳ן, וועלכער האָט אַריינגענומען צו זיך אין דער תיבה אַ פּאָר פֿון אַלע חיות, וואָס האָבען ניט געקענט לעבען אין וואַסער. אָבער די פֿאָרשטעלונג האָט ניט געמאַכט קיין רעכטען איינדרוק, דער הומאָר האָט פֿערלאָזען דעם עולם. דער סייבעל און דער מאָרדער זיינען ניט בעוואונדערט געוואָרען ווי געהעריג איז, כאָטש איך האָב דערצעהלט, אין וויפֿיעל פֿון די דאָזיגע טייערע חיות די מלכת שבא איז געווען אָנ־געטהאָן, בעת זי איז געקומען אויף בעזוך צו שלמה המלך. איצט האָב איך על כל פּנים געפֿיהלט, אַז איך האָב גוט גערעדט; דערהיצט פֿון דעם ביבלישען טהעמאַ און די צוויי שנעפּסלאַך איז מיין רעדע געוואָרען פֿאַרבען־רייך און שעהן, איך האָב זיך ניט געהאַלטען ביי מיינע פּאַפּירען און געשאַפֿען גאָר אַ נייעם טעקסט, און אַז איך האָב געענדיגט, האָבען עטליכע שטימען אונטען אין זאַאל אויסגעשריען „בראַוואָ!" און דאָס גאַנצע הויז האָט אַפּלאָדירט.

„דאָרט הינטער׳ן פֿאָרהאַנג שטעהט אַ שנאַפּס!" האָט מיר דער העדר דירעקטאָר צוגעשעפּטשעט.

איך בין אַראָב פֿון דער ביהנע און געפֿונען דעם שנאַפּס. די פֿלאַש איז געשטאַנען דערנעבען. כ׳האָב זיך אַ ווײלע צוגעזעצט אויף אַ שטוהל.

דערווייל האָט דער דירעקטאָר אַרויסגעפֿיהרט אַ נייע חיה און גע־וואַרט אויף מיר. כ׳האָב זיך אָנגעגאָסען נאָך אַ שנאַפּס און זיך ווידער אַנידערגעזעצט. דעם העדר דירעקטאָר איז אַפּנים געוואָרען צו לאַנג צו וואַרטען, האָט ער אַליין אָנגעהויבען אַן ערקלעהרונג אין זיין שרעקליכען קוידערוועלש, און צו מיין שרעק האָב איך דערהערט, אַז ער רעדט וועגען דער היענע; ענדליך האָט ער זיך פֿערפּלאָנטערט און געזאָגט דער דאַכס. דאָ האָט מיך אַ פּאַק געטהאָן אַ גערעכטער צאָרן, איך בין אַרויף אויף

דער ביהנע, כ'האָב אָבגעשטופּט דעם הערר דירעקטאָר מיט'ן אָרם אָן אַ זייט און אַליין גענומען דאָס וואָרט. די היענע איז געווען דער טרומף פון דער פאָרשטעלונג, כ'האָב געמוזט ריידען ווי קיינמאָל ניט פאַר דעם, כדי זי צו ראַטעווען; און שוין גלייך ווי איך האָב זיך נור בעוויזען און אָבגעשטופּט דעם דירעקטאָר מיט מיין אָרם, האָב איך געהאַט דאָס פובליקום אויף מיין זייט. איך האָב דעם הערר דירעקטאָר אין גאַנצען אַרונטערגעמאַכט, כ'האָב געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל אין לעבען קיין היענע אין די אויגען ניט אַנגעזעהן, און איך האָב אָנגעהויבען שילדערן דאָס אונגעצאַהמטע, הפקר'דיגע לעבען פון אַזאַ מין רויב-טהיער. די שנאַפּסען האָבען געווירקט, מיין בעגייסטערונג איז געשטיגען צו אַ שווינדלענדער הויך; כ'האָב אַליין געהערט, ווי מיינע ווערטער זיינען געוואָרען שטאַרקער און רויטער, בעת ווען די היענע איז געשטאַנען לע-בען דעם הערר דירעקטאָר און האָט גערולדיג געפינטעלט מיט איהרע קליינטשינקע אויגעלאַך. „האַלט זי נור פעסט צו!" האָב איך אַ געשריי געטהאָן צום דירעקטאָר. „זי קען נאָך אַ שפּרונג טהאָן, זי לעבצט נאָך מיינע געדערים! האַלט אַקאָרשט אָנגעגרייט דעם פּיסטויל, טאָמער רייסט זי זיך אויס פון אייך!"

דער דירעקטאָר האָט אַוודאי אַליין געמוזט ווערן נערוועז, ער האָט געצויגען די היענע צו זיך, — דער באַנד האָט זיך איבערגעריסען און די חיה האָט זיך אויסגעגליטשט צווישען זיינע פיס. אַ קוויטשעריי פון פרויען און קינדער האָט אָבגעהילכט איבער'ן זאַאַל, אַ העלפט עולם האָט זיך אויפגעהויבען. אין דער רגע איז די שפּאַנונג געווען גרויס. דאָ איז די היענע דורכגעלאָפען די ביהנע און איז אַריין צו זיך אין איהר קליינעם לאָך. דער דירעקטאָר האָט צוגעקלאַפּט די טהיר הינטער איהר מיט אַ גערויש.

מיר האָבען אַלע אָבגעאָטהעמט, און איך האָב געענדיגט מיין פאָר-טראַג מיט עטליכע ווערטער. דאָס מאָל האָבען מיר נאָך גליקליך אָב-געשניטען, האָב איך געזאָגט, און נאָך היינט ביינאַכט מוז מען קריגען אַ שטאַרקע, אייזערנע קייט פאַר דער שרעקליכער חיה. דאַן האָב איך זיך פערנייגט און בין אַרונטער פון דער ביהנע.

דאָ האָט אויסגעבראָכען דער בייפאַל, ער איז געווען געוואַלדיג, ס'האָט גערוישט אין די אויערן פון די אַפּלאָדיסמענטען, און מען האָט געהאַלטען אין איין רופען דעם רעדנער — דעם רעדנער. איך בין אַרויס און האָב זיך פון דאָס ניי פערנייגט, און איך האָב ווירקליך געהאַט אַן

אונגעהייער גרויסען ערפֿאָלג. זאָגאַר דער לעצטער מענש אין זאַאַל האָט נאָך געפּאַטשט ביז דער טהיר.

דער דירעקטאָר איז געווען צופֿרידען, ער האָט מיר פֿון גאַנצען האַרצען געדאַנקט פֿאַר מיין הילף. ער וועט נאָך זיכער אָפּט האָבען א פֿול הויז, האָט ער געזאָגט.

אַז איך בין ארויס פֿון זאַאַל און געוואָלט געהן אַהיים, איז ביי דער טהיר געשטאַנען אַ מאַן און געוואַרט אויף מיר. ס'איז געווען מיין בי־לעט־פֿערקויפֿער פֿון דעם פּאַוויליאָן. ער האָט בייגעוואוינט די פֿאָר־שטעלונג און איז געווען ענטציקט. ער האָט זעהר שטאַרק געריהמט מיין רעדנער־טאַלאַנט, איך טאָר אונטער קיינע אומשטענדען ניט אויפֿ־געבען דעם פֿאָרטראַג אין פּאַרק־פּאַוויליאָן, איצט איז גראָד די צייט איהם צו אַנאָנסירען, איצט, ווען דער עולם האָט געהערט, צו וואָס איך טויג. צום ביישפּיעל אַ ווידערהאָלונג פֿון דער רעדע מכח דער היענע, דער עיקר ווען איך ברייננ נאָך מיט די חיה מיט זיך.

* * *

אָבער דער הערר דירעקטאָר, דער געמיינער בחור, האָט זיך אויף מאָרגען ניט געוואָלט אַרויסרוקען מיט'ן געלד. אויב איך וועל זיך ניט אונטערשרייבען, אַז איך וועל אויך דעם נעכסטען אָבענד אויפֿטרעטען, האָט ער געזאָגט, דאַן וועט ער איבערגעבען די זאַך צום געריכט. דער שווינדלער, דער לומפּ! ענדליך האָבען מיר זיך אויסגעגלייכט מיט גוטען: ער האָט מיר בעצאָהלט פֿינף קראָנען. מיט די דריי, וועלכע ער האָט מיר שוין געהאַט געגעבען, זיינען עס געווען אַכט, און איך האָב איצט געהאַט דאָס רייזע־געלד צוריקצופֿאָהרען קיין קריסטיאַניאַ. אָבער די געשריבענע רעדע האָט ער ניט געוואָלט אָבגעבען צוריק. איבער דעם דאָזיגען פּונקט האָבען מיר זיך לאַנג אַרומגעריסען, ווייל איך האָב גאָר קיין חשק ניט געהאַט איבערצולאָזען ביי איהם די רעדע, ער זאָל זי פֿערשוועכען און אויף א ביליגען אופֿן לאָזען פֿאָרטראָגען. אויף דער אַנדער זייט האָט מען ניט געקענט לייקענען, אַז זי איז זיין אייגענטהום, מחמת ער האָט דאָך דערפֿאַר בעצאָהלט. ענדליך האָב איך נאָכגעגעבען. ער האָט געלייגט אַן אונגעהייער גרויסען ווערטה אויף דער אַרבייט.

„אזא רעדע האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט," האָט ער גע־זאָגט. „נעכטען האָט זיך מיך אַסך מעהר געריהרט ווי וואָס פֿאַר עס איז דרשה."

„יאָ, דאָ קענט איהר אַלזאָ זעהן,“ האָב איך געענטפערט. דאָס איז די מאַכט פון דער ליטעראַטור איבער די געמיטהער.“

דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב איהם געזאָגט. מיט דעם מיטאָג־צוג בין איך צוריקגעפאָהרען קיין קריסטיאַניאַ.

א גאנץ געוועהנליכע פליעג
פון מיטעלער גרוים.

אונזער בעקאַנטשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס איינמאָל, בשעת איך בין געזעסן און געשריבן, איז זי אַריינגעפֿלויגן דורך מיין אָפֿענעם פֿענסטער צו מיר אין שטוב אַריין און האָט גענומען אַרומ־טאַנצן אַרום מיין קאָפּ. אָט אַפֿנים דער שטאַרקער ריח פֿון ספּירט, מיט וואָס מיינע האָר זיינען געווען בענעצט, האָט זי צוגעצויגן. איינ־מאָל נאָך'ן אַנדערן האָב איך אויף איהר די האַנד אויפֿגעהויבן, אָבער ס'זאָל איהר גאָר אָנהויבן אַרען. נו, האָב איך געכאַפּט די פּאַפּיר־שערעל צו איהר.

איך האָב, פֿערשטעהט איהר מיך, אַ שער, איז זי גרויס און שעהן. וואָס טהו איך ניט מיט איהר? דאַרף איך רייניגען מיין פּיפּקע, איז די שער, דאָס פֿייער צושאַרען — די שער, און פֿאַר נוים שלאָג איך מיט איהר אויך אָן די טשוועקעס אָן וואַנד. אין מיין געשיקטער האַנד איז די שער געוואָרען אַ מורא'דיג שטיק געוועהר. איך האָב זי אַ וואָרף גע־טהאָן עטליכע מאָל אין דער לופֿטען, און די פֿליעג איז אַוועקגעפֿלויגען.

אָבער אין אַ ווייל אַרום איז זי צוריקגעקומען און האָט זיך פֿון דאָס ניי גענומען צו איהר טאַנץ. ווער איך דאָך אין כעס, כאַפּ זיך אויף און רוק אָב דעם טיש ווייטער, צו דער טהיר צו. די פֿליעג איז ניט פֿויל און געהט מיר נאָך. טראַכט איך זיך: נו, כ'וועל דיר שוין אָבטהאָן אַ שפּיצעל. און איך בין שטילערהייט אוועק און אויסגעשוויינקט דעם ספּירט פֿון מיינע האָר. האָט עס טאַקע געהאָלפֿען. מיט אַ פֿערטרוי־ערטער מיענע האָט זיך די פֿליעג אַוועקגעזעצט אויף מיין לאָמפּ און זיך פֿון אָרט ניט געריהרט.

אַזוי איז אַריבער אַ שטיקעל צייט. כ'האָב ווייטער געשריבן און פֿאַרטיג געמאַכט אַ היבש ביסעל פֿון מיין אַרבייט. אָבער לאַנג האָט עס אַזוי ניט געקענט געהן. ס'איז מיר געוואָרען אַביסעל מאָנאָטאָן, זיך שטענדיג צו בענעגענען מיט דער פֿליעג, יעדעס מאָל ווען איך הויב

נור די אויגען אויף. איך האָב זיך איינגעקוקט אין איהר; זי איז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע פליעג פון מיטעלער גרויס, פעסט געבויט, מיט גראָע פליגלען. „גיב זיך אַ ריהר אַביסעל!" האָב איך געזאָגט. זי האָט זיך אָבער ניט גערירט. „אַוועק פון דאַנען!" מאַך איך צו איהר, אַ פאָך געבענדיג מיט דער האַנד. האָט זי זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען, איז אַ ווײלע אַרומגעפלויגען איבער'ן צימער און האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף'ן לאָמפ.

פון דער רגע הויבט זיך אייגענטליך אָן אונזער ריכטיגע בעקאַנט־שאַפט. פאַר איהר שטאַנדהאַפטיגקייט, פאַר איהר עקשנות האָב איך געקראָגען דרך ארץ; וואָס זי וויל, דאָס וויל זי. זי האָט מיך אויך גע־ריהרט מיט איהר אויסדרוק; דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטען אָנגעבויגען אָן אַ זייט און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ טרויעריגען בליק. אונזערע געפיהלען זיינען געוואָרען געגענזייטיג; זי האָט פערשטאַנען, אַז איך אינטערעסיר מיך אין איהר און האָט עס גוט אויסגענוצט; וואָס ווייטער האָט זי זיך אַלץ גענומען מעהר רעכט און מעהר פרייהייט איבער מיר. שוין אַרום נאָכמיטאָג, בשעת איך האָב געוואָלט אַרויסגעהן אין גאַס, איז זי אַ בעלן געווען צופליהען צו דער טהיר און זיך סטאַרען מיר פער־שטעלען דעם וועג.

אויף מאָרגען בין איך אויפגעשטאַנען צו דער געוועהנליכער צייט. אַז איך האָב געענדיגט מיין אָנבייסען און געוואָלט אַריינגעהן אין צימער, זיך אַנידערזעצען אַרבייטען, טרעף איך מיין פליעג ביי דער טהיר. האָב איך איהר אָבגעגעבען איהר „גוט־מאָרגען". עטליכע מאָל האָט זי אַרומגעזומט איבער'ן שטוב און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף מיין שטוהל. דאָס האָב איך כלל ניט געמיינט און איך האָב דעם שטוהל געדאַרפט האָבען פאַר זיך. „אַוועק פון דאַנען!" מאַך איך צו איהר. הויבט זי זיך אויף אויף עטליכע צאָל און לאָזט זיך ווידער אַראָב אויף'ן שטוהל. זאָג איך צו איהר: „נו, זעץ איך זיך אַנידער!" — און איך האָב זיך טאַקע אַנידערגעזעצט. איז די פליעג אַוועקגעפלויגען און האָט זיך געזעצט ביי מיר אויף'ן פאַפיר. — „אַוועק!" זאָג איך. קיין ענטפער. בלאָז איך אויף איהר, אָבער זי וויל זיך פון אָרט ניט ריהרען. „ניין", מאַך איך צו איהר, „אַז איינער ווייסט קיין שום איינזעהעניש ניט האָבען מיט'ן צווייטענס פערלאַנג, קען עס לאַנג ניט אָנגעהן!" זי האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד, האָט זיך פערטראַכט אַ ווײלע, אָבער זי האָט דאָך בעשלאָסען, צו בלייבען זיצען. נו, האָב איך ווידער געכאַפּט די פאַפּיער־שערעל און זי אַ וואָרף געטהאָן אין דער לופטען. גראָד איז דאָס פענסטער אָפען

געוועז — דאָס איז מיר גאָר פון זינען אַרויס — און די פליעג איז אַרויסגעפלויגען.

אַ פאָר שעה נאָכאַנאַנד איז זי געבליבען אויף דרויסען. איך בין די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער און האָב חרטה געהאַט, וואָס איך האָב זי אַליין, מיט מיינע אייגענע הענד, אַרויסגעלאָזט. וואו קען זי ערגעץ זיין? ווער ווייסט וואָס מיט איהר האָט זיך געקענט מאַכען?! ענדליך האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויף מיין פלאַץ און געהאַט בדעה ווידער אָנהויבען אַרבייטען; אָבער פערשיעדענע פינסטערע געדאַנקען האָבען מיך געמוטשעט.

מיט אַמאָל איז די פליעג צוריקגעקומען. זי האָט מיטגעבראַכט עפּעס שמוציגעס מיט זיך אויף איינעם פון איהרע הינטערשטע פיסלאַך. „אָט אַפנים דו ביסט אין מיסט־קאַסטען געוועז, חיה׳לע מיינס״, רוף איך זיך אָב צו איהר, „פע!״ אָבער איך האָב זיך פונדעסטוועגען געפרעהט, וואָס זי איז צוריקגעקומען, און איך האָב ווידער פערמאַכט דאָס פענסטער. „ווי לאָזט דו זיך דאָס אַרויס אויף אַזעלכע ווייטע נסיעות!״ מאַך איך ווייטער צו איהר. קוקט זי מיך אָן, און ס׳דוכט זיך מיר אויס, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַמוזירט און געענטפערט: „מילא בע!״ אויף מיין פראַגע. אין מיין לעבענס־טאָג האָב איך נאָך ניט געזעהן אַ פליעג זאָל זיין אַזוי לוסטיג. דאָס איז מיר גראָד שטאַרק געפעלען; כ׳האָב אויך געזאָגט „מילא בע!״ און זיך צולאַכט פון גאַנצען האַרצען. „האַ — האַ, האָט מען נאָך ווען געזעהן אַזאַ פליעג?!״ האָב איך געזאָגט. „קום אַקאָרשט אַהער, לאָמיך דיך אַביסעל אַ קראַץ טהאָן אונטער דער מאָר־דעטשקע, דו גנב׳טע דו!״

פאַרנאַכט האָט זי ווידער אַמאָל פּרובירט איהר אַלטען שפּאַס און האָט מיר געוואָלט די טהיר פערשפאַרען, כ׳זאָל ניט קענען אַרויסגעהן. איך האָב אָנגעגורט מיינע מאַנסבילשע לענדען און איהר געוויזען, אַז איך בין בעל הבית. ס׳איז טאַקע גאַנץ שעהן, אַז זי האָט מיך ליעב; אָבער מיך האַלטען יעדען אָבענד פערשפאַרט אין שטוב, דאָס קען זי פונדעסטוועגען ניט. און איך האָב זיך מיט געוואַלד דורכגעשפאַרט פערביי איהר. כ׳האָב געהערט, ווי בייז זי איז געוועז, ווי זי האָט דאָרט אינעווייניג אָנגעגעבען מעשים, און איך האָב אַריינגעשריען צו איהר פון דרויסען: „נו יאָ, אַצונד וועסט דו שוין זעהן, ווי ביטער עס איז צו זיין אַליין, זיי געזונד, איצט קענסט דו דאָ בלייבען זיצען!״

שפּעטער, אין די וויטערדיגע טעג, האָט מיר די קליינע מיסט־פליעג איינפאַך געטהאָן צום טויט. זיינען מענשען געקומען צו מיר צו

גאַסם, איז זי געוואָרען אייפֿערזיכטיג און האָט זיי אַרויסגעיאָגט דורך איהרע מיאוס'ע שטיק. אַז איך פֿלעג איהר דערנאָך אויסריידען פֿאַר איהר שלעכטער אויפֿפיהרונג און פֿלעג זי וועלען דערפֿאַר אָננעהמען פֿאַר דער טשאָפּרינע, האָט זי זיך מיט אַזאַ אימפעט אַ לאָז געטהאָן פֿון דער ערד אַרויף, צו דער סטעליע, אַז איך האָב געמיינט, זי ברעכט האַלז און נאַקען און מיר האָט אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען דערפֿון. „העי, דו פֿאַלסט אַרונטער!" שריי איך צו איהר מיט אַלע קולות. אָבער מיין וואָרנונג איז געווען אַרויסגעוואָרפֿען. „נו, פֿון מיינעטוועגען קענסט דו בלייבען זיצען אויבען," מאַך איך און קעהר זיך אום מיט'ן רוקען צו איהר. דאָ איז זי אַראָבגעקומען. יאָ, אָבער דערמיט האָט זיך דער עסק ניט געענדיגט. אַז איך האָב זיך אויף איהר ניט געוואָלט אומקוקען, איז זי מיר דוקא אונטערגעפֿלויגען סאַמע אונטער דער נאָז און איז דער־נאָך אַראָבגעפֿאַלען מיט אַ קראַך גראָד אויף מיין מאַנוסקריפּט. דאָ האָט זי אָנגעהויבען אַרומשפּאַצירען אַזוי פֿריי און אַזוי ברייט, אָקוראַט ווי ביי מיר אין שטוב וואָלט גאָר קיין זכר אפילו פֿון קיין פּאַפּיר־שערעל ניט געווען. מען מוז פּרובירען מיט איהר מיט גוטען, טראַכט איך זיך. און איך רוף זיך אָב צו איהר פֿריינדליך: „געה נישט אַרום דאָ, דו שמירסט זיך דאָך אוים מיט טינט; כ'מיין דאָך נור דיין טובה!" אָבער זי איז געבליבען טויב צו מיינע ווערטער. „כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָלסט ניט געהן אויף'ן פּאַפּיר!" האָב איך ווידערהאָלט; „ס'איז גראָב פּאַפּיר, קאָפּיע־פּאַפּיר, דו קענסט זיך נאָך איינטרעטען דיינע שטיקלאָך אין די פֿיס." אָבער ניין, זי האָט ווינציג וואָס מורא דערפֿאַר. „האָט מען שוין אַמאָל געזעהן אַזאַ'ן איינגעשפּאַרטע בריאה!" האָב איך זיך צושריען מיט כעס; „וואָס זשע! דאָס פּאַפּיר איז אפשר ניט שפּליטער־דיג?" ניין, זי הויבט ניט אָן טראַכטען אפילו, אַז ס'איז שפּליטערדיג. „נו, ווי דו ווילסט זיך," מאַך איך; „כ'נעהם מיר אַן אַנדער בויגען." אָבער ווי איך האָב נור גענומען אַן אַנדער בויגען, איז זי זיך אַוועק.

ס'זיינען אַריבער טעג און וואָכען. מיר האָבען זיך צוגעוואוינט איינס צום צווייטען; מיר האָבען געאַרבייט אינאיינעם אויף פֿערשידענע בויגען פּאַפּיר און זיך געטהיילט מיט פֿרייד און לייד. זי האָט געהאַט אַסך מורא'דיגע קאַפּריזען, אָבער איך האָב זיי דערטראָגען. זי האָט מיר קלאָהר און דייטליך צו פֿערשטעהן געגעבען, אַז זי קען ניט ליידען קיין צוג־ווינד און דעריבער האָב איך געהאַלטען טהיר און פֿענסטער פֿער־שלאָסען. אָבער דאָך פֿלעגט איהר אַמאָל איינפֿאַלען אַ משוגעת, זיך

אראבצולאָזען פון דער סאַמע סטעליע גלייך אויף א שויב פון'ם פער־שלאָסענעם פענסטער מיט אזא שטורם, אַזוי ווי זי וואָלט די אָרעמע שויב געוואָלט צושמעטערן אויף פיצלאַך. „אויב דו האָסט וואָס צו טהאָן אויף דרויסען,” מאַך איך צו איהר, „טאָ זיי זשע מוחל און געה דורך דאַנען.” און איך האָב איהר געעפענט די טהיר. ניין, דורך דאַנען, ווייזט אויס, וויל זי בשום אופן ניט אַרויסגעהן, כאַטש גיב איהר אַ קריינק. „ווילסט דו אַרויסגעהן אָדער ווילסט דו ניט אַרויסגעהן?” האָב איך גע־פרעגט, „איינס, צוויי, דריי!” קיין ענטפער. האָב איך צוריק פערקלאַפּט די טהיר מיט אַ קראַך.

אָבער איך האָב באַלד געמוזט חרטה האָבען אויף מיין צאָרן.

איינמאָל איז די פליעג אַוועק. זי האָט אָבגעטשאַטעוועט אין אַ אין־דער־פריה, אַז דאָס דיענסט־מיידעל איז אַריין אין שטוב, און האָט זיך אַרויסגעמאַכט דורך דער טהיר. איך האָב פערשטאַנען, אַז זי האָט זיך דאָס נוקם געוועזען אָן מיר, און איך האָב אַ לאַנגע צייט געטראַכט און געטראַכט, וואָס מען הויבט דאָ אָן צו טהאָן. דערנאָך בין איך אַרויס אין הויף און האָב אין דער הויך אויסגעשריען, אַז פון מיינעטוועגען קען זי זיך געהן וואו זי וויל, געזונטערהייט, איך דאַרף זי מעהר ניט האָבען. כ'האָט גאָרנישט געהאָלפען, כ'האָב זי ניט געקענט צוציהען, און מיר האָט זיך שטאַרק געביינקט נאָך דער פליעג. כ'האָב אויפגעעפענט אַלץ וואָס האָט נור געקענט געעפענט ווערן ביי מיר אין הויז, און מיין מאַ־נוסקריפט האָב איך אַרויסגעלייגט אין פענסטער, וואו עס איז געווען אין סכנה פעררעגענט און צוריסען צו ווערן פון ווינד; זאָל זי זעהן, אַז פאַר איהר איז קיין זאַך ניט צו טייער, און אַז זי קען אויף אַלצדינג שפּאַ־צירען וויפיעל איהר האַרץ גלוסט. כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי מיין בעל הבית'טע אויף דער פליעג, כ'האָב ווידער אָנגעגאָסען אַ גאַנצע טאַסע מיט ספּירט אויף מיינע האָר, און גערופען האָב איך זי, און מיט אַלע שעהנע נעמען האָב איך זי בעטיטעלט: מיין בעסטע פריינדין, מיין הויף־פליעג, כדי איהר צו געפעלען — אָבער אומזיסט.

ענדליך, אויף מאָרגען פאַרמיטאַג, איז זי צוריקגעקומען. אָבער ניט אַליין איז זי געקומען, זי האָט זיך מיטגעבראַכט אַ ליעבהאָבער פון גאַס. פון גרויס שמחה, וואָס איך זעה זי ווידער אַמאָל ביי מיר, האָב איך איהר אַלצדינג מוחל געוועזען און אַ צייט לאַנג בין איך אויך צו איהר ליובאָווניק אפילו געוועזען גוט און פריינדליך. אָבער וואָס צופיעל, איז צופיעל. אַלצדינג האָט אַ גרענעץ. מילא, האָבען זיי זיך ראשית כל אַנידערגעזעצט און גענומען איבערוואַרפען זיך מיט בליקען און זיך רייבען

איין קערפּער אָן צווייטען. אַבער פּלוצלינג האָט זיך דער געליעבטער אויף איהר אַ וואָרף געטהאָן אויף אַזאַ אופן, אַז איך בין רויט געוואָרען פאַר חרפּה. „וואָס טהוט איהר דאָ פאַר מענשען אין די אויגען?!" האָב איך זיך אָבגערופען און זי גוט אויסגעזידעלט: „ניטאָ זיך וואָס איבער־צונעהמען מיט אַזאַ אויפפיהרונג!"

דערויף האָט זי שטאַרק פּראַיבעל געהאַט. זי האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער און מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז איך רייד נור אַזוי, מחמת איך בין אייפערזיכטיג. „איך אייפערזיכטיג!" האָב איך אַ פייף געטהאָן; „אייפערזיכטיג אויף דעם דאָ! ניין, הערסט דו?" אָבער זי האָט דעם קאָפּ נאָך מעהר פערוואָרפען אויף הינטען און נאָך אַמאָל איבערגע'חזר'ט דאָס זעלביגע. דאָ אָבער האָב איך זיך אויפגעהויבען פון מיין פּלאַץ און געזאָגט: „מיט דיר וועל איך זיך ניט שלאָגען. דאָס שטעהט פשוט ניט אָן מיין ריטער־געפיהל; אָבער שיק מיר נור אַרויס דעם געמיינעם ליובאָווניק דיינעם. מיט איהם וועל איך זיך שוין יאַקאָש איספּראַווען!" און איך האָב אַ כאַפּ געטהאָן די פּאַפּיר־שערעל אין דער האַנד.

נו, האָבען זיי אָנגעהויבען חוזק מאַכען פון מיר. זיי זיינען זיך גע־זעסען דאָרט, ביים ברעג טיש, און שיער ניט צושפּרונגען געוואָרען פון געלעכטער. אַזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען: „האַ, האַ, קיין גרעסערע פּאַ־פּיר־שערעל האָסט דו שוין ניט, נאָך אַ גרעסערע פּאַפּיר־שערעל איידער די?!" — „כ'וועל אייך וויזען, אַז דאָס געוועהר שפּיעלט דאָ קיין גרויסע ראָליע ניט," האָב איך געענטפערט. „מיט אַ פּראָסטע, אויסגעדאַרטע ליניקע וועל איך מיט דעם בחור לערנען דרך ארץ." און איך האָב אַ פאָך געטהאָן מיט דער ליניקע. האָבען זיי זיך נאָך שטאַרקער צולאַכט און האָבען אַרױסגעוויזען גאַנץ אָפען זייער פעראַכטונג צו מיר. „וואָס ווילט איהר שוין ווייטער טהאָן?" האָב איך זיך צובייזערט אויף זיי. אָבער זיי האָבען זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף מיר. מיט עזות'דיגע מיענעס האָבען זיי זיך אַ לאָז געטהאָן איינע אַנטקעגען די אַנדערע און האָבען שוין געהאַט בדעה זיך אַריינצוואַרפען איינער אין צווייטענס אָרעמס. „איהר וועט עס ניט טהאָן!" האָב איך אַ געשריי געטהאָן אויף זיי. אָבער זיי האָבען עס פאָרט געטהאָן, גראַד מיר אין די אויגען. דאָ האָט שוין מיין געדולד געפּלאַצט. כ'האָב אויפגעהויבען די ליניקע און זי געלאָזט אַראָבפאַלען, ווי אַ בליץ. עפּעס איז צוקוועטשט געוואָרען; עפּעס האָט געפּלאָסען פון דער ליניקע. מיין גוט געציעלטער קלאַפּ האָט זיי ביידען דער'הרג'עט.

אזוי האָט זיך געענדיגט די דאָזיגע בעקאַנטשאַפֿט . . .

ס׳איז נור געווען אַ קליינע, געוועהנליכע פֿליעג מיט גראָע פֿליגלען. און ס׳איז גאָרנישט בעזונדערעס געווען אין איהר. אָבער זי האָט מיר פֿערשאַפֿט מעהר ווי איין לוסטיגען מאָמענט, כל זמן זי האָט געלעבט.

דער גראבער.

I

אַ קאָמפּאַניע פֿון יונגע לייט, מענער און פֿרויען, האָבען אַרויסגע־רודערט צום אינזעל. איינער פֿון די מענער, יונג און הויך, האָט זיך אויפֿגעשטעלט אין שיפֿעל און גענומען דעקלאַמירען געדיכטע; מען האָט עס אַזש געקענט הערען פֿון ברעג. אַלע דאַמען האָבען זיך צוגעהערט צו איהם, נור די יונגסטע פֿון זיי, אַ לעבענס־לוסטיג מיידעל מיט בלאָנדע האָר און ציטערענדע נאָז־פֿליגלען, האָט בעסער פֿאַרגעצויגען צו וואַרפֿען אויגען אויף דעם שעהנעם מאַן, וואָס איז געזעסען ביים רו־דער; זי האָט געלאַכט איבער זיינע בעמערקונגען און איהם אויפֿגעמונ־טערט ווייטער צו ריידען.

דאָס האָט דעם יונגען הערר אומעטיג געמאַכט. און ער האָט גע־לייענט זיינע געדיכטע מיט אַ העכערער שטימע, און די פֿאַרב איז איהם געקומען אין די באַקען.

פלוצלינג האָט ער זיך אָבגעשטעלט. ער האָט זיך אומגעדרעהט צו דער אונאויפֿמערקזאַמער שעהנער אויף דער רודער־באַנק הינטער איהם און געזאָגט:

„איהר האָט רעכט, מיינע געדיכטע זיינען ניט גוט. אָבער איך קען אויך עפּעס דערצעהלען, און דאָס וועל איך פֿילייכט מאַכען בעסער. אַזוי גיך ווי מיר וועלען נור קומען אויף'ן לאַנד, וועט איהר עס הערען."

און אַלע דאַמען האָבען געפּאַטשט מיט די הענד און זיך געפֿרעהט, וואָס ער וויל דערצעהלען וועגען זיינע רייזען, וואָרים ער האָט געהאַט אינטערעסאַנטע און וואונדערליכע פּאַסירונגען אָהן אַ שיעור. נור זי, וועלכע האָט קיין חשק ניט געהאַט צו הערען זיינע געדיכטע, איז אויך איצט ניט געוועזען בעגייסטערט. און דער מאַן האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר גענומען צום האַרצען.

„וואָס ווילט איהר פֿאַרט?" האָט ער אין זיין פֿערצווייפֿלונג געפֿרעגט.

„וואָס איך וויל? כ'פֿערשטעה אייך ניט!" האָט זי פֿערוואונדערט געענטפֿערט. „איך היים אַנדרעאַ, ס'איז גאָרנישט מיט מיר, כ'בין נור פֿרעהליך, וואָס איך קען דאָ זיין מיט אַלע אַנדערע אויף דעם דאָזיגען אויספֿאָהר." און זי האָט ווירקליך אַזוי אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט געמיינט דאָס, וואָס זי זאָגט, די גנב'טע.

זיי זיינען אַראָב אויף דער יבשה, ווי האָבען אויסגעפּאַקט דעם וויין, אָנגעגאָסען די גלעזער און געטרונקען. אָבער ווייט אַוועק, הינטער די נידעריגע בוימלאַך ביים ברעג ים, האָבען אַוודאי אַנדרעאַ און דער רודערער געמוזט אַרומשפּאַצירען און זוכען אייער פֿון ים־פֿייגעל. וואָרים פֿון צייט צו צייט האָט דער ווינד אַריבערגעבראַכט זייער געלעכטער אַהער צו דער קאָמפּאַניע.

„איצט מוזט איהר דערצעהלען!" האָט מען פֿון אַלע זייטען גענומען שרייען.

„רופֿט אַלעמען אַהער, זאָל אויך אַנדרעאַ קומען," האָט ער געענטפֿערט. ער איז אַרויף אויף אַ שטיין און גערופֿען אַנדרעאַ'ן מיט אַ וואַרעמער, צוציהענדער שטימע.

און אַנדרעאַ איז געקומען. זי איז געבליבען שטעהן און האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ פֿרעגענדען בליק.

„מיין פֿריילין, פֿאַר אייך אַליין וועל איך דערצעהלען," האָט ער געזאָגט, אַזוי אַז אַלע האָבען עס געהערט. „איהר שטעהט דאָ ווי אַ זילבערנער קרייץ אין דער זונן. ניט נור איז אייער שעהנקייט אַזוי גרויס, נאָר אויך מיט אייער יוגענד האָט איהר אויף מיר געווירקט — מיט אייער הערליכער יוגענד. ס'איז דאָ בלוט אונטער דער הויט פֿון אייער אָרם, ליעבסטע; מיט די רויטסטע ווערטער פֿון מיין האַרצען וויל איך אייך בעזינגען."

אָבער אַנדרעאַ האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך, אַזוי אונגליקליך האָט זי אויסגעזעהן, בשעת זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער קאָמפּאַניע. ענדליך האָט זי זיך אַנידערגעזעצט.

און דאַן האָט ער גענומען דערצעהלען.

אַ שטונדע נאָכאַנאַנד האָט ער דערצעהלט; אָט די שטימע האָט גאָר ניט געוואָלט שטיל ווערן, אַ ווילדע, גרויסאַרטיגע שטימונג האָט איהם בעהערשט, און דער רייזע־קאָמפּאַניאָן, וועגען וועמען ער האָט דערצעהלט, האָט איבערגעלעבט וואונדערליכע זאַכען.

„לאַנגווייל איך אייך?" האָט ער געפֿרעגט.

„ניין, ניין,“ האָבען אַלע אין איין קול אויסגערופען, הערערן די דאַמען.

און אַנדרעאַ האָט ניט געענטפערט.

ער האָט געפרעגט:

„פאַרוואָס ענטפערט איהר ניט? פאַר אייך אַליין דערצעהל איך. וואַרט אַ ווײלע, איך האָב בלויז דאָס איינע צו זאָגען, אַז דער מאַן, וועגען וועמען איהר האָט דאָס אַלעס געהערט, איז דורכאויס ניט גליקליך געווען. אַלעס איז געגאַנגען גוט, און ער האָט געוואונען אין אָט די אַלע קליינע קעמפפען, ער איז אַרויס דער זיעגער איבעראַל, ביי אַלע וואונדערליכע געפעהרליכע אונטערנעהמונגען; אָבער איין טאָג איז ער פערכאַפּט געוואָרען פון דער גרויסער, אייביגער ליעבע, און דאָ האָט ער פערלאָרען.“

„בראַוואָ!“ האָט אַנדרעאַ געזאָגט און דערביי האָט זי אַרונטערגעלאָזט איהרע ברעמען. „דערצעהלט וועגען דעם!“

אָבער אָט די רוה האָט דעם עראָבערער צומישט, יאָ, איהר קעלט האָט איהם געבראַכט צו פערצווייפלונג, און ער האָט געקעמפפט מיט אַלע כוחות זיך צו בעפרייען פון איהר מאַכט. די אַנדערע דאַמען האָבען די זאַך געלאָזט לויפען, וואָרים מעהר ווי איינע פון זיי האָט געקענט זיין הארץ. אויב דער גורל איז היינט געפאַלען אויף די איינע, וועט עס מאָרגען, ווען די זונן וועט לייכטען אין אַנדערע טיילען פון זיין זעעלע, פאַלען אויף אַן אַנדערע.

אַנדרעאַ האָט ווייטער געבעטען:

„דערצעהלט וועגען דעם!“

„צו וואָס זאָל איך עס טהאָן?“ האָט ער געענטפערט. „אייער קעלט נעהמט מיך דורך ווי אַ פראָסט. מיינע דאַמען און מיינע הערען, ס'איז שוין שפעט, דער אָבענד איז געקומען!“

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט אַהיים. צוריקפאָהרענדיג האָט ער דערלאַנגט דעם מאַן פון שיפעל אַ הילבענדען פאַטש און האָט אַליין גענומען רודערן. ער האָט ניט געזעהן, ניט געהערט קיין זאַך, נאָר גערודערט ווי אַ בער.

אַז זיי זיינען אַראָב אויף'ן ברעג, איז אַנדרעאַ פלוצלינג צוגעקומען צו איהם. ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד, און בלאַס ווי דער טויט, מיט ציטערענדע ליפען האָט ער געזאָגט:

„מוטשעט מיך ניט מעהר, איך האַלט עס ניט אויס. גיט אַרויס

אגזער ענטשיידונג. איך האָב נאָך קיין פרוי ניט אַזוי געליעבט, ווי איך ליעב אייך: זאָגט איצט, וואָס זאָל איך טהאָן: זאָל איך לעבען אָדער שטאַרבען?!"

„לעבען!" האָט זי געענטפערט מיט אויסערגעוועהנליכער פרייד. „איך האָב דיך שטענדיג געליעבט, פון דער ערשטער רגע, וואָס איך האָב דיך דערזעהן. פאַרוואָס, מיינסט דו, האָב איך דיך היינט אַזוי גע־מוטשעט? אָך, איך האָב זיך אַליין נאָך מעהר געמוטשעט און געליטען, ווי קיינמאָל ניט פאַר דעם." און זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט גרויסע, פערוואונדערטע אויגען און האָט איהם אָנגערופען איהר קעניג און איהר גאָט.

עטליכע טעג צייט איז זיין גליק געווען פאָלקאָם; דער זיעג איז געווען זיס, און ער האָט איהם געגאָסען, ווי ער האָט עס אימער גע־טהאָן. דאַן איז ווידער געקומען זיין אַלט אונגליק, די איבערדריסיגקייט איז איהם בעפאַלען, די שלאַפקייט, די פערמאַטערטקייט נאָך'ן קאמפף, דער פלוך. ער האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט פון דאַנען, איז פערשוואונדען, אַוועקגעפאָהרען אין דער נעכסטער שטאָדט און האָט ניט געשריבען, ניט געשיקט קיין נאַכריכט, איז ניט צוריקגעקומען.

II

מיט אַ פאָר טעג צוריק איז ער אָנגעקומען אין דעם דאָזיגען טור־ריסטען־האָטעל, וואו וויניג מענשען פלעגען פערפאָהרען. אַלעס איז געווען אַזוי לאַנגוויילינ אין דעם שטעדטעלע, קיין זאַך האָט ניט פאַסירט, זיין האַרץ איז געווען רוהיג און מיעד.

דאָ האָט ער איין נאָכמיטאָג בעגעגענט אַ דאַמע אויף די טרעפ; זי האָט געוואָלט אַרונטער, ער האָט געוואָלט אַרויפגעהן; און ער האָט אַראָבגענומען זיין הוט און געגריסט, בשעת זי איז פערבייגעגאַנגען. זי איז פערשוואונדען אין גאָרטען. פון דעם בעל הבית איז ער דערגאַנגען, אַז זי איז נור וואָס אָנגעקומען אין האָטעל; זי פאָהרט צוזאַמען מיט איהר פאָטער.

אַ לאַנג, גרין טוכען קלייד, אַ גרויסער, שווארצער הוט און אַ רייט־בייטש — דאָס האָט אָבגעהאַלטען זיינע טריט אויף די טרעפ. זי האָט איהם קוים אָנגעקוקט, ניט מעהר ווי אַ סעקונדע מיט אַ שנעלען בליק פון דער זייט, דאַן האָט זי אויפגעהויבען איהר קלייד מיט דער האַנד אין דער הויך און איז איהם פערבייגעגאַנגען.

ער איז איהר נאָכגעגאַנגען, אַראָב אין גאָרטען. דער זייגער איז געווען זיבען, ס'האָט אָנגעהויבען טהויען.

„עס טהויט," האָט ער אָהן צערעמאָניעס געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו איהר. און ער האָט געוויזען אויף איהרע פיס און ווידערהוילט, אַז עס טהויט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט און דאַן אַראָבגעלאָזט די אויגען אויף די שפּיצען פון איהרע שיך.

„פערצייהט," האָט ער פון דאָס ניי אָנגעפאַנגען, „איך בין אייך ווירקליך ניט נאָכגעגאַנגען, כדי מיט אייך צו ריידען; אָבער עס טהויט, און ס'איז שוין נאַס אויף די וועגען און אין גראָז. דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען, ווייל איהר זייט דאָ פיליייכט אונבעקאַנט."

זי האָט געשטאַמעלט: „איך פערשטעה אייך ניט — —"

„איך האָב אייך בעגריסט אויף די טרעפּ," האָט ער ווייטער גע־זאָגט. „דאָס בין איך עס געווען דער, וועלכער איז דאָרט געשטאַנען. דער שנעלער בליק, וואָס איהר האָט מיר געשיינקט, איז שולדיג אין דעם."

דאָ האָט זי ענדליך אַ פרעג געטהאָן: „וואָס ווילט איהר?"

זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען, ער האָט פערלאָרען די גלייכ־געוויכט און אויסגעשריען:

„זעהט נור דאָ, נעהמט אייך, וואָס איהר ווילט, כ'גיב אייך אַלעס, וואָס איך האָב, אויב איהר מיינט, אַז איך האָב עפּעס געוואָלט פון אייך. גיין, צוליעב דעם בין איך ניט געקומען. כ'האָב נור געוואָלט שטעהן פאַר אייך און אייך אַביסעל אָנקוקען, ווייל איהר זייט אַזוי וואונדערבאַר."

„אַזוי וואָס האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט," האָט זי געזאָגט מיט אַ קאַלטען און פערדריסליכען טאָן.

„נו יאָ, דאַן פערצייהט מיר!" האָט ער געמורמעלט און האָט אַלעס אויפגעגעבען.

זי האָט אַוועקגעקוקט פון איהם, און געוואָרפען איהר בליק אויף אַ בלומען־בייט און זיך אָבגעקעהרט מיט'ן רוקען צו איהם. ער האָט געוואָלט פערגלעטען דעם שלעכטען איינדרוק, וואָס ער האָט אויף איהר געמאַכט, און ער האָט געזאָגט:

„יאָ, ווייסט איהר, עס רוישט אין אַלע רויזען, אויף וועלכע איהר קוקט. איך האָב זיך צוגעהערט צו זיי. צי שטעהען זיי אַקאָרשט ניט דאָרט און ריידען איינע מיט די אַנדערע? צי איז דאָס דאָזיגע גערויש ניט זייער שפּראַך? איהר הערט, פיליייכט זאָגען זיי עפּעס."

זי האָט גענומען שטעלען טריט ווייטער.

„איז דען דאָס לעצטע, וואָס איך האָב געזאָגט, אויך געווען ניט אַם פּלאַץ?" האָט ער געפרעגט מיט אַ טאָן פון דערשלאָגענקייט.

„אָבער דאָס זיינען דאָך ניט קיין רויזען, ס'איז דאָך מאָהן," האָט זי געענטפערט.

„אַלזאָ מאָהן!" האָט ער געזאָגט. „צי דאָס דאָזיגע רוישען אונטער די בלומען־קעפּעלאַך קען ניט זיין קיין שטימען, וועלכע ריידען איינע מיט די אַנדערע?"

זי איז שוין געווען אַוועק. איידער ער האָט נאָך געהאַט געענדיגט זיינע ווערטער, איז די טהיר פון גאָרטען שוין געווען פערמאַכט פון דער אַנדער זייט. גוט.

מיט אַ וואונדערליכען, מאָדנעם געמיטה איז ער צוגעגאַנגען צו אַ באַנק און האָט זיך אַוועקגעזעצט. די אויפּפּאַלענדע שעהנקייט פון דער פּרעמדער איז דאָס שולדיג געווען אין דעם. אַז דער גלאָק האָט גע־רופען עסען, האָט ער זיך אויפגעהויבען און אין דער גרעסטער שפּאַנונג איז ער אַריין אין עסס־זאַאַל. ווען זי זאָל איצט קומען און זיך דאָרט זעצען ביים טיש! אַשטייגער, ווען ער זאָל זי איצט בעגריסען!

זי איז געקומען. די בייטש האָט זי אויך איצט געטראָגען אין דער האַנד. דער פאָטער איז איהר נאָכגעגאַנגען, אַן אַלטער שעהנער מאַן מיט'ן אויסזעהן פון אַן אָפיציר.

איצט איז געגאַנגען אין דעם זיך אַ נעהם צו טהאָן ריכטיג צו דער זאַך, זיך פערנייגען און זיך אַנידערזעצען פונקט אַנטקעגען זייביידען. איצט טהו איך עס! האָט ער געטראַכט. און ער האָט עס געטהאָן. די שעהנע איז שטאַרק רויט געוואָרען. פאָטער און טאָכטער האָבען גע־רעדט וועגען זייער ווייטערדיגע רייזע, וואָס זיי האָבען געזאָלט אויף מאָרגען אונטערנעהמען. דער אַלטער האָט זיך דירעקט איבער'ן טיש נאָכגעפרעגט מכח דעם וועג, די האָטעלען. און דער אָרעמער עראָבע־רער, וועלכער האָט קיינמאָל פריהער קיין ידיעה ניט געהאַט אין אָט די אַלע זאַכען, האָט זיך שנעל בעטראַכט און געגעבען אַן אויסגעצייכענטען ענטפער אויף אַלצדינג. אַז די מאָהלצייט איז געווען געענדיגט, איז ער צוגעגאַנגען און האָט זיך פאַר זיי ביידען פאָרגעשטעלט. בריליאַנט, גאַנץ בריליאַנט, זיי האָבעןביידע געקענט זיין נאָמען.

אַרויסגעהענדיג פון עסס־זאַאַל, האָט ער פלוצלינג אָבגעשטעלט דעם אָפיציר'ס טאָכטער און געזאָגט:

„נור איין וואָרט, מיין פרייליין, פאָהרט ניט מאָרגען! בלייבט דאָ!

איך וויל אייך ווייזען עטליכע אויסזיכטען, דאָס שטראָמענדע מייכעל, דעם האַפען וואו די שיפען שטעלען זיך אָב. מאָרגען אָבענד וויל איך פאַלען צו אייערע פיס און אייך דאַנקען."

די שעהנע איז ניט געגאַנגען ווייטער, געדולדיג האָט זי איהם אויסגעהערט.

דאָ האָט ער צוגעלייגט: „מיין לעבען ליגט ביי אייך אין די הענד."

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

„כדי צו פערטרייבען יעטוועדען מיספערשטענדניס, וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכען דערויף, אַז איך בין אויף'ן וועג צו מיין חתן, און אַז איך פאָהר מאָרגען," האָט זי געזאָגט.

„ניין," האָט ער אויסגערופען און אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פוס אָן דער ערד. און ער האָט אָנגענומען איהר האַנד און זי געדריקט און געקושט.

זי האָט זיך אויסגעריסען פון איהם, האָט אויפגעהויבען די רייטבייטש און איהם דערלאַנגט אַ פייערדיגען זעץ אין געזיכט. ער איז פלוצלינג געוואָרען רוהיג און האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך; אַ בלוט־רויטער פאַס איז אַריבערגעלאָפען איבער זיין לינקער באַק. זי האָט איהם אַ ווײַלע בעטראַכט, האָט אַרונטערגעלאָזט די בייטש אויף דער ערד און מיט ציטערענדע ליפען האָט זי פלוצלינג געשעפּטשעט:

„איך האָב אייך געשלאָגען."

„דאָס מאַכט גאָרנישט אויס," האָט ער געענטפערט. „ווידערהוילט עס, עס פערשאַפט מיר פערגניגען."

אָבער מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, די אויגען אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד, איז זי שנעל אַוועק פון דאַנען, איז אַרויפגעלאָפען עטליכע טרעפּ, צו זיך אין צימער, וואו קיינער האָט זי ניט געקענט זעהן.

זי איז ניט געפאָהרען אויף מאָרגען. זיי האָבען בעזוכט די אויסזיכטס פונקטען, דעם שטראָמענדען וואַסער, די לאַנדונגס־פלעצער. ווי די גאַנצע וועלט האָט זיך דאָס אַביסעל געענדערט ביי איהר אין די אויגען! ווי איבערפול איהר האַרץ איז דאָס פלוצלינג געוואָרען פון זיסער נאַרישקייט! ניין, זי וואָלט קיינמאָל ניט געמאַכט אָט די אומעטיגע רייזע קיין דרום צו דעם דאָזיגען מאַן, וועמען זי האָט שוין מעהר ניט געליעבט, ווען איהר פאָטער, דער אָפיציר, וואָלט זי ניט געצוואונגען דערצו. אָבער זי וועט צוריקקומען, וועט גלייך ווידער זיין דאָ. און זי האָט געגעבען דעם עראָבערער די האַנד.

„איך קום מיט," האָט ער געזאָגט, „מאָרגען פֿאָהר איך דיר נאָך צום ווידערזעהן, מיין איינציג געליעבטע!"

III

אצונד, ווי עס איז מיט איהם אימער געווען, זיינען געקומען עטליכע שטונדען, אין וועלכע ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַן אונבעשרייבליכער פֿער'שכור'טקייט און האָט גאָרנישט געזעהן און גאָרנישט געהערט, אַחוץ זיין געליעבטע. כמעט יעדע שטונדע האָט ער טעלעגראַפֿירט און גע־שריבען אַ בריעף און נאָך אַ בריעף אויף שמעקענדען פּאַפּיר. ער האָט אָט די שעהנע ווערטער געלעזען מיט דער טיעפֿסטער פֿרייד און ביי זיך אין האַרצען האָט ער אַרומגעטראָגען אַ לעבעדיגען בלומען־קראַנץ.

די שטונדען זיינען אַריבערגעפֿלויגען. פֿאַרוואָס איז ער ניט גע־פֿאָהרען? אין דעם ענטציקטען צושטאַנד, אין וועלכען ער האָט זיך געפֿונען, איז איהם שווער געווען צו פֿערלאָזען דעם האָטעל און זיך אַרויסלאָזען אויף דער רייזע. נאָך צוויי טעג איז ער נאָך אימער געווען דאָ, ווייל ער האָט ניט געקענט פועל'ן ביי זיך, זיך צו שיידען פֿון די דאָזיגע ענטציקענדע בריעף, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין קומען. פֿאַרוואָס זיינען זיי געוואָרען אַזוי פֿיעל, זאָגאָר צופֿיעל! די ערשטע זיינען געווען די ליעבסטע. זיי זיינען אַלע געווען ווי קליינע רויזען פֿאַר זיין האַרצען; אָבער דאַן האָבען זיי שוין אָנגעהויבען קומען צו אָפֿט.

איין אָבענד האָט ער געלאָזט ליגען דעם בריעף פֿון דער שעהנער אַ ניט געעפֿענטען ביז אין דערפֿריה. וואונדערבאַר, וואָס ער האָט איהם שוין ניט געעפֿענט גלייך אויף'ן שטעל מיט ציטערענדע הענד, אַזוי ווי פֿריהער!

אַז ער איז אַרונטערגעקומען אין עסס־זאַאַל, האָט ער דאָרט גע־טראָפֿען אַ דאַמע אין רייזע־קליידער. זי און די פֿרוי וואָס האָט איהר בעגלייט זיינען נור וואָס אָנגעקומען; זי איז געווען אַ קינסטלערין, אַ צאַרט מיידעל, אויף איהר לוסט־רייזע, לאַבענדיג, וואַרם, קאָכעדיג אין איהרע שטימונגען. זי איז בעוואַכט געוואָרען פֿון איהר אייגענער מוטער.

ער האָט זי בעגריסט.

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און צוריק געגריסט. איהר שמייכעל איז געווען רויט. פֿאַרוואָס איז ער ניט געפֿאָהרען? איז עס געווען דאָס

שיקזאל? ער האָט זיך בענוצט מיט דער ערשטער געלעגענהייט, אָנצוּ־באָטען דער יונגער קינסטלערין זיין דיענסט, ער האָט איהר געוואָלט בעהילפיג זיין. זיי האָבען אָבגעמאַכט אַ בעשטימטע צייט, ווען ער האָט זי געוואָלט פיהרען צו די לאַנדונגס־פּלעצער.

ער איז געקומען אַ גאַנצע שטונדע פריהער. ס'האָט גערעגענט און ער האָט געוואַרט ווי אַ העלד. ס'מאַכט גאָרנישט אויס, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, איך בין גליקליך ווי אַ גאָט, ווייל איך ווער פון איהרעטוועגען נאַס און מיעד! צוויי שטונדען איז ער דאָרט געשטאַנען; ער האָט גאָר ניט געהערט פון איהר. ענדליך האָט זי איהם געשיקט די מוטער אָנשטאָט איהר, זי האָט ניט געוואָלט מאַכען דעם דאָזיגען שפּאַציר־גאַנג מיט איהם, זי האָט בעסער פאָרגעצויגען צו בעזוכען עטליכע פריינד. און די אַלטע מוטער האָט ניט געפרעגט, צי האָט ער לאַנג געוואַרט, האָט ניט בעדויערט, וואָס ער איז נאָס געוואָרען. זי האָט גאָר קיין ברעקעל רחמנות ניט געהאַט.

ער איז אַוועק אַהיים. ער האָט אַרומגעוואַנדערט אין דעם לאַנג־ווייליגען האָטעל פון איין צימער אין אַנדערן. אויסער זיך פאַר אונגעדולד. פאַרוואָס קומט זי ניט צוריק פון איהרע פריינד? ס'איז געוואָרען שפּעט, די נאַכט איז צוגעפאַלען. ער האָט געמוזט געהן שלאָפען, אָהן דעם זי צו זעהן. שלאָפען האָט ער ניט געקענט, ער האָט אָנגעצונדען ליכט, האָט געריבערט איין ציגאַר נאָך'ן אַנדערן און ניט געקענט איינרוהען. ווי שווער און דונקעל דער קאָפּ איז איהם געוואָרען! ווי שמערצליך און אָנגעשטריינגט זיינע אויגען האָבען דאָס געקוקט אויף די געפינטעלטע טאַפּעטען פון דער וואַנד!

ענדליך איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און האָט זיך אָנגעטהאָן. ער האָט געוואוסט, וואו דאָס צימער פון דער קינסטלערין איז געווען, און ער האָט געזעהן, ווי איהרע שיך שטעהען ביי דער טהיר. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און האָט זיך איינגעהערט.

גאָרנישט, קיין שום קלאַנג ניט. דאַן האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קניע און געקושט די צוויי קליינע שיכעלאַך ווי אַ נאַר, ווי אַ משוגע'נער. דערנאָך איז ער צוריק אַריין צו זיך אין צימער. און ער האָט זיך אַליין פערשפּראָכען, אין דערפריה צו מאַכען אַ סוף צו דער געשיכטע, זיך מודה זיין פאַר איהר, איהר ערקלעהרען אַלצדינג און זיעגען אָדער שטאַרבען.

אָבער אין דערפריה איז זי שוין געוועזן אַוועקגעפאָהרען צוזאַמען מיט איהר מוטער.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס פאַר אַ וועג זי האָט גענומען, און האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז געפאָהרען אין דער נעכסטער שטאָדט צו צפון צו.

דעם זעלבען פריה־מאָרגען האָט דעם אָפיציר'ם טאָכטער געשריבען:
„קום קיין דרום! איצט האַלט דאָ אַלעס אין בליהען!"

און ער איז געפאָהרען אין איין אָטהעם קיין צפון.

א גייסט.

היבשע עטליכע יאהרען פֿון מיין קינדהייט האָב איך פֿערבראַכט ביי מיין פֿעטער אויף'ן פּאַסטאָר־הויף אין נאָרד־לאַנד. ס'איז געווען אַ שווערע צייט פֿאַר מיר, אַסך אַרבייט, אַסך קלעפּ און זעלטען אָדער קיינמאָל קיין איין שטונדע ניט זיך צו שפּיעלען און פֿערגניגען צו האָבען. אַזוי ווי מיין פֿעטער האָט מיך געהאַלטען פֿעסט און איז געווען זעהר שטריינג צו מיר, איז מיין איינציגע פֿרייד ביסלאַכווייז בעשטאַנען אין דעם, זיך צו בעהאַלטען ערגעץ־וואו און צו בלייבען אַליין. אז איך האָב נור אַמאָל געהאַט אַ פֿרייע שעה, פֿלעג איך זיך אַוועקלאָזען אין וואַלד אָדער אַרויפֿגעהן אויף'ן בית עולם און אַרומוואַנדערן צווישען צלמים און מצבות, און פֿער'חלומ'ט און פֿערטראַכטערהייט ריידען מיט זיך אַליי אויף'ן קול.

דער פּאַסטאָר־הויף איז געלעגען אויסערגעוועהנליך שעהן, האַרט ביי דער גלימאַ, אַ ברייטער טייך מיט אַסך גרויסע שטיינער, וועמעס גערויש האָט אָבגעקלונגען אָהן אויפֿהער, טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג. איין טהייל פֿון טאָג האט די גלימאַ געפֿלאָסען צו דרום צו, דעם איבעריגען טהייל צו צפון צו, ס'איז געווענדט געווען אין דער צייט פֿון עבע און פֿלוט, — נאָר אימער האָט איהר אייביגער געזאַנג גערוישט און איהר וואַסער איז געלאָפֿען מיט דערזעלבער איילעניש זומער אַזוי ווי ווינטער, עס האָט ניט אויסגעמאַכט אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג ס'איז געגאַנגען.

אויבען אויף אַ בערגעל איז געלעגען די קירכע און דערביי דער בית עולם. די קירכע איז געווען אַן אַלטע קרייץ־קירכע פֿון האָלץ, און דער בית עולם איז געווען אָהן פֿלאַנצען און די קברים אָהן בלומען; נאָר האַרט ביי דער שטיינערנער וואַנד זיינען געוואַקסען די רייכסטע מאַלענעס, אַ גרויסע און זאַפֿטיגע פֿרוכט, וואָס האָט געצויגען איהר נאַהרונג פֿון דער פֿעטער ערד פֿון די טויטע. איך האָב געקענט יעדען קבר און יעדע מצבה, און איך האָב געזעהן, ווי צלמים, וועלכע זיינען

גאַנץ ניי אויפגעשטעלט געוואָרען, האָבען זיך אין פערלויף פון דער צייט אָנגעהויבען איינבויגען און ענדליך זיינען זיי אין אַ שטורם־נאַכט גאָר איינגעפאַלען.

נאָר אויב עס זיינען ניט געווען קיין בלומען אויף די קברים, איז זומער־צייט געוואַקסען הויך גראָז אויף דעם גאַנצען בית עולם. ס׳איז געווען אַזוי הויך און האַרט, אַז איך פלעג אָפט זיצען דאָרט און זיך צוהערען צו דעם ווינד, וועלכער האָט גערוישט אין אָט דעם מאָדנע האַרטען גראָז, וואָס האָט דערגרייכט ביז איבער מיינע קניע. און דאַן אין רעכטען מיטען פון דעם דאָזיגען גערויש פלעגט זיך מאַכען, אַז די וועטער־פאָהן אויף׳ן קירכטהורם האָט זיך אָנגעהויבען ארומדרעהען, און אָט דער פערזשאַווערטער, אייזערנער מאַן האָט אָבגעקלונגען יאָמערענדיג איבער דעם גאַנצען פּאַסטאַר־הויף. ס׳האָט אויסגעוויזען, אַזוי ווי דאָס דאָזיגע שטיק אייזען וואָלט אָן וואָס פאַר עס איז אַנדער אייזען געקריצט מיט די צייהן.

אַז דער קברות־מאַן איז געווען ביי דער אַרבייט, פלעג איך אָפט־מאָל זיך דורכשמועסען מיט איהם. ער איז געווען אַן ערנסטער מאַן, זעלטען ווען ער פלעגט אַ שמייכעל טהאָן, נאָר ער איז געווען זעהר פריינדליך צו מיר; און אַז ער פלעגט אַזוי שטעהן דאָרט און אויסגראָבען ערד פון אַ קבר, פלעגט זיך מאַכען, אַז ער האָט מיט אַמאָל אַ געשריי געטהאָן צו מיר, איך זאָל אָבטרעטען אַביסעל אָן אַ זייט, וואָרים איצט האָט ער אַ גרויס שטיק קניע־ביין אָדער דעם שאַרבען פון אַ טויטען אויף דער לאָפּעטע.

אָפטמאָל האָב איך אויף די קברים געפונען ביינער און בינטלאַך האָר פון מתים, וועלכע איך פלעג דערנאָך צוריק בעגראָבען אין דער ערד, ווי דער קברות־מאַן האָט מיך געלערענט צו טהאָן. איך בין אַזוי געוואוינט געוואָרען דערצו, אַז איך פלעג שוין ניט פיהלען קיין שרעק, ווען איך האָב זיך געטראָפען מיט אָט די מענשען־רעסטען. אונטער איין ווינקעל פון דער קירכע איז געווען אַ קעלער, וואו עס זיינען געלעגען און האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט גאַנצע מאַסען פון ביינער, און אין דעם דאָזיגען קעלער פלעג איך גאַנץ אָפט זיצען, זיך שפּיעלען און פון די צוברעקעלטע ביינער אויפשטעלען אַלערליי פיגורען אויף דער ערד.

נאָר איין טאָג האָב איך געפונען אַ צאָהן אויף׳ן בית־עולם.

ס׳איז געווען אַ פאָדערשטער צאָהן, גלאַנציג ווייס און שטאַרק. אָהן דעם זיך אָבצוגעבען רעכנונג דעריבער, האָב איך דעם צאָהן אַריינגע־לייגט צו מיר אין קעשענע. כ׳האָב איהם געוואָלט בענוצען צו וואָס

עס איז, אויספּיילען דערפון אַ פיגור און איהם אַריינזעצען אין איינע פון די וואונדערליכע זאַכען, וואָס איך האָב אויסגעשניצט פון האָלץ.

כ'האָב מיטגענומען דעם צאָהן מיט זיך אַהיים.

ס'איז געווען אָסיען־צייט און עס איז פריה פינסטער געוואָרען. איך האָב נאָך געהאַט פערשיעדענע אַנדערע זאַכען צו טהאָן, און עס זיינען אַריבער אַ פּאָר שטונדען, ביז איך האָב געקענט אַריינגעהן אין דער שטוב, וואו די הויז־דיענער האַלטען זיך אויף, אום דאָרט צו אַרבייטען אויף מיין צאָהן. דערווייל איז די לבנה אויפגעגאַנגען; ס'איז געווען האַלב הודש.

אין דער דיענער־שטוב איז ניט געווען קיין ליכט, און איך בין גע־ווען איינער אַליין. איך האָב ניט געוואַגט אָנצוצינדען דעם לאָמפּ, איידער די משרתים זיינען אַריינגעקומען; אָבער פּאַר מיר איז גענוג געווען דאָס ליכט, וואָס האָט אָבגעשיינט פון'ם אויוען־טהירעל, כ'האָב נור געדאַרפט מאַכען אַ היבשען פייער. איך בין דערום אַרוים אין דער האָלץ־קאַמער, נעהמען האָלץ.

אין האָלץ־קאַמער איז געווען פינסטער.

בשעת איך האָב אַרומגעטאַפּט אין דער פינסטער און געזוכט דאָס האָלץ, האָב איך דערפיהלט אַ לייכטען קלאַפּ אויף'ן קאָפּ, אַזוי ווי פון אַן איינצעלנעם פינגער. —

כ'האָב זיך האַסטיג אומגעדרעהט, נאָר איך האָב קיינעם ניט געזעהן.

כ'האָב אַ מאַך געטהאָן מיט די אָרעמס אַרום מיר, נאָר איך האָב קיינעם ניט געפיהלט.

כ'האָב געפרעגט, צי אימיצער איז דאָ דאָ, נאָר איך האָב קיין ענטפער ניט געקריגען.

איך בין געגאַנגען אָהן אַ היטעל, כ'האָב זיך אַ כאַפּ געטהאָן צו דעם אָנגעריהרטען פלאַץ פון מיין קאָפּ און דערשפירט אין מיין האַנד עפּעס אַן אייז־קאַלטע זאַך, וואָס איך האָב גלייך אויף'ן שטעל אָבגעלאָזט. דאָס איז דאָך מערקווירדיג! האָב איך ביי זיך געטראַכט. כ'האָב ווידער אַרויפגעלייגט די האַנד אויף די האָר, — דאָ איז שוין דאָס קאַלטע מעהר ניט געווען.

כ'האָב געטראַכט:

וואָס פאַר אַ קאַלטע זאַך האָט דאָס פּאָרט געקענט זיין, וואָס איז אַרונטערגעפאַלען פון דער סטעליע און האָט מיר געטראָפען אויף'ן קאָפּ?

כ'האָב אָנגענומען אַ פולען אָרם מיט האָלץ און בין אַריין צוריק

אין דער דיענער־שטוב, כ'האָב איינגעהייצט און געוואַרט ביז עס איז געוואָרען ליכטיג אין אוווען־טהירעל.

דאַן האָב איך אַרויסגענומען דעם צאָהן און די פּייל.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אַן פענסטער.

כ'האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ. ביים פענסטער איז געשטאַנען אַ מאַן, מיט'ן פּנים פּעסט צוגעדריקט צו דער שויב. ער איז מיר געווען פרעמד, כ'האָב איהם ניט געקענט, און איך האָב דאָך געקענט יעדען איינעם אין דעם גאַנצען קירך־בעציךק. ער האָט געהאַט אַ רויטע באָרד און האָט געטראָגען אַ רויט וואָלען שאַלכעל אַרום האַלז און אַ ברייטען הוט אויף'ן קאָפּ. איבער וואָס איך האָב דאַמאָלס ניט נאָכגעדיינקט, נאָר וואָס מיר איז שפּעטער אַרויף אויף'ן זינען, איז פאָלגענדעס: ווי האָב איך אָט דעם קאָפּ געקענט זעהן אַזוי דייטליך אין דער פינסטער, דער עיקר אויף דער זייט פון'ם הויז, וואו די לבנה האָט אפילו ניט געשיינט? דאָס געזיכט האָב איך געזעהן מיט אַן ערשרעקענדער דייטליכקייט, ס'איז געווען בלייך, כמעט ווייס, און זיינע אויגען האָבען מיט אַ פערגליווערטען בליק געקוקט גלייך אויף מיר.

ס'געהט אַריבער אַ מינוט.

מיט אַמאָל הויבט דער מאַן אָן צו לאַכען.

ס'איז ניט געווען קיין געלעכטער, וואָס מען האָט געקענט הערען; דאָס מויל האָט זיך ברייט פונאַנדערגעעפענט און די אויגען האָבען געקוקט ווי פריהער, נאָר דער מאַן האָט געלאַכט.

כ'האָב אַרונטערגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע אַלעס, וואָס איך האָב געהאַט אין די הענד, און אַן אייז־קאַלטער שוידער איז מיר דורכגעלאָפען פון קאָפּ ביז די פיס. אין דער אונגעהייערער מויל־הייהל פון'ם לאַכענדען געזיכט, וואָס האָט זיך צוגעדריקט צום פענסטער, האָב איך פלוצלינג ענטדעקט אַ שוואַרצען לאָך אין דער רייה פון די צייהנער, — ס'האָט געפעהלט אַ צאָהן.

ווי פערגליווערט פון שרעק בין איך געזעסען און האָב געקוקט גלייך צום פענסטער. ס'איז אַריבער נאָך אַ מינוט. דאָס געזיכט האָט אָנגעהויבען אָננעהמען אַ פאַרב, ס'איז געוואָרען שטאַרק רויט; נאָר דאָס לאַכען האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט. איך בין געבליבען ביים פולען זינען, כ'האָב בעמערקט אַלעס, וואָס האָט זיך געטהאָן אַרום מיר; דאָס פייער האָט בעלויכטען גאַנץ העל און געוואָרפען אַ קליינעם שיין ביז אויף דער אַנדערער וואַנד, וואו ס'איז געשטאַנען אַ לייטער. כ'האָב אויך געהערט דעם טיק־טאַק פון אַ זייגער, וואָס איז געהאַנגען אין אַ זויטען־

שטוב אויף דער וואַנד. אַזוי דייטליך האָב איך אַלעס געזעהן, אַז איך האָב זאָגאַר בעמערקט, אַז דער אויבערשטער טהייל פֿון הוט, וואָס דער מאַן האָט איצט געהאַלטען אין דער האַנד ביים פֿענסטער, איז געווען שוואַרץ און אָבגענוצט, נאָר אַרום און אַרום האָט ער געהאַט אַ גרין־געמאָלטען ראַנד.

מיט אַמאָל האָט דער מאַן אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער שויב, גאַנץ לאַנגזאַם אַראָב, אַלץ ווייטער און ווייטער, אַזוי אַז ער איז ענדליך געווען אונטער'ן פֿענסטער. ס'האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי ער גליטשט זיך אַריין אין דער ערד. איך האָב איהם מעהר ניט געזעהן.

מיין שרעק איז געווען אונבעשרייבליך, כ'האָב אָנגעהויבען ציטערן. כ'האָב גענומען זוכען דעם צאָהן אויף דער פּאָדלאָגע, אָבער איך האָב ניט געוואָגט אַראָבצונעהמען קיין אויג פֿון פֿענסטער, — פֿילייכט קען זיך דאָס גערזיכט נאָך אַמאָל בעווייזען.

אַז איך האָב געפֿונען דעם צאָהן, האָב איך איהם געוואָלט גלייך אַוועקטראָגען צוריק אויף'ן בית עולם, נאָר איך האָב ניט געהאַט קיין מוטה דערצו. איך בין נאָך אַלץ געזעסען אַליין און האָב זיך ניט גע־קענט ריהרען פֿון אָרט. איך דערהער טריט אויף'ן הויף און מיין, אַז דאָס איז איינע פֿון די דיענסטען, וואָס געהט אַרום מיט איהרע הילצערנע פּאַנטאָפֿעל; איך סמייע אָבער ניט זי צו רופֿען, און די טריט געהען פֿערביי. אַ גאַנצע אייביגקייט געהט אריבער. דאָס פֿייער אין אויווען הויבט אָן אויסברענען, און עס ווייזט זיך פֿאַר מיר קיין שום רעטונג ניט.

דאָ ביים איך צונויף די צייהן און שטעה אויף. איך עפֿען די טהיר און געה אַרויס הינטערוויילאַכס פֿון שטוב, ניט אַראָבנעהמענדיג קיין אויג פֿון פֿענסטער, וואו דער מאַן איז געשטאַנען. אַרויסקומענדיג אויף'ן הויף, לויף איך אַריבער אין שטאַל; כ'האָב געוואָלט בעטען איינעם פֿון די דיענער מיטצוגעהן מיט מיר אויף'ן בית עולם.

נאָר די משרתים זיינען ניט געווען אין שטאַל.

איצט אונטער'ן פֿרייען הימעל בין איך פֿונדעסטוועגען געוואָרען אַביסעל דרייסטער, און איך האָב בעשלאָסען אַליין אַרויפֿצוגעהן אויף'ן בית עולם; דורך דעם, האָב איך זיך געטראַכט, וועל איך אויך אויס־מיידען, אַז אימיצער זאָל זיך דערוויסען דערפֿון, און איך וועל שפּעטער פֿערשפּאָרען צו האָבען צרות פֿון דעם פֿעטער.

און איך האָב זיך איינער אַליין אַרויפֿגעלאָזט אויף'ן בערגעל.

דעם צאָהן האָב איך געטראָגען אין מיין טאַשענטיכעל.

אויבען ביים טויער פֿון בית עולם בין איך געבליבען שטעהן, —

מיין מוטה איז ווייטער ניט געגאַנגען. איך הער דאָס אייביגע רוישען פֿון דער גלימאַ, ווייטער איז אַלעס שטיל. אין טויער פֿון בית עולם איז ניט געווען קיין טהיר, נאָר אַ בויגען, דורך וועלכען מען פֿלעגט דורכגעהן. פֿול מיט פּחד שטעל איך זיך אויף איין זייט פֿון דעם דאָזיגען בויגען און שטעק פֿאָרזיכטיג דורך דעם קאָפּ דורך דער עפֿנונג, כדי צו זעהן, אויב איך וועל האָבען מוטה ווייטער צו געהן.

דאָ פֿאַל איך פּלוצלינג אַנידער אויף די קניע.

אַ שטיק פֿון דער אַנדער זייט טויער, דאָרט אינעווייניג צווישען די קברים, איז געשטאַנען מיין מאַן מיט'ן ברייטען הוט. ער האָט ווידער געהאַט דאָס בלייכע, ווייסע געזיכט, און ער האָט עס אויסגעדרעהט גלייך צו מיר, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט ער מיט דער האַנד אָנגעצייגט פֿאָרווערטס, אַרויף צום בית עולם צו.

דאָס האָט מיר אויסגעזעהן ווי אַ בעפֿעהל, נאָר איך האָב ניט געוואַגט צו געהן. אַ היבשע ווײַלע בין איך געלעגען און האָב געקוקט אויף דעם מאַן, כ'האָב זיך שטומערהייט געבעטען ביי איהם און ער איז געשטאַנען רוהיג און שטיל און האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

דאָ איז געשעהן עפּעס, וואָס האָט מיר ווידער געגעבען אַביסעל מוטה: כ'האָב געהערט, ווי איינער פֿון די משרתים געהט אַרום אונטען ביים שטאַל און פֿייפֿט. אָט דער צייכען פֿון לעבען אַרום מיר האָט געווירקט, אַז איך האָב זיך אויפֿגעהויבען. דאָ האָט זיך דער מאַן ביסלאַכוויז גענומען ריהרען פֿון אָרט, ער איז ניט געגאַנגען, ער האָט זיך געגליטשט איבער די קברים, אימער אָנווייזענדיג מיט דער האַנד פֿאָראויס. איך בין דורכגעגאַנגען דורך'ן טויער. דער מאַן האָט מיך געצווינגען ווייטער. כ'האָב געמאַכט עטליכע טריט און דאַן בין איך געבליבען שטעהן; כ'האָב מעהר ניט געקענט. מיט אַ ציטערענדער האַנד האָב איך אַרויסגענומען דעם ווייסען צאָהן פֿון טאַשענטיכעל און האָב איהם מיט אַלע כוחות אַ וואָרף געטהאָן אויף'ן בית עולם. אין דער רגע האָט זיך די אייזערנע שטאַנג אויף'ן קירכטהורם אַרומגעדרעהט אַרום און אַרום און דער קווטשעדיגער געשריי איז מיר דורך דורך אַלע גלידער. מיט אימפּעט בין איך אַרויס פֿון טויער, אַרונטערגעלאָפֿען דאָס בערגעל און גלייך אַהיים. אַז איך בין אַריינגעקומען אין קיך, האָבען זיי מיר געזאָגט, אַז מיין געזיכט איז ווייס ווי שנעע. — — —

אַסך יאָהרען זיינען שוין אַריבער זינט דאַן, אָבער איך קען זיך נאָך דערמאָנען יעדע קלייניגקייט. איך זעה זיך נאָך ליגענדיג אויף די קניע פֿאַר דעם טויער פֿון בית עולם, און איך זעה דעם מאַן מיט דער רויטער באָרד.

זיין עלטער קען איך זאָגאַר אונגעפֿעהר ניט אָנגעבען. ער האָט געקענט אַלט זיין צוואַנציג יאָהר, ער האָט אויך געקענט זיין פֿערציג. אַזוי ווי ס'איז ניט געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב איהם גע-זעהן, האָב איך אויך שפּעטער זיך נאָך אַלץ געגריבעלט איבער דער דאָזיגער פֿראַגע; אָבער איך ווייס נאָך אַלץ ניט, וואָס צו זאָגען מכח זיין עלטער. — — —

מעהר ווי איין אָבענד און מעהר ווי איין נאַכט איז דער מאַן געקומען. ער האָט זיך געוויזען, געלאַכט מיט זיין ברייט פֿונאַנדערגע-עפֿענטען מויל, אין וועלכען ס'האָט געפֿעהלט אַ צאָהן, און איז פֿער-שוואונדען. ס'איז אויסגעפֿאַלען אַ שנעע, און איך האָב ניט געקענט אַרויפֿגעהן אויף'ן בית עולם און בעגראָבען דעם צאָהן אין דער ערד. און דער מאַן איז ווידער און ווידער געקומען, אָבער וואָס ווייטער אַלץ זעלטענער, דעם גאַנצען ווינטער נאָכאַנאַנד. מיין שווידערליכער פּחד פֿאַר איהם איז שוואַכער, קלענער געוואָרען; אָבער ער האָט מיין לעבען זעהר אונגליקליך געמאַכט, יאָ, אונגליקליך אָהן אַ שיעור. אין יענע טעג פֿלעגט עס אָפֿט זיין פֿאַר מיר אַ געוויסע פֿרייד, ווען איך האָב געדיינקט, אַז איך וואָלט געקענט מאַכען אַ סוף צו מיינע יסורים, זיך אַריינוואַרפֿענדיג אין דער גלימאַ.

דאַן איז געקומען דער פֿריהלינג און דער מאַן איז פֿאָלשטענדיג פֿערשוואונדען.

פֿאָלשטענדיג? ניין, ניט פֿאָלשטענדיג, נאָר פֿאַר דעם גאַנצען זומער. דעם קומענדען ווינטער האָט ער זיך ווידער געיאַוועט. נור איין מאָל האָט ער זיך געוויזען, דאַן איז ער אַ לאַנגע צייט אויסגעבליבען. דריי יאָהר נאָך מיין ערשטער בעגעגעניש מיט איהם האָב איך פֿערלאָזען דאָס נאָרדלאַנד און בין אַ יאָהר צייט געווען אַוועק. אַז איך האָב זיך אום-געקעהרט צוריק, בין איך שוין געווען קאָנפֿירמירט און, ווי איך האָב זיך אַליין געהאַלטען, אַ גרויסער, דערוואַקסענער מאַן. איך האָב שוין מעהר ניט געוואוינט ביי מיין פֿעטער אויף'ן פּאַסטאָר-הויף, נאָר אין דערהיים ביי מיינע עלטערן.

איין אָבענד, ס'איז געווען אָסיען-צייט, ווען איך האָב זיך גראָד געלייגט שלאָפֿען, האָב איך דערפֿיהלט אַ קאַלטע האַנד אויף מיין שטערן. כ'האָב אויפֿגעעפֿענט די אויגען און דערזעהן דעם מאַן לעבען מיר. ער איז געזעסען ביי מיר אויף'ן בעט און האָט מיך אָנגעקוקט. איך בין ניט געווען אַליין אין צימער, נאָר צוזאַמען מיט צוויי פֿון מיינע שוועסטער;

אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָב איך זיי קיינעם ניט גערופֿען. בשעת איך האָב דערפֿיהלט דעם קאַלטען דרוק אויף מיין שטערן, האָב איך אַ מאָך געטהאָן מיט דער האַנד אַרום מיר און געזאָגט: „ניין, געה אַוועק!" מיינע שוועסטער האָבען פֿון זייערע בעטען געפֿרעגט, מיט וועמען איך רעד דאָס.

נאָכדעם ווי דער מאַן איז אַ ווײלע געזעסען שטיל, האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרומוויגען מיט דעם אויבערשטען טהייל פֿון זיין קערפּער אַהין און אַהער. דערביי איז ער אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען אין הויך, ענדליך האָט ער כמעט אָנגעשפּאַרט ביז דער סטעליע, און אַזוי ווי ער האָט, ווייזט אויס, ניט געקענט קומען קיין סך ווייטער, האָט ער זיך אויפֿגעהויבען, איז מיט שטילע טריט אַוועק פֿון מיין בעט און איז צוגעגאַנגען צום אויווען, וואו ער איז פֿערשוואונדען. איך האָב די גאַנצע צייט פֿון איהם קיין אויג ניט אַראָבגענומען.

ער איז מיר נאָך קיינמאָל ניט געוועזען אַזוי נאָהענט ווי דאָס מאָל; כ'האָב איהם אַריינגעקוקט גלייך אין געזיכט אַריין. זיין בליק איז געוועזען פּוסט און פֿערלאָשען, ער האָט געקוקט צו מיר, אָבער ס'האָט אויסגע-זעהן, אַזוי ווי ער קוקט אַריבער מיר, דורך מיר דורך, ווייט אין אַן אַנדער וועלט אַריין. כ'האָב בעמערקט, אַז ער האָט גראָע אויגען. ער האָט ניט געמאַכט קיין בעוועגונג מיט'ן געזיכט און ער האָט ניט גע-לאַכט. בשעת איך האָב אָבגעשלאָגען זיין האַנד פֿון מיין שטערן און געזאָגט: „ניין, געה אַוועק!" האָט ער זיין האַנד לאַנגזאַם צוריקגענומען. אין די עטליכע מינוטען, וואָס ער איז געזעסען ביי מיר אויף'ן בעט, האָט ער קיין איין פינטעל ניט געטהאָן מיט די אויגען. — —

אין עטליכע מאָנאַטען אַרום, ווען ס'איז געוואָרען ווינטער און איך בין ווידער אַוועקגעפֿאָהרען פֿון דערהיים, האָב איך זיך אַ צייט-לאַנג אויפֿגעהאַלטען ביי אַ סוחר מיט'ן נאָמען וו., וועמען איך האָב צוגעהאָל-פֿען אין קלייט און ביי איהם אין קאָנטאָר. דאָ האָב איך דעם מאַן גע-זעהן צום לעצטען מאָל.

איין אָבענד געה איך אַרויף צו זיך אין צימער, צינד אָן אַ לאָמפּ און טהו זיך אויס. איך וויל ווי געוועהנליך אַרויסשטעלען מיינע שיך, כדי דאָס דיענסטמיידעל זאָל זיי אָבפּוצען, איך נעהם די שיך אין דער האַנד און עפֿען די טהיר.

דאָ שטעהט ער אין קאָרידאָר, האַרט לעבען מיר, דער מאַן מיט דער רויטער באָרד.

איך ווייס, אַז אין דעם צווייטען צימער ביי דער זייט זיינען דאָ

טענשען, דערום האָב איך קיין מורא ניט. איך מורמעל: „וואָס זשע, ביזט שוין ווידער דאָ?“ גלייך נאָכדעם עפֿענט דער מאַן ווידער אויף זיין גרויסען מויל און הויבט אָן צו לאַכען. דאָס האָט שוין מעהר ניט געמאַכט קיין דערשרעקענדען איינדרוק אויף מיר; אָבער דאָס מאָל בין איך געוואָרען אויפֿמערקזאַמער: דער צאָהן, וואָס האָט געפֿעהלט, איז צוריק געווען אויף זיין אָרט!

פֿיליכט האָט איהם ווער עס איז אַריינגעשטעקט אין דער ערד. אָדער ער איז אין משך פֿון די דאָזיגע יאָהרען צוברעקעלט געוואָרען, האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין שטויב און זיך פֿעראייניגט מיט דעם איבעריגען שטויב, פֿון וועלכען ער איז געווען אָבגעשיידט. איין גאָט נור קען עס וויסען!

דער מאַן האָט צוריק צוגעמאַכט זיין מויל, בעת איך בין נאָך געשטאַנען ביי דער טהיר, דאַן האָט ער זיך אומגעדרעהט און איז אַראָב מיט די טרעפּ, וואו ער איז טיעף אונטען פֿערשוואונדען.

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך איהם קיינמאָל מעהר ניט געזעהן. און עס זיינען שוין זינט דאַן אַריבער אַסך יאָהרען. — — —

אָט דער מאַן, אָט דער רויט־באָרדיגער שליח פֿון'ם לאַנד פֿון די מתים, האָט מיר דורך דעם אונבעשרייבליכען שרעק, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין מיין קינדער־לעבען, אָנגעטהאָן זעהר פֿיעל שאָדען. איך האָב אין מיין לעבען געהאַט מעהר ווי איין פֿאַנטאַסטישע פֿאָרשטעלונג, מעהר ווי איין מאָרגעם צוזאַמענשטויס מיט אונערקלעהרליכע ערשיינונגען, — אָבער קיין זאַך האָט מיך ניט אַזוי טיעף דורכגענומען ווי דאָס.

און דאָך האָט ער מיר פֿיליכט ניט אויסשליסליך שאָדען אָנגעטהאָן, אָט דער געדאַנק איז מיר אָפֿט אַרויף אויף'ן זינען. איך האָב זיך געקענט פֿאָרשטעלען, אַז ער איז געווען איינע פֿון די ערשטע אורזאַכען, וועלכע האָבען געפֿיהרט דערצו, איך זאָל זיך אויסלערנען צוזויפֿבייסען די צייהן און זיך מאַכען האַרט. אין מיין שפּעטערדיגען לעבען איז דאָס מיר גאַנץ אָפֿט צונייץ געקומען.

טויט-שרעק.

כ'האָב איינענטליך קיינמאָל ניט געוואוסט, וואָס טויט־שרעק איז, ביז איינמאָל, בעת איך בין געווען אין אַמעריקאַ. ניט מחמת דעם וואָס מיין דרייסטקייט איז אַזוי גרויס, נאָר ווייל זי איז ביז דאַן קיינמאָל ניט געשטעלט געוואָרען ריכטיג אויף דער פּראָבע. דאָס איז געווען אין יאָהר 1884.

דאָרט אין דער סטעפּע ליגט אַ קליינע שטאָדט, וועלכע הייסט מאַדעליאַ, אַ קלעגליכער, מיאוס'ער נעסט מיט זיינע העסליכע הייזער, זיינע טראָטואַרען פון באַלקען־אָבפאַל און זיינע אונפריינדליכע מענשען. דאָ איז אויך געווען דער אָרט, וואו דזשעסי דזשיימס, אַמעריקאַ'ס בלוט־דורשטיגסטער, שרעקליכסטער רויבער איז ענדליך געפּאַקט און דער־הרג'עט געוואָרען. אַהער איז ער געקומען, דאָ האָט ער זיך בעהאַלטען, אַ פּאַסענדער אָרט פאַר דעם דאָזיגען שד, וואָס האָט אַ גאַנצע רייה פון יאָהרען אונזיכער געמאַכט די פרייע שטאַאַטען מיט זיינע אָנפאַלען, זיינע רויבערייען און זיינע מאָרד־טהאַטען.

אַהער בין איך אויך געקומען, — נאָר מיט דער פריעדליכערער אַבזיכט, אַרויסצוהעלפען אַ בעקאַנטען מיינעם פון אַ פערלעגענהייט.

אַן אַמעריקאַנער מיט'ן נאָמען דזשאָהנסטאָן איז געווען לעהרער אין דער „מיטעל־שולע" פון אַ שטאָדט אין וויסקאָנסין, וואו איך האָב זיך בעקענט מיט איהם און מיט זיין פרוי. אַ שטיקעל צייט נאָכדעם האָט דער דאָזיגער מאַן אויפגעגעבען זיין שטעלע און זיך גענומען צו פּראַקטישער טהעטיגקייט; ער איז אַוועקגעפאָהרען אין דעם שטעדטעל מאַ־דעליאַ און האָט דאָרט געעפענט אַ האָלץ־געשעפט. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ יאָהר צייט אָבגעגעבען מיט דעם דאָזיגען מסחר, האָב איך ערהאַלטען פון איהם אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט מיך געבעטען, אויב מיר איז נור מעגליך, צו קומען קיין מאַדעליאַ און אַכטונג געבען אויף זיין געשעפט, אין דער צייט וואָס ער און זיין פרוי וועלען מאַכען אַ

רייזע אין די מזרח־שטאַאַטען. איך האָב דאַן גראָד ניט געהאַט וואָס צו טהאָן, בין איך געפֿאָהרען קיין מאַדעליאַ.

אין אַ פֿינסטערן ווינטער־אָבענד בין איך אָנגעקומען אויף׳ן וואָקזאַל, וואו דזשאָהנסטאָן האָט מיך אָבגעוואַרט; איך בין אַוועק מיט איהם אַהיים, וואו מען האָט מיר אָבגעגעבען אַ צימער פֿאַר זיך. זיין הויז איז געלעגען אַ גאַנצע שטרעקע אַרויס פֿון דער אייגענטליכער שטאָדט. מיר האָבען פֿערבראַכט אַ גרויסען טהייל פֿון דער נאַכט דערמיט, כדי מיר ווי עס איז בעקאַנט צו מאַכען מיט די איינצעלהייטען פֿון דעם האָלץ־געשעפֿט, וועלכע זיינען מיר געווען אַזוי פֿרעמד. אויף מאָרגען אין דערפֿריה האָט מיר דזשאָהנסטאָן מיט אַ שפּאַס דערלאַנגט זיין רע־וואָלווער, און אַ פּאָר שטונדען שפּעטער איז ער מיט זיין פֿרוי געזעסען אין אייזענבאַהן־צוג.

אַזוי ווי איך בין געווען אַליין אין הויז, האָב איך איבערגעלאָזט מיין צימער און זיך אַראָבגעצויגען אין אונטערשטען עטאַזש, וואו עס איז מיר געווען בעקוועמער צו וואוינען און פֿון וואַנען איך האָב אַחוץ דעם גע־קענט בעסער אַכטונג געבען אויף דאָס גאַנצע הויז. איך האָב זיך אויך בענוצט מיט דעם בעט פֿון׳ם פּאָר־פֿאָלק.

עטליכע טעג זיינען אַריבער. איך האָב פֿערקויפֿט באַלקענס און ברעטער, און יעדען אָבענד פֿלעג איך אַריינטראָגען דאָס געלייזטע מזומן׳ע געלד פֿון אַ גאַנצען טאָג אין באַנק אַריין, וואו איך האָב געקריגען אַ קוויטאַנציע און זי אַריינגעטראָגען צו מיר אין בוך.

אין הויז האָבען זיך אַלזאָ ניט געפֿונען קיין אַנדערע מענשען, איך בין געווען איינער אַליין. כ׳האָב זיך אַליין צוגעגרייט מיין עסען, גע־מאָלקען און בעזאָרגט דזשאָהנסטאָן׳ס צוויי קיה, געבאַקען ברויט, גע־קאָכט און געבראָטען. דאָס ערשטע ברויט, וואָס איך האָב געבאַקען, איז פֿונדעסטוועגען גאָר ניט געראָטען; כ׳האָב געהאַט גענומען צופֿיעל מעהל, דאָס ברויט איז ניט געווען גוט דורכגעבאַקען, ס׳האָט געהאַט אַ שלייפֿיגען ראַנד און איז שוין אויף מאָרגען געווען האַרט ווי שטיין. שלעכט איז מיר אויך געגאַנגען, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געוואָלט אָבקאָכען מילכיגע גרייפּלאַך. אין קלייט האָב איך געפֿונען אַ האַלבען שעפֿעל וואונדער־שעהנע גערשטענע גרויפּען, וועלכע האָבען מיר אויס־געוויזען זעהר פּאַסיג פֿאַר מיין זופּ. כ׳האָב אַריינגעגאָסען מילך אין אַ קאָך־טאָפּ, „אַריינגעטהאָן״ די גרייפּלאַך און אָנגעהויבען מישען. באַלד האָב איך אָבער איינגעזעהן, אַז מיין זופּ איז געוואָרען צו געדיכט, האָב איך דערגאָסען נאָך מילך. דאַן האָב איך ווידער געמישט. אָבער די

גרייפלאַך האָבען זיך געקאָכט און זיך אויפגעבלאָזען און זיינען געוואָרען אַזוי גרוים ווי אַרבעס, און דאַן איז ווידער געוואָרען צו ווייניג מילך; אַחוץ דעם איז די קאַשע אַזוי שנעל געוואַקסען און האָט זיך געהויבען אין דער הויך, אַז דער טאָפּ האָט געהאַלטען ביים איבערלויפען. האָב איך אָנגעהויבען אָבשעפּען אין שאָלען און שיסלען, אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָט דער טאָפּ נאָך אַלץ געוואָלט איבערלויפען. כ'האָב געבראַכט נאָך שאָלען און שיסלען און אַלע זיינען אָנגעפּילט געוואָרען. אָבער דער טאָפּ האָט נאָך אַלץ געוואָלט איבערלויפען. און ס'האָט נאָך אַלץ געפּעהלט מילך; די זופּ איז געווען און איז געבליבען געדיכט ווי קאַשע. ענדליך האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, כ'האָב אויסגעקעהרט דעם גאַנצען קאָך־טאָפּ אויף אַ טיש, אויף אַן איינפאַכען, הילצערנעם טיש. און די גרויפען האָבען זיך אַ גאָס געטהאָן ווי אַ גרויסאַרטיג שטיקעל לאַוואַ און האָבען זיך גאַנץ שטיל און גוט און געדיכט אַוועקגעלייגט אָברוהען אויף'ן טיש און זיינען געוואָרען שטייף.

איצט האָב איך אַזוי צו זאָגען געהאַט „מאַטעריאַ פּרימאַ", רויהען שטאָף, און יעדעס מאָל, ווען איך האָב געוואָלט עסען גרייפלאַך מיט מילך, האָב איך נור אָבגעשניטען אַ שטיק קאַשע פון טיש, עס אויסגעמישט מיט מילך און אויפגעקאָכט. טאָג אויס טאָג איין, צו אַלע מאָהלצייטען האָב איך געגעסען גרייפלאַך ווי אַ העלד, כדי פון זיי פּטור צו ווערן. ס'איז ווירקליך געווען אַ שווערע שטיק אַרבייט, נאָר איך האָב ניט געקענט קיין איין מענשען אין שטאָדט, וועמען איך וואָלט געקענט פערבעטען צו מיר, ער זאָל מיר העלפען אויפעסען מיינע גרייפלאַך.

און סוף כל סוף האָב איך זיי אויך איינער אַליין ביינעקומען. — — —

ס'איז געווען זעהר איינזאַם אין אָט דעם גרויסען הויז פאַר אַן איינצעלנעם מענשען פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר. די נעכט שטאָקפינסטער, און עס זיינען ניט געווען קיין שכנים אויף דעם גאַנצען וועג, ביז אין שטאָדט אַריין. נאָר דאָך האָב איך זיך ניט געשראָקען, ס'איז מיר גאָר אויף'ן זינען ניט אַרויף זיך צו שרעקען. און אַז מיר האָט זיך צוויי נעכט נאָכאַנאַנד געדוכט, אַז איך הער אַ פערדעכטיגען גערויש ביים שלאָס פון דער קיך־טהיר, בין איך אויפגעשטאַנען, האָב גענומען דעם לאָמפּ און בעקוקט די קיך־טהיר פון אינעווייניג און פון דרויסען. אָבער איך האָב ניט געפונען קיין פערדעכטיגעס אויף'ן שלאָס. און דעם רעוואָלווער האָב איך אויך ניט געהאַט אין דער האַנד.

אָבער עס איז געקומען אַ נאַכט, אין וועלכער אויף מיר איז אָנגעפאַלען אַזאַ מורא'דיגער שרעק, ווי איך האָב איהם פריהער אָדער שפּעטער

קיינמאָל ניט געהאַט. און נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָב איך ניט געקענט פאַרגעסען דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער דאָזיגער נאַכט.

ס'איז געווען אין אַ טאָג, ווען איך האָב געהאַט צו טהאָן מעהר ווי געוועהנליך; כ'האָב געמאַכט עטליכע גרויסע געשעפטען און געאַרבייט ביז שפעט אין אָבענד אַריין. אַז איך בין ענדליך פאַרטיג געוואָרען מיט מיין אַרבייט, איז געוואָרען אַזוי שפעט, אַז עס האָט אָנגעהויבען ווערן פינסטערלאַך און די באַנק איז שוין געווען צוגעמאַכט. איך האָב אַלזאָ ניט געקענט אַוועקלייגען די איינגאַהמע פון טאָג אין באַנק, ווי מיין שטייגער איז געווען צו טהאָן; האָב איך מיטגענומען דאָס גאַנצע געלד מיט זיך אַהיים און עס איבערגעצעהלט: עס זיינען געווען 7 ביז 800 דאָלאַר.

ווי געוועהנליך האָב איך זיך אויך דעם אָבענד אַנידערגעזעצט עפּעס שרייבען; ס'איז געוואָרען שפּעטער און שפּעטער, און איך בין אַלץ נע־זעסען און געשריבען; ס'איז געוואָרען שפעט ביי נאַכט, דער זייגער איז שוין געווען צווי. פּלוצלינג האָב איך ווידער אַמאָל דערהערט דאָס געהיימניספולע גערויש ביי מיין קיך־טהיר!

וואָס איז דאָס געווען אַזוינס?

דאָס הויז האָט געהאַט צוויי טהירען נאָך דרויסען, איינע, וועלכע האָט געפיהרט צו דער קיך און אַן אַנדערע, — די אייגענטליכע הויז־טהיר —, וועלכע האָט אַרויסגעפיהרט אויף אַ פּאָרפלאַץ ביי דעם וואוין־צימער. אָט די הויז־טהיר האָב איך פון זיכערקייט וועגען פערשפּאַרט פון אינעווייניג מיט אַ גראָבען באַלקען. די פאָרהאַנגלאַך פון די פענסטער אין אונטערשטען עטאַזש זיינען געווען אַ פּאַטענט, זיי זיינען געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט פון דרויסען אַבסאָלוט ניט געקענט זעהן קיין שום שיין פון לאָמפּ.

און איצט הער איך אַלזאָ אַ גערויש פון דער קיך־טהיר.

כ'נעהם דעם לאָמפּ אין האַנד און געה צו אַהין. ביי דער טהיר בלייב איך שטעהן און הער זיך צו. אויף דרויסען איז אימיצער דאָ, מען שושקעט זיך און איך הער, ווי אין שנעע ביי דער טהיר שאַרט זיך עפּעס אַרום אַהין און אַהער. אַ ווײַלע שטעה איך אַזוי און האָרך זיך איין, די שושקעריי הערט אויף און אין דערזעלבער צייט קומט מיר פאָר, אַזוי ווי איך וואָלט געהערט די טריט אַוועקגעהן פון דאַנען. דאַן איז אַלעס שטיל געוואָרען.

איך געה אַריין צוריק אין צימער און הויב ווידער אָן צו שרייבען.

אַ האַלבע שטונדע איז אַריבער.

מיט אַמאָל שפּרינג איך אויף אין דער הויך — די טויז־טהיר איז איינגעבראָכען געוואָרען. ניט נור דער שלאָס, נאָר אויך דער שפּאַר־באַלקען אין דער טהיר איז צושמעטערט געוואָרען, און איך האָב געהערט טריט אויף'ן פֿאָרפּלאַץ גראָד פֿאַר מיין טהיר. דער איינברוך האָט נור געקענט געמאַכט ווערן דורך אַ שטאַרקען אָנלויף און מיט פֿעראייניגטע קרעפֿטען פֿון עטליכע פּערזאָנען, וואָרים דער שפּאַר־באַלקען איז געוועזן שטאַרק.

מיין האַרץ האָט ניט געקלאַפּט, ס'האָט געציטערט. כ'האָב ניט אַרויסגעלאָזט קיין געשריי, קיין קלאַנג פֿון מיר, נאָר איך האָב געפֿיהלט, ווי מיין האַרץ הויבט זיך ביז אויבען צו מיר אין האַלז, ס'איז מיר איינפֿאַך שווער געוועזן צו אָטהעמען. אין די ערשטע סעקונדען בין איך געוועזן אַזוי דערשראָקען, אַז איך האָב כמעט ניט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט. מיט אַמאָל איז מיר אַרויף אויף'ן זינען, אַז איך מוז ראַטעווען דאָס געלד. איך בין אַריין אין שלאָפֿצימער, האָב אַרויסגענומען מיין טאַשענבוך פֿון קעשענע און עס בעהאַלטען אין בעט אונטער'ן מאַטראַץ. דאַן בין איך צוריק אַריין אין שטוב. דאָס אַלעס האָט זיכער ניט גענומען קיין מינוט צייט.

אויף דרויסען לעבען מיין טהיר האָט מען שטילערהייט גערעדט און זיך געפּאָרעט ביים שלאָס. כ'האָב אַרויסגענומען דזשאָהנסטאָן'ס רעוואָלווער און איהם אונטערזוכט; ער האָט געאַרבייט. מיינע הענד האָבען שטאַרק געציטערט און איך האָב קוים געקענט איינשטעהן אויף די פֿיס. אַזוי האָט עס געהאַלטען מיט מיין מוטה.

מיינע אויגען זיינען געפֿאַלען אויף דער טהיר, זי איז געוועזן אויסערגעוועהנליך סאָליד, פֿון דיקע ברעטער מיט שטאַרקע קוואַר־באַלקענס; עקסטראַ גוטע סטאָליער־אַרבייט. די מאַסיווע טהיר האָט מיר געגעבען מוטה, און איך האָב ווידער אָנגעהויבען ד י נ ק ע ן, — וואָס איך האָב ביז אַהער כמעט ניט געטהאָן. די טהיר האָט זיך געעפֿענט צו ד ר ו י ס ע ן צו, ס'איז אַלזאָ געוועזן אַן אונמעגליכקייט זי איינצוברעכען דורך אַן אָנלויף. דערצו איז דער פֿאָרפּלאַץ געוועזן צו שמאָל, און עס איז איינפֿאַך ניט געוועזן גענוג אָרט צו מאַכען אַן אָנלויף. דאָס אַלעס איז מיר אַרויף אויף'ן זינען און איך האָב זיך פּלוצלינג געפֿיהלט מוטהיג ווי אַ טורין; כ'האָב אַרויסגעשריען, אַז איך וועל דערשיסען אויף טויט יעדען איינעם, וואָס וועט זיך אַריינרייסען. כ'האָב זיך אַזוי ווייט ערהוילט, אַז איך אַליין האָב געהערט און פֿערשטאַנען וואָס איך האָב געזאָגט; און אַזוי

זוי איך האָב גערעדט נאַרוועגיש, האָב איך גלייך איינגעזעהן די נאַריש־קייט דערפֿון און ווידערהוילט הויך אויף׳ן קול מיין וואָרנונג אויף ענגליש. קיין ענטפֿער. כדי צו געוועהנען מיינע אויגען צו דער פֿינסטער, אין פֿאַל די פֿענסטער ווערן אויסגעזועצט און דער לאָמפּ וועט זיך פֿערלעשען, האָב איך גלייך אַליין פֿערלאָשען דעם לאָמפּ. אַצונד בין איך געשטאַנען אין דער פֿינסטער, די אויגען אָנגעשטעלט אויף די פֿענסטער, מיט׳ן רעוואָלווער אין דער האַנד. ס׳איז אַריבער אַ היבשע ווײלע. איך בין געוואָרען אַלץ דרייסטער, און ענדליך האָב איך אַרויסגעשריען:

„נו, וואָס האָט איהר פֿאַרט בעשלאָסען צו טהאָן? ווילט איהר אַוועקגעהן אָדער אַריינקומען? ווייל איך וויל שלאָפֿען!"

אין אַ ווײלע אַרום האָט אַ פֿערקיהלטע באַס־שטימע געענטפֿערט:

„מיר געהען אַוועק, דו הונדס־זוהן!"

און איך האָב געהערט ווי אימיצער איז אַרונטער פֿון דעם פֿאָר־פּלאַץ און האָט אַוועקגעבראָדזשעט אין שנעע.

דער אויסדרוק „הונדס־זוהן" איז דאָס נאַציאָנאַלע זידעל־וואָרט פֿון אַמעריקאַ — און אויך פֿון ענגלאַנד — און אַזוי ווי איך האָב בשום אופן נים געקענט דערלאָזען, אַז מען זאָל מיך רופֿען מיט דעם נאָמען און איך זאָל גאָר קיין ענטפֿער נים געבען דערויף, האָב איך געוואָלט עפֿענען די טהיר און שיסען אויף די באַנדיטען. דאָך האָב איך זיך גלייך צוריקגעהאַלטען דערפֿון; אין דער לעצטער רגע איז מיר אַרויף אַ גע־דאַנק, ס׳קען דאָך מעגליך זיין, אַז נור איינער פֿון זיי איז אַוועק פֿון דעם פֿאָרפּלאַץ, בעת ווען דער אַנדערער וואַרט דערויף, איך זאָל עפֿע־נען די טהיר, כדי אַרויפֿצופֿאַלען אויף מיר. דערום בין איך צוגעגאַנגען צו איינעם פֿון די פֿענסטער, שנעל ווי אַ בליץ האָב איך אַרויפֿגעלאָזט דאָס פֿאָרהיינגעל ביז אין דער סטעליע און אַרויסגעקוקט אויף דרויסען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זעה אַ דונקעלען פּונקט אין שנעע. מיט אימפעט האָב איך אויפֿגעעפֿענט דאָס פֿענסטער, געצילעוועט אַזוי גוט ווי איך האָב נור געקענט אויף׳ן דונקעלען פּונקט און אויסגעשאָסען. קליק! כ׳האָב נאָך אַמאָל אויסגעשאָסען. קליק! אין מיין אויפֿרעגונג האָב איך אויסגעליידיגט דעם גאַנצען צילינדער, נים ציעלענדיג, ענדליך איז אָבגעפֿייערט געוואָרען איין איינציגער קלעגליכער שאָס. אָבער דער קנאַק האָט אָבגעקלונגען גאַנץ שטאַרק אין דער דורכגעפֿרוירענער לופֿט, און פֿון וועג האָב איך געהערט געשרייען: „לויף! לויף!"

פּלוצלינג איז אַרויסגעשפּרונגען נאָך אַ מאַן פֿון פֿאָרפּלאַץ אין שנעע, איז אַרויף אויף׳ן וועג און פֿערשוואונדען אין דער פֿינסטערניש. איך

האָב ריכטיג געטראָפען: ס'איז געווען נאָך איינער. און אָט דעם איינעם האָב איך אפילו ניט געקענט זאָגען ווי געהעריג איז גוטע נאַכט, מחמת ס'איז געווען בלויז א יין אָרעמער שאָס אין דעם רעוואָלווער, און דעם האָב איך שוין געהאַט פערברויכט.

כ'האָב צוריק אָנגעצונדען דעם לאָמפ, ארויסגענומען דאָס געלד פון בעט און עס אריינגעלייגט צו מיר אין טאַש. און איצט, נאָכדעם ווי איך בין אַלעס איבערגעקומען, בין איך געוואָרען אַזוי שרעקליך פייג, אַז איך האָב ניט געוואַגט זיך צו לייגען שלאָפען אין דעם פאַמיליען-בעט. כ'האָב געוואַרט נאָך אַ האַלבע שעה, ביז ס'האָט אָנגעהויבען טאָגען, דאַן האָב איך אָנגעטהאָן מיין אויבער ראָק און פערלאָזען דאָס הויז. כ'האָב פער-באַריקאַדירט די צובראָכענע טהיר, אַזוי גוט ווי איך האָב געקענט, דערנאָך בין איך שטילערהייט אַראָב אין שטאָדט און האָב אָנגעקלונגען אין האָטעל.

ווער די חברה-לייט זיינען געווען, ווייס איך ניט. צו די פראָפע-סיאָנעלע גנבים האָבען זיי, דוכט זיך, ניט געהערט, וואָרים אין דעם פאַל וואָלטען זיי זיך ניט אָבגעשראָקען פאַר אַ טהיר, דאָרט וואו עס זיינען געווען צוויי פענסטער, דורך וועלכע זיי וואָלטען געקענט אריינ-קומען. נאָר אויך אָט די חברה-לייט זיינען ניט געווען אָהן אַ געוויסע קאַלטע און פרעכע געוואַלט-טהעטיגקייט, וואָרים זיי האָבען צובראָכען דעם שלאָס און דעם שפּאַר-באַלקען פון מיין טהיר.

אָבער אַזוי ציטערן פאַר מיין לעבען האָב איך קיינמאָל ניט געציטערט, ווי אין דער דאָזיגער נאַכט אין דעם שטעדטעל מאַדעליאַ, דזשעסי דזשיימס בעהאַלטונגס-פּלאַץ. עס האָט מיר שוין אויך זינט דאַן מעהר ווי איין מאָל געטראָפען, אַז ווען איך האָב זיך דערשראָקען, איז דאָס קלאַפּען פון מיין האַרצען מיר אַרויף אויבען ביז'ן האַלז און האָט מיר איינפאַך פערכאַפּט דעם אָטהעם, — דאָס איז מיר איבערגעבליבען פון יענער נאַכט. קיינמאָל פריהער האָב איך ניט געהאַט קיין אהנונג פון אַ פחד, וואָס קען זיך אויסדריקען אויף אַזאַ איסערגעוועהנליכען אופן.

———

פאריזער סקיצען.

I

שעהנקייט און קראַפֿט רינגעלט זיך אַרום, אַ גלענצענד און פֿער־ריקט לעבען שטורעמט מיר פֿערביי. ס'איז אַ פֿאָלק פֿון פֿאַקעל־טרעגער. ביי דער מינדעסטער געלעגענהייט ווערט עס בעגייסטערט, לאָזט אָב ראַקעטען און וואַרפֿט אַרום פֿונקען אין דער לופֿטען.

אַלעס איז דאָ צונויפֿגעמישט אינאיינעם: אויסגעלאַסענקייט, קאָ־רופּציאָן, טוגענד, שעהנקייט און קראַפֿט. אין מיטען די ריטהמען פֿון דער גרויסער אַרכיטעקטור און קונסט הערט זיך דער פֿאַלשסטער גע־זאַנג און די נאַאיווסטע מוזיק. וואָס פֿאַר שפּיעל־קעסטלאַך און וואָסערע גאַסען־זינגער אין פּאַריז! און קיין אייןווירקליך גרויסער קאָמפּאָזיטאָר ווייזט זיך ניט אין דער גאַנצער פֿראַנצויזישער קונסט־געשיכטע. די מענשען אויף דער גאַס פּייפֿען אָפֿט אַ מאַרש, אָבער זיי אַליין מאַרשירען ניט אין טאַקט דערצו. אַז די נאַציאָנאַל־וואַך, די ווערסאַליער טרופּען מאַרשירען דורך דער שטאָדט, וואָלט מען איינפֿאַך געקענט ווייגען, זע־הענדיג וואָס פֿאַר טריט זיי שטעלען. זאָגאַר די מאַרסעליעזע קען מען אין אויסלאַנד בעסער הערען שפּיעלען, איידער אין פּאַריז.

אָבער אָט די מענשען צוזאַמענגענומען זינגען און שפּיעלען גערן. די פֿרייד און דאָס לעבען בערוישט זיי און הויבט זיי אויף הויך אין דער לופֿטען. אויף די גאַסען רופֿט מען זיך איינער דעם אַנדערן הויך אויף'ן קול, מען שרייט אויף די פֿערד און מען קנאַקט מיט די לאַנגע בייטשען. און האַנד אין האַנד מיט זייער שטאָלץ, מיט זייער פֿעראַכטונג פֿאַר אַלעס, וואָס איז פֿרעמד, געהט זייער קינדליכע נייגיעריגקייט. טרעפֿען זיי אַ כינעזער אָדער זאָגאַר אַן אַראַבער אויף דער גאַס, דרעהען זיי זיך אום צו איהם און שטעהען און קוקען. אין סאַן פֿראַנציסקאָ קוקט מען זיך אפילו ניט אום אויף אַ ווילדען, וואָס טראָגט אַ רינג אין דער נאָז.

II

ווי לוסטיגע טענצער קומען זיי פֿאָר, ווי דאָס יונגסטע און דריי־סטעסטע פֿאָלק פֿון דער וועלט. און זעלטען, זעהר זעלטען בעמערקט מען אַ פֿערלעצונג פֿון דער פֿ אָ ר ם. זיי האָבען אַלע קולטור אין בלוט, זי׳ מיידען גערן אויס גראָב צו ווערן, זיי ווייסען, ווי אַזוי זיך צו האַלטען אין גלייכגעוויכט. ווי דאָס רוב אַריסטאָקראַטען זיינען זיי קאָנסערוואַטיוו; זיי פֿערזיגלען נאָך היינט־צו־טאָג זייערע בריעף מיט קלייבלע־טלאַך און בענוצען שוועבעלאַך, וואָס זייער שרעקליכער געשטאַנק ווערט נור אינ׳ערשטיגען פֿון דעם עפּוש פֿון די אַמעריקאַנישע שוועבעלאַך. זייער פֿערגאַנגענהייט איז גרויס און זיי לעבען פֿון איהר; אַ גענעראַל אין אוניפֿאָרם ווערט ביי זיי אין די אויגען אַ גאָט, און זיי זיפֿצען נאָך דער מאָנאַרכישער גדולה. די משרתים אין די מיניסטעריומס טראָגען נאָך איצט אַ צוויי־שפּיץ.

„מיין הערר!“ — „מיין הערר!“

ס׳איז נאַכט. ביי דער טהיר פֿון מיין האָטעל זיצט דער קיך־יונגעל, וואָס צוואַשט די געפֿעס, און איינער פֿון די קעכער. זיי זיצען און פלוידערן צוזאַמען נאָך אַ געענדיגטען טאָג אַרביים. דאַן שטעהט דער קיך־יונגעל אויף און זאָגט:

„גוטע נאַכט, מיין הערר!“

און דער קעכער ענטפֿערט:

„גוטע נאַכט, מיין הערר!“

די פֿ אָ ר ם ווערט קיינמאָל ניט פֿערגעסען . . .

איין טאָג קריגט אימיצער אַ בריעף. ס׳איז געווען דער ענטפֿער וועגען אַ „ראַנדע־וואו“, וואָס יענער האָט געבעטען. די יונגע דאַמע איז ערשט ניט לאַנג צוריק אַן אלמנה געוואָרען; זי איז נאָך געגאַנגען אין טרויער און האָט געשריבען אויף פּאַפּיר מיט שוואַרצע ראַנדען. אָבער זי האָט פֿערשפּראָכען זיך צו טרעפֿען מיט׳ן מאַן.

איך וויים, אַז דאָס איז אמת. איך האָב **געזעהן** דעם בריעף מיט די שוואַרצע ראַנדען.

III

אימיצער דערצעהלט:

ס׳איז פֿינף אַזייגער אין דערפֿריה. כ׳בין שוין אויף די פֿיס, ווייל

איך האָב די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿען. כ'פֿיהל זיך אָרעם און פֿער־לאָזען; פֿעהלען פֿעהלט מיר אייגענטליך גאָרנישט, נאָר איך האָב ער־האַלטען אַ בריעף, און דער האָט מיך אין גאַנצען דערשלאָגען.

איך געה אַרויס אין גאַס און שלעפּ זיך אַריין אין אַ קוטשער־שיינק. כ'פֿערלאַנג אַ קאַפֿע מיט קאָניאַק. דאָרט זיצען שוין די פֿוהר־לייט און קריגען זייער אָנבייסען, פֿינף קוטשערס, וועלכע עסען און ריידען הויך.

איך זיץ און האַלט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע אין דער האַנד, כ'בעטראַכט זי און לייען שוין אפשר צום הונדערטסטען מאָל די פּאָר ווערטער, וואָס שטעהען אויף דער אַנדער זייט. כ'בין געבעטען געוואָרען, צו פֿערברענען די פֿאָטאָגראַפֿיע; אָבער איך האָב זי היינט ביינאַכט נ י ט פֿערברענט. כ'דערלאַנג זי דעם קוטשער, וואָס זיצט לעבען מיר, און ער בעקוקט זי, גיט אַ שמייכעל און זאָגט, אַז איך האָב אַ גוטען געשמאַק.

„איהר מוזט אַוודאי אַ טעות האָבען,“ רוף איך זיך אָב, „דאָס איז מיין כלה!“

דאָ לויבט ער מיך נאָך שטאַרקער פֿאַר מיין גוטען געשמאַק. ער דערלאַנגט די פֿאָטאָגראַפֿיע צו זיינע חברים און דערצעהלט זיי, אַז דאָס איז מיין כלה. אַלע בעוואונדערן דאָס בילד און פֿרעהען זיך דערמיט און ריידען הויך און שמייכלען צו דערביי.

„ס'הייסט, זי איז שוין נ י ט מעהר מיין כלה,“ בין איך זיך מודה. „נעכטען אָבענד האָב איך בעקומען איהר לעצטען בריעף. כ'האָב איהם דאָ מיט מיר: דאָ שטעהט איהר זיי געזונד!“

איך ווייז זיי דעם בריעף און דערצעהל, ווי עס האַלט, אַז גאָר פּשוט זי „וויל ניט מעהר“. די פֿוהרלייט קענען ניט לעזען די שפּראַך, אין וועלכער דער בריעף איז געשריבען, נאָר אַז איך ווייז זיי מיט'ן פֿינגער אויף'ן שלעכטען פּלאַץ, נעהמען זיי מיט אַמאָל אָן אַזעלכע ערנסטע פּנים'ער און שאָקלען מיט די קעפּ.

מיר טרינקען צוזאַמען.

ס'איז איצט עטליכע מינוטען נאָך פֿינף. אַ קאָמפּאַניע פֿון הערען און דאַמען לאָזט זיך אַריין מיט אַ געלעכטער אין קאַפֿע־הויז. די נייע געסט קומען אַפּנים פֿון אַן אונטערהאַלטונג, מחמת זיי געהען אָנגעטהאָן ווי צו אַ באַל און זעהען אויס פֿערמאַטערט און בלאַס, אָבער דאָך זעהר לוסטיג. אויך זיי האָבען געהאַט דעם איינפֿאַל אַריינצוקומען אין דעם דאָזיגען קוטשער־שיינק; זיי בעשטעלען קאַפֿע און קאָניאַק. און די פֿוהרלייט דערלאַנגען אויך אָט די פֿרעמדע מענשען די פֿאָטאָגראַפֿיע און

דערצעהלען זיי די גאַנצע טרויעריגע געשיכטע. אַלע קוקען אויף מיר מיט מיטלייד. אַ הויך יונג מיידעל נעהמט ניט אַראָב פֿון מיר איהרע טרוימערישע, שעהנע אויגען.

צוליעב דעם קאָניאַק טרינק איך נאָך אַ קאַפֿע, און די פֿוהרלייט טרינקען אויך עטליכע מאָל מיט מיר. די פֿרעמדע לייט האַלטען אויך מיט, שאָקלען צו מיט די קעפּ און הויבען אויף זייערע גלעזער.

מיט אַמאָל קומט דאָס הויכע יונגע מיידעל צו צו מיר, נעהמט אַרויס צוויי רויזען פֿון איהר גאַרטעל און דערלאַנגט זיי מיר. די אַנדערע זיצען און קוקען. איך שטעה אויף אַ צוטומעלטער און בעדאַנק איהר ווי עס איז. זי נעהמט מיך אָן מיט ביידע הענד פֿאַר'ן קאָפּ, גיט מיר אַ קוש אין מויל און געהט זיך צוריק אַוועק אויף איהר פּלאַץ.

עס הערט זיך אַ צופֿריעדענעס מורמלען פֿון אַלעמען.

די רויזען האָט זי אַרומגעטראָגען מיט זיך די גאַנצע נאַכט, און זיי זיינען דערום שוין געווען אַביסעל פֿערוויאַנעט, אָבער נאָך גרויס און דונקעלרויט. איך האָב זיי געוואָלט אָנשפּילען אָן מיין ראָק און האָב געזוכט אַ שפּילקע. אַלע ווילען מיר העלפֿען. מיין לאַגע האָט די דאָזיגע מענשען אַזוי פֿעראינטערעסירט, אַז זיי זיינען מיט אַמאָל געוואָרען מיינע בעסטע פֿריינד. איין קוטשער פֿרעגט, וואו איך וואוין, און באָט זיך אָן, מיך אָבצופֿיהרען אַהיים אין זיין וואָגען אומזיסט. איך וויל דערפֿאַר בעצאָהלען אין קאַפֿע־הויז פֿאַר אַלעמען, נאָר זיי פּראָטעסטירען, מאַכען מיט די הענד. זיי זיינען זעהר געריהרט, בעגלייטען מיך אַרויס און שרייען מיר נאָך „אַדיע", אַזוי לאַנג ווי זיי קענען מיך זעהן:

„אַדיע, מיין הערר! אַ דאַנק, מיין הערר!"

IV

אַ מאַן שטעהט ביים ווינקעל פֿון'ם „בולוואַר סען מישעל" און „רי דע וואָזשיראַר". ער איז אַ הינקעדיגער. ער פֿערקויפֿט בלייפֿעדערס. אָט דער מאַן רופֿט ניט אויס זיין וואַארע, ער זאָגט קיין וואָרט ניט, הגם ער וויל גערן מאַכען געשעפֿטען. מילא, קויף איך איין פֿריהמאָרגען ביי איהם אַ בלייפֿעדער; ער זאָגט אויך איצט קיין וואָרט ניט, אויסער זיין געוועהנליכען: „אַ דאַנק, מיין הערר!"

אויף מאָרגען אין דערפֿריה קויף איך ווידער אַ בלייפֿעדער.

„אַ דאַנק, מיין הערר!"

נו קויף איך דריי וואָכען נאָכאַנאַנד יעדען טאָג אַ בלייפעדער. דער מאַן האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו מיר, אַז ער פלעגט מיר שוין אַנט־קעגענטראָגען די בלייפעדער, אַזוי גיך ווי ער האָט מיך נור דערזעהן פון וויטען, יאָ, ער פלעגט זיך זאָגאַר נעהמען די מיה, מיר אויסצוזוכען די בעסטע, וואָס ער האָט גראָד געהאַט. אָבער ער האָט מיר אַלץ קיין איין איבעריג וואָרט ניט געזאָגט, נור:

„אַ דאַנק, מיין העדר!"

ענדליך איין טאָג זאָגט ער:

„עס פרעהט מיך, מיין העדר, וואָס איהר האָט גראָד ביי מיר געפונען אַ בלייפעדער, וועלכע געפעלט אייך אַזוי שטאַרק."

דאָ האָב איך שוין געהאַט געקויפט ביי איהם איין און צוואַנציג בלייפעדערס.

V

איין אָבענד זיץ איך אין אַ גרויסען רעסטאָראַן און קוק אַריין אין אילוסטרירטע בלעטער. פלוצלינג מאַכט זיך אויף די טהיר, און אַ דאַמע קומט אַריין מיט געראויש אין לאָקאַל. זי בלייבט אַ רגע שטעהן אין מיטען זאַאל און קוקט זיך אום. זי איז אויסערגעוועהנליך שעהן, ווירקליך אויסערגעוועהנליך שעהן, אָבער זי האָט רויט־געפאַרבטע האָר ווי אַ קאָקעטקע און איהר בענעהמונג איז אַביסעל העזה'דיג.

זי דרעהט זיך אום צו מיר און זאָגט:

„זייט אַזוי פריינדליך, און געהט אַרויס און בעצאָהלט מיין וואָגען!"

איך זיץ אויף קיין פאַל ניט נאָהענט צו איהר, אָבער זי ווענדט זיך גראָד צו מיר. איך ביים צונויף די ליפען, רוף צו דעם קעלנער און זאָג:

„געהט אַרויס און בעצאָהלט פאַר דעם וואָגען פון דער דאַמע!"

דערביי גיב איך איהם אַ וואָרף אַ צוואַנציג־פראַנק־שטיק.

די דאַמע האָט מיך אָבגעמאָסטען פון קאָפ ביז די פיס מיט ער־שטוינונג.

אָהן אַסך צערעמאָניעס זעץ איך זיך צוריק ווי געווען אויף מיין פלאַץ, קוק ווידער אַריין אין מיינע אילוסטרירטע בלעטער און איך בין אויסער זיך פאַר פרייד, וואָס איך האָב דער דאַמע געגעבען אַ לעקציע.

זי זעצט זיך אַנידער ביי אַן אַנדער טיש. דער קעלנער קומט אַריין, גיט איהר איבער דאָס געלד, וואָס ער האָט צוריקגעקריגען, בעקומט אַ

פראַנק טרינק-געלד, פערנייגט זיך און געהט אַוועק. דער רעסט פון'ם געלד בלייבט ליגען לעבען איהר.

דאָ קומט אַריין אין רעסטאָראַן אַ מאַן, וועמען זי קען, און זי ווינקט איהם אָב צו זיך. זיי ריידען צווישען זיך, זי דערצעהלט איהם וועגען דער אונהעפליכקייט, וואָס איך האָב בעגאַנגען, אַרויסשיקענדיג דעם קעלנער, וועזט אויף'ן געלד, וואָס ליגט אויף'ן טיש, שאָקעלט שטאַרק מיט'ן קאָפּ און ציהט מיט די פלייצעס.

דער מאַן שיקט צו מיר צו אַ קעלנער מיט אַ צוואַנציג-פראַנק-שטיק; איך נעהם עס גאַנץ רוהיג צו און לייג עס אַריין צו מיר אין דער וועסט-קעשענע.

דאָ קומט די דאַמע אַליין צו צו מיר. מיין עקשנות רייצט זי, זי וויל האָבען דאָס לעצטע וואָרט.

„האָט איהר צוריקגעקריגען אייער געלד?" פרעגט זי.

„יאָ, אַ דאַנק," ענטפער איך פערוואונדערט.

„איך האָב, פערשטעהט איהר מיך, אַנטליהען ביי דעם הערר דאָ אַ לואי ד'אָר," זאָגט זי צו מיין שכן. און זי ערקלעהרט ווידער אַמאָל, ווי אַזוי איך האָב דאָן געהאַנדעלט און אַז איך האָב אַרויסגעשיקט דעם קעלנער. זי ווענדעט זיך אַלץ צו מעהר און מעהר מענשען; אָט אַפנים איך האָב זי טיעף געקריינקט, און זי זוכט נאָך דער רייה נאָך אַרויס-צורופען סימפּאַטיע ביי אַלע טישען אין זאַאל. מען הויבט איבעראַל אָן צו ריידען מכח דער פּאַסירונג. איך הער דאָס וואָרט „אויסלענדער"; אַלע נעהמען זיך אָן פאַר דער דאַמע.

בעת דאָס אַלעס קומט פאָר, זיץ איך גאַנץ שטום. וואָס זשע, זאָל איך מיט מיין אָרעמען טויץ פראַנצויזישע ווערטער פּרוּווען זיך פער-ענטפערן? איך וואָלט זיך בלויז לעכערליך געמאַכט און וואָלט נאָך דערצו רוזיקירט, אַרויסגעוואָרפען צו ווערן. איך הער זיך אַלזאָ שטיל-שווייגענדיג צו צו אַלצדינג.

„אַרויס מיט איהם!" דערהערט זיך מיט אַמאָל אַ שטימע הינטען פון זאַאל.

„אַרויס מיט איהם!" הילכט עס אָב צוריק פון פאָרענט.

איך גיב אַ וואונק צום קעלנער און בעצאָהל וואָס פון מיר קומט.

נאָכדעם ווי דאָס איז געשעהן, בלייב איך רוהיג זיצען.

אַרום מיר ווערט דאָס גערייד אַלץ היציגער.

אין דער רגע מאַכט זיך די טהיר ווידער אויף, און אַ מאַן, וועמען איך קען, קומט אַריין. ס'איז דאָקטאָר גאָלדמאַן, דער קאָרעספּאָנדענט

פֿון דער „פֿראַנקפֿורטער צייטונג". ער זעצט זיך ביי מיין טישעל און וויל וויסען, וואָס דאָ איז געשעהן. איך עקלעהר איהם מיט עטליכע קורצע ווערטער די גאַנצע סיטואַציע, און ער טהיילט מיר מיט, אַז די דאַמע איז די בעקאַנטע מאַדמואַזעל ג. און ער געהט צו צו איהר, און האַלטענדיג דעם הוט אין דער האַנד רעדט ער מיט איהר עטליכע פֿריינדליכע ווערטער.

גלייך אויף'ן שטעל הערט דער שטורם אויף. דער דאָקטאָר און איך טרינקען צוזאַמען אַ גלאָז; די געסט, וואָס זיצען אַרום אונז, הויבען מיך אָן בעטראַכטען מיט פֿריינדליכע בליקען. אַ מאַן פֿרעגט דעם דאָקטאָר:

„וואָס פֿאַר אַ לאַנדסמאַן איז אייער פֿריינד?"

און דער דאָקטאָר ענטפֿערט:

„אַ רוס!"

„אַ רוס — אַ רוס!" שעפּטשעט עס איבער'ן גאַנצען זאַאל.

איך בין געראַטעוועט.

איידער איך בין אַוועק פֿון רעסטאָראַן, האָב איך פֿון מאַדמואַזעל ג. געקריגען אַ בוקעט בלומען.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט מען מיך אין אַ שיס-פּאַוויליאָן ווי-דער דערקענט אַלס „רוס". און כאָטש איך האָב שרעקליך שלעכט געשאָסען, האָט מען הויך אויף'ן קול געשריען בראַוואָ, ווען איך האָב צופֿעליג געהאַט אַזויפֿיעל גליק, וויינינגסטענס צו טרעפֿען אין די שייבלאַך.

VI

וואו איז די פֿרוי? — Où est la femme?

איבעראַל. אין דער געשיכטע פֿון דעם דאָזיגען פֿאָלק, אין האַרצען פֿון יעדען מאַן, אין זייער ליטעראַטור. אָך, אָט די לאַנגוויילינגע און אַלט-מאָדישע ליטעראַטור, עס געהט צוריק דערמיט. איינמאָל, אין אַ קריטישען מאָמענט, איז דער קריגס-פֿיהרער פֿון דעם דאָזיגען פֿאָלק געוועזען אַ פֿרוי. די סאָלדאַטען האָבען איהר געפֿאָלגט, און זי האָט גע-זיעגט. אויך איצט ווערט דאָס פֿאָלק געפֿיהרט פֿון דער פֿרוי, זי זיצט הויך אויף'ן פֿערד און הערשט איבער אַלעמען. און דאָס פֿערד שטעלט זיך דיבאָם און געהט הינטערוויילאַכס, צוריק, און דאָס פֿאָלק פֿאָלגט און געהט אויך צוריק, צוריק. אומזיסט שטעלט מען אַרוים פּרעמיעס פֿאַר קינדער-געבורטען, אומזיסט אַרבייט אַ סענאַטאָר בעראַנזשע געגען

פֿערדאָרבענהייט און אונמאָראַליטעט; דער „אַבסענט" און די אויסגעלאַסענקייט זיעגען. די אַלטע אָנשוויאונגען ווערן פֿאָלשטענדיג אום- און אומגעקעהרט, מען ווייסט מעהר פֿון קיין מאָס ניט און קיין זאַך, קיין זאַך איז ניט קיין שאַנדע. שוין אין דער צייט פֿון דער גרויסער רעוואָלוציאָן האָבען זיך די בעגריפֿען געענדערט. דאָס געזעץ האָט פֿערבאָטען צו גיליאָטינירען שוואַנגערע ווייבער, און אָרעמע פֿרויען, אַזוי ווי אַריסטאָקראַטישע דאַמען, האָבען זיך אין די געפֿענגניסען גאָר אָהן צערעמאָניעס אָבגעגעבען צו ווערען עס זאָל ניט זיין, אום פֿון איהם שוואַנגער צו ווערן.

אין אונצעהליגע שיינקען סערווירען יונגע מיידלאַך. די אויפֿגאַבע פֿון די דאָזיגע מיידלאַך בעשטעהט אָבער דער עיקר אין דעם, אַרומצוגעהן אין גאַס און אַריינציהען מענער אין לאָקאַל. זונטאָג קומט די מוטער פֿון'ם יונגען מיידעל און בעזוכט די טאָכטער; זי איז שטאָלץ מיט איהר קינד, וואָס פֿערדיענט אַזויפֿיעל געלד, און געהט מיט איהר שפּאַצירען. און איהר ברודער, וועלכער איז אַ סאָלדאַט, בענוצט זיין פֿרייע צייט אָבצושטאַטען זיין שוועסטער אַ וויזיט. ער טרעפֿט זי צוזאַמען מיט אַן אָפֿיציר, זיין אייגענעם לייטענאַנט אָדער קאַפּיטאַן, און דער יונגער סאָלדאַט בעגריסט זעהר שטאַרק געשמייכעלט זיין עלצטען און טראַכט זיך ביי זיך: וואָס פֿאַר אַ פֿיינע דאַמע מיין שוועסטער איז דאָס אַבּיסעל געוואָרען; זי טראָגט זיידענע קליידער און לאַקירטע שיך און פֿערקעהרט מיט מיין אייגענעם לייטענאַנט!

דריי יאָהר צייט האָב איך דאָס אַלעס געהאַט פֿאַר מיינע אויגען.

אין „לאַטיינישען קוואַרטאַל" זעהט מען ניט זעלטען, ווי יונגע מיידלאַך, די געליעבטע פֿון סטודענטען, קומען מיט זייערע זויג-קינדער אויף די אָרעמס אין די שיינקען. און קיינער, קיינער ערגערט זיך ניט דעריבער, אין געגענטהייל, אַלע אינטערעסירען זיך מיט זיי, מאַכען פֿאַר זיי פּלאַץ. ס'איז פֿילייכט אַ שעהנער מנהג און ווייזט, אַז די מענשען האָבען ניט קיין פֿאָראורטהיילען; גוט! אָבער די אַמאָליגע בעגריפֿען זיינען איבערגעקעהרט מיט'ן קאָפּ אַראָב.

אין אַ פּראַכטפֿולען זומער-אָבענד האָב איך געזעהן אַ בילד: אַ פּאָר'ל, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון אַ רעסטאָראַן. דער העדר, אַן אָפֿיציר, האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פֿיס און איז געוועזן זעהר פֿרעהליך, זיין מונדיר אין אַזאַ שלעכטען צושטאַנד, ווי נור מעגליך; דעם שווערד האָט ער געטראָגען אויף דער רעכטער זייט. אַך, אָט דער לייטענאַנט! זיין מיידעל, וואָס איז מיט איהם געזעסען אין רעסטאָראַן,

האָט איהם אין איהר צולאָזענקיים אָבגעשניטען די קנעפּ פון׳ם מונדיר און דעם שווערד האָט זי איהם אָנגעטשעפּעט אויף דער רעכטער זייט. מילא, געהט ער אַזוי אין דעם דאָזיגען צושטאַנד, זינגענדיג און פאַלענדיג פון די פיס, אויף דער גאַס. און קיינער ערגערט זיך ניט דעריבער.

ביי דער אויסריכטונג פון דער פראַנצויזישער אַרמעע האָט דאָך ניט געפעהלט קיין קנאָפּ — ניט אַזוי האָט מען אַמאָל געזאָגט?

Où est la femme? — וואו איז די פרוי? איבעראַל. צייטענווייז מוזען אָט די מענשען אָננעהמען בעשטימטע מאַסרעגלען, כדי ווייניג־סטענס צו קענען רוהיג אָבעסען אין רעכטען מיטען פון דעם דאָזיגען פרויען־ספּעקטאַקעל: אין געווייסע גרויסע רעסטאָראַנען, מוזען די קעל־נערינס בריינגען אַ צייגניס, אַז זיי זיינען עלטער ווי 30 יאָהר; אַנדערש קענען זיי ניט ווערען אָנגעשטעלט. מען נעהמט אָן — איבעריגענס על פי טעות — אַז אין דעם עלטער וועלען זיי זיך פערהאַלטען רוהיגער מיט די געסט און די געסט מיט זיי.

VII

נאַכטמאָהל ביי דער קאָקעטקע, מאַדמואַזעל פ.

די מוטער איהרע שטאַמט פון נאָרמאַנדיע, און זי האָט געמאַכט די ווייטע רייזע און איז געקומען קיין פּאַריז צו איהר טאָכטער צו גאַסט. די יונגע דאַמע וויל אויפנעהמען איהר מוטער אויף׳ן שעהנסטען אופן און אין דערזעלבער צייט איהר אויך ווייזען, מיט וואָס פאַר גרויסאַרטיגע הערען זי איז בעקאַנט; זי לאַדעט זיי אַלזאָ אַלע איין צום נאַכטמאָהל.

עס זיינען דאָרט געווען פון אַכט ביז צעהן געסט, צווישען זיי אַ זעהר רייכער מאָסיע ר., דער מאַדמואַזעל׳ס ליעבהאָבער.

אין מיטען עסען רוימט די יונגע בעל הבית׳טע איהר קאַוואַליער איין אַ סוד אין אויער:

„קוקט זיך אַרום אויף מיין מוטער; אונטערהאַלט זי אַביסעל!"

אָבער די פערציג יעהריגע פרוי האָט ניט געוואַרט מען זאָל זיך אויף איהר אומקוקען. זי סוד׳עט זיך שוין מיט איהר שכן, איהר טאָכ־טער׳ס ליובאָווניק. עס געהט פערביי אַ קורצע ווייל. דאָס גוטע עסען און דער וויין הויבען אָן צו ווירקען, און זי זאָגט אַרוים גאַנץ הויך, אַז עס איז גאָר גרויסאַרטיג אין פּאַריז! זי האָט אַ ברייט מויל און אַן אויפגעשפּיצטע נאָז — אַן אמת געזיכט פון אַ גאַסען־פרוי. זי ווערט וואָס ווייטער אַלץ לוסטיגער, זי אונטערהאַלט זיך מיט מאָסיע ר., קלאַפּט

איהם אויף'ן אַקסעל, שפּאַרט זיך אָן אָן איהם און שרייט אַריבער צו דער טאָכטער אויף דער אַנדער זייט טיש:

„מיינסט אַפנים, אַז איך בין שוין גאָר אַן אַלטע כלי, האַ?"

דערויף מאַכט מאַסיע ר. גאַנץ העפליך אַ בעמערקונג:

„ניין, מאַדאַם; זיכער ניט. איהר קענט נאָך מאַנכע יונגע דאַמען אויסשאָקלען פון אַרבעל!"

איצט ווערט די טאָכטער אייפערזיכטיג. מען האָט געקענט בעמערקען, ווי זי וויל אויף אַן אַנשטענדיגען אופן בעפרייען איהר ליעבהאָבער פון דער מוטער. נאָר דאָס גיט זיך איהר ניט איין, ווייל מאָסיע ר. האָט גאָר קיין חשק ניט אַוועקצואוואַרפען די אַלטע. דאַן ווערט מאַדמואַזעל פ. בלייך ווי קאַלך, און מיט בעס שרייט זי אויס:

„מענסט זיך שעהמען, מאַמאַ!"

אָבער די מאַמאַ האָט זיך ניט געשעהמט; ניין, דאָס איז די צרה געוועזן וואָס זי האָט קיין שום בושה ניט געהאַט. די קרעפטיגע פויערטע קומט אַראָב פון לאַנד, פון גאַנץ ווייט, און ווערט מיט אַמאָל ווידער יונג. מיט אַ פרעכען געלעכטער שרייט זי אויס צו איהר טאָכטער:

„שטעל זיך פאָר, עמיליען, אַ „לואי ד'אָר" באָט ער מיר, אַ גאַנצען צוואַנציג-פראַנק-שטיק. ער מוז זיין זעהר רייך דיין פריינד!"

מעהר קען זיך די טאָכטער שוין ניט איינהאַלטען. זי ווערט בלאַס ווי דער טויט פאַר אייפערזוכט און צושרייט זיך אויף'ן קול:

„טראָגט זיך אָב פון דאַנען, איהר ביידע! אַרויס פון מיין שטוב!"

זי כאַפּט זיך אויף פון שטוהל און מיט בעס גיט זי אַ הויב דעם טיש.

מאָסיע ר. זוכט איהר איבערצובעטען; זיי שושקען זיך אַ ווײַלע. די מאַכטער בערוהיגט זיך, און עס ווייזט אויס, אַז זי האָט זיי פערצייהט.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך מאָסיע ר. ווידער צונויפגעטראָפען מיט דער פויערטע. זיי האָבען אפילו ניט אָבגעוואַרט ביז וואַנען די איבעריגע געסט זיינען אַוועק, נאָר אין דער שטיל האָבען זיי זיך אַרויסגע'גנב'עט פון סאַלאָן.

און דאַן האָט אונזער יונגע בעל הבית'טע מיט אַמאָל געקראָגען קאָפּ-שמערצען, וועלכע האָבען זי געצוואונגען זיך גלייך איבערצוטהאָן און אַוועקפאָהרען — צום דאָקטאָר! — — — —

אַלעס איז דאָ צונויפגעמישט אינאיינעם: אויסגעלאַסענקייט, קאָרופּציאָן, טוגענד, שעהנקייט און קראַפט.

אין מיין פֿערלאַג זיינען ביז יעצט ערשיענען פֿאָלגענדע וויסענ־שאַפֿטליכע ווערק:

בערנשטיין'ס

נאַטור־וויסענשאַפֿטליכע פֿאָלקס־ביכער.

איבערזעצט פֿון דייטש, אונטער דער רעדאַקציאָן פֿון

א. פרומקין און מ. שפירא.

וועגען דער וויכטיגקייט פֿון דער נאַטור־וויסענשאַפֿט פֿאַר דעם מענשען איז איבעריג צו ריידען. די נאַטור־וויסענשאַפֿט נעהמט אַרום אַלעס אין אונז און אַרום אונז. זי בעשעפֿטיגט זיך מיט אַלע לעבעדיגע און ניט לעבעדיגע וועזענס און מיט די נאַטור־ערשיינונגען בכלל. זי ערקלעהרט אָדער פֿערזוכט צו ערקלעהרען אַלעס, וואָס רינגעלט אונז אַרום. מיט איין וואָרט, זי דרינגט דורך דעם גאַנצען אוניווערזום און סטאַרעט זיך צו עפֿענען פֿאַר אונז די טהירען אין די פֿערבאָרגענסטע וועלטען.

ניט אַלע קענען צוקומען צו די אונשעצבאַרע אוצרות פֿון דער ווי־סענשאַפֿט. די גרויסע מאַסע, וואָס אַרבייט שווער פֿאַר איהר שטיקעל ברויט, האָט ניט קיין צייט און קיין געלעגענהייט און קיין פֿעהיגקייט צו שטודירען די שווערע וויסענשאַפֿטליכע ווערקע פֿון די גרויסע פֿאָרשער. מהמת דעם האָבען זיך ביי יעדען פֿאָלק געפֿונען מענשען, וואָס האָבען געשאַפֿען נאַטור־וויסענשאַפֿטליכע פֿאָלקס־ביכער, גע־שריבען אין אַ לייכטער שפּראַך און אַ לייכטען סטיל, אַזוי אַז דער פּראָסטער עולם זאָל זיי פֿערשטעהן. די אויפֿגאַבע פֿון דיזער אונטער־נעהמונג איז צו שאַפֿען אַ פֿאָלשטענדיגע זאַמלונג פֿון פּאָפּולערע נאַטור־וויסענשאַפֿטליכע ביכער אין אידיש.

בערנשטיין'ס נאַטור־וויסענשאַפֿטליכע פֿאָלקס־ביכער האָבען ניט נור געמאַכט אַ גרויסען רושם אין דייטשלאַנד, וואו זיי זיינען פֿערפֿאַסט און איבערגעדרוקט געוואָרען אין פֿיעלע פֿער־בעסערטע אויפֿלאַגען, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, וואו מען האָט זיי איבערזעצט. זיי זיינען געשריבען אין אַן איינפֿאַכער שפּראַך, לייכט פֿערשטענדליך פֿאַר דעם איינפֿאַכסטען לעזער, און זיי נעהמען אַרום

אַלע נאַטור־וויסענשאַפֿטען, ווי פֿיזיק, כעמיע, אַסטראָנאָמיע, באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, א.א.וו. מיט איין וואָרט, אַלעס וואָס קען נור אַריינגענומען ווערן אין דער נאַטור־פֿאָרשונג. אַלעס ווערט ער־קלעהרט דייטליך און אילוסטרירט מיט בילדער, אַזוי אַז דער לעזער קען אָהן פֿיעל אָנשטרענגונג זיך בעקענען מיט די רעזולטאַטען פֿון דער נאַטור־פֿאָרשונג.

די איבערזעצונג ווערט געמאַכט פֿון דער לעצטער, פֿערבעסערטער און פֿערגרעסערטער אויפֿלאַגע. דאָס גאַנצע ווערק וועט ענטהאַלטען עטליכע און צוואַנציג טהיילען. יעדער טהייל בעהאַנדעלט אַ געוויסען צווייג פֿון די פֿערשיעדענע נאַטור־וויסענשאַפֿטען.

ביז איצט זיינען ערשיענען זעכצעהן טהיילען.

דער ערשטער טהייל ענטהאַלט בעלעהרענדע קאַפּיטלען איבער די געשווינדקייט פֿון די נאַטור־קרעפֿטען, די שווערקייט פֿון דער ערד, דאָס ליכט און די ווייטקייט; מכח דער וועטער־לעהרע; וועגען די בלו־מען און בליטהען, און אַן אינטערעסאַנטע אָבהאַנדלונג וועגען די נאַה־רונגס־מיטלען פֿאַר דאָס פֿאָלק, מכח דער ניצליכקייט און שעדליכקייט פֿון פֿערשיעדענע מאכלים און געטרענקע.

דיזער טהייל ענטהאַלט 122 זייטען, געדרוקט אויף פֿיין פּאַפּיר, מיט 26 ערקלעהרענדע אילוסטראַציאָנען.

דער צווייטער טהייל בעהאַנדעלט ווייטער די ערנעהרונג, ווי אַזוי די מאכלים ווערן פֿאַר אונז צוגעגרייט פֿון דער נאַטור, און ער ענטהאַלט אויך אַ רייה פֿון בעלעהרענדע קאַפּיטלען מכח דעם אינ־סטינקט פֿון די חיות, זייער זאָרג פֿאַר זיך און זייערע קינדער, דאָס לעבען פֿון די ביהנען, מוראַשקעס און טערמיטען, די הויז־טהיערען, מערקווירדיגעס איבער דעם הונד א.א.וו. — 96 זייטען מיט 9 אילו־סטראַציאָנען.

דער דריטער טהייל רעדט איבער די פֿערשיעדענע אָנציהונגס־קרעפֿטען, די אַטאָמען און זייער אָנציהונג און אָבשטויסונג; וועגען דעם מאַגנעט און זיין קראַפֿט, מכח דער עלעקטריציטעט, דעם עלעקטרישען פֿונק און דעם בליץ א.א.וו. — 106 זייטען מיט 15 אילוסטראַציאָנען.

פֿערטער טהייל: אינטערעסאַנטע און בעלעהרענדע קאַפּיטלען איבער גאַלוואַניזם, עלעקטריציטעט און מאַגנעטיזם, איבער דעם טעלע־גראַף, טעלעפֿאָן און פֿאָנאָגראַף. — 90 זייטען מיט 26 אילוסטראַציאָנען.

פינפטער טהייל: בעמיע און עלעקטריציטעט, זייער שייכות איינס צום אַנדערן; פערשיעדענע עקספּערימענטען וועגען דער גאַלוואַנישער פערזילבערונג און פערגאָלדונג און אַנדערע וויכטיגע בעלעהרונגען אין דער בעמיע. — 94 זייטען מיט 5 אילוסטראַציאָנען.

זעקסטער טהייל: די וויכטיגקייט פון דער כעמיע פאַר דאָס לעבען; בעלעהרענדע קאַפּיטלען וועגען זויער־שטאָף, שטיק־שטאָף, וואַסער־שטאָף א.א.וו.; וועגען קויהלען־זויערע, קויהל און דיאַמאַנט און אַנדערעס. — 68 זייטען מיט 4 בילדער.

זיבעטער טהייל: די לאַנדווירטשאַפטליכע כעמיע — ווי אַזוי די פּלאַנצען ווערן גענעהרט; די מיסטיגונג פון'ם פעלד; אינטערעסאַנטע קאַפּיטלען וועגען די פערוואַנדלונג פון קאַרטאָפעל אין צוקער, און פון אַלקאָהאָל אין עסיג; מכח בעדער און זייער ווירקונג, וואַרעמע און קאַלטע בעדער — ווען מען דאַרף זיי בענוצען — 100 זייטען מיט 6 אילוסטראַציאָנען.

אַכטער טהייל: מכח דער עלטער פון דער ערד; ווי אַזוי עס ענטשטעהען די בערג און די ים'ען; ברוין־קויהלען און בורשטין; די אייז־צייט; ווי לאַנג עס האָט גענומען דער ערד קאָרע זיך אָבצוקיהלען; וועגען קאָמעטען, פיקס־שטערען און טומאַנען. — מכח דער אַרומדרעהונג פון דער ערד; אינטערעסאַנטעס וועגען דעם זייגער. — מכח דער געשווינדקייט פון'ם ליכט, ווי זי איז אויסגעמאָסטען געוואָרען. — 130 זייטען מיט 58 מאַפּען און פערשיעדענע אילוסטראַציאָנען.

ניינטער טהייל: מכח דער ענטוויקלונג פון'ם טהיערישען לעבען; מכח דעם איי און דעם לעבען; וואָס שטעקט אייגענטליך אין'ם איי; דאָס הינדעלע איז איין טאָג אַלט; ווי דאָס הינדעלע מאַכט זיך רייזע־פאַרטיג פאַר דאָס לעבען. — מכח דעם היפּנאָטיזם; דאָס נאַכט־וואַנדלען; ווי אַזוי מען ברייננט צושטאַנד דעם היפּנאָטישען שלאָף; מכח דעם פערברעכערישען מיסברויך פון היפּנאָטיזם א.א.וו. — 114 זייטען מיט 15 אילוסטראַציאָנען.

צעהנטער טהייל: מכח דעם לעבען פון די פלאַנצען, חיות און מענשען; ווי אַזוי די פּלאַנצען וואַקסען; דאָס לעבען פון אַ בוים; דאָס רעטעניש פון לעבען און דאָס רעטעניש פון טויט; מכח דעם לעבען פון דער חיה; דער איבערגאַנג פון דער פלאַנצע צו דער טהיער־וועלט; די פעהיגקייט פון דער חיה'ם קערפּער זיך צו בעוועגען א.א.וו. — 142 זייטען מיט 21 אילוסטראַציאָנען.

עלפטער טהייל: מכח דעם לעבען פון די פלאַנצען, פון די חיות און פון די מענשען. II — דער שלאָף, די חלומות, דיינקען אין חלום; די שפראַך פון די מענשען; וואָס עס קומט פאָר אין מענשען'ס מוח בשעת'ן דיינקען; דער זכרון און דאָס דערמאָהנען זיך; דאָס פערגעסען אַלטע געדאַנקען און דאָס אַריינברייינגען נייע א.א.וו. — 86 זייטען מיט 6 אילוסטראַציאָנען.

צוועלפטער טהייל: מכח דעם לעבען פון די פלאַנצען, פון די חיות און פון די מענשען. III — איבער די ענטשטעהונג פון די דיינק־פאָרמען; די מאָראַל; קונסט; קערפער און גייסט; כאַראַקטער און טעמפעראַמענט; דאָס רעטעניש פון טויט; ווי אַזוי קערפער און גייסט שטאַרבט; ווי ווייניג דאָס האַרץ פיהלט דעם אמת, און ווי בלינד מען איז מיט זעהענדע אויגען; ווי אַזוי מיר אָטהעמען א.א.וו. — 110 זייטען מיט 1 אילוסטראַציאָן.

דרייצעהנטער טהייל: מכח דעם לעבען פון די פלאַנצען, פון די חיות און פון די מענשען. IV — אייניגע הויפט און נעבען־אומשטענדען ביי דער אַרבייט פון האַרץ; ווי שטאַרק דאָס האַרץ איז; דער בוי פון אויג; דער נערווען־טאַפעט; פאַרוואָס מיר זעהען ניט פערקעהרט; דער מענש ווי ער איז — און וואָס ער ערפינדעט; קליינע קרעפטען און גרויסע ווירקונגען א.א.וו. — 118 זייטען מיט 9 אילוסטראַציאָנען.

פערצעהנטער טהייל: דער צוגאַנג צו כעמישע עקספערימענטען פאַר אָנפאַנגער. — ווי אַזוי מען קען זיך מאַכען וואַסער־שטאָף־גאַז; ווי אַזוי מען קען אָנפילען אַ קליינעם לופט־באַלאָן; אייניגע עקספערימענטען מיט וואַסער־שטאָף, זויער־שטאָף, זילבער. — פראַקטישע הייצונג. — די וויסענשאַפט און די פראַקטיקע; דער צוג אין אויווען; לופט־טראַנספאָרט און אויוועך־קאָנצערט; די קוימען־פראַגע; די הייצונג און די געזונדהייט; דאָס קאָכען אין אויווען; הייץ־גאַז, אַ בליק אין די צוקונפט א.א.וו. — 154 זייטען מיט 8 אילוסטראַציאָנען.

פופצעהנטער טהייל: עטוואָס פון דער פאָלק'ס־ווירטשאַפט. פערלוירענע נאָדלען; פערשווענדונג פון שוועבעלאַך; עטוואָס מכח דעם בעדערפעניש אין שרייבען, קונסט און לעזען. — נאַטור־קראַפט און גייסטעס־קראַפט. — דאָס לייגען פון ערשטען קאַבעל אונטער דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן; מכח די אַסיריש־באַבילאָנישער קייל־שריפט —

מכח דעם ספּיריטיזם. — מכח דעם רוקען זיך און קלאַפּען פֿון טיש; די גייסטער־ערשיינונגען און גייסטער־פֿאָטאָגראַפֿיען; די אורזאַכע פֿון דער ספּיריטיסטישער בעוועגונג א.א.וו. — 152 זייטען.

זעכצעהנטער טהייל: די בעוועגונג אין זונען־סיסטעם. — ווי אַזוי די בעוועגונג פֿון די פּלאַנעטען ערשיינט אונז און ווי אַזוי זי איז אין דער ווירקליכקייט; מערקווירדיגער לויף פֿון דער לבנה; מכח מאַרס, יופּיטער, סאַטורן, אוראַנוס און נעפּטון. — אַ פֿאַנטאַזיע־רייזע אין דעם וועלט־אַל. — די אָבּרייזע; אויף דער סטאַנציע צווישען ערד און לבנה; די גרויס פֿון דער זונן; וואָס מיר קענען אַמאָל זעהן אויף'ן הימעל; ווי עס לעבט זיך אויף'ן יופּיטער; די בערעכענטע און ניט בערעכענטע קאָמעטען; וואָס איז פֿאָרגעקומען אין האַלעי'שען קאָמעט אין יאָהר 1835; שטערן־שנופּען (פֿאַלענדע שטערען) און מעטעאָרען. — די גרויס פֿון דער ערד־באַהן. — ווי אַזוי די ערד און די לבנה וואַנדלען אַרום דער זוהן; בעאָבאַכטונגען פֿון פּלאַנעט מאַרס אין יאָהר 1862; די גע־שווינדקייט פֿון'ם ליכט; ווי אַזוי מען קען מעסטען די גרעסטע רוימען דורך די קלענסטע צייט־טהיילכעלאַך א.א.וו. — 244 זייטען מיט 35 אילוסטראַציאָנען.

פּרייז פֿון 1־טען, 3־טען, 7־טען, 9־טען, 12־טען און 13־טען צו 10 פּענס, 20 סענט און 40 קאָפּיקעס.

דיטאָ 2־טען, 4־טען, 5־טען און 11־טען בוך צו 7½ פּ., 15 סענט, 30 קאָפּ.

דיטאָ 8־טען, 10־טען, 14־טען, 15־טען בוך צו 1 שיל., 25 סענט, 50 קאָפּ.

דיטאָ 6־טער בוך 5 פּענס, 10 סענט און 20 קאָפּיקעס.

דיטאָ 16־טער בוך; 2 שיל.; 50 סענט; 1 רובל.

די ערשטע צוויי ביכער אין אַ מאָדערנעם ענגלישען באַנד, פּרייז 2 שיל., 50 סענט און 1 רובל.

די ביכער 3 און 4 אין אַ מאָדערנעם ענגלישען באַנד, פּרייז 2 שילינג, 50 סענט און 1 רובל.

די ביכער 5, 6 און 7, 8 און 9, 10 און 11 אויך 12 און 13 אין אַ מאָדערנעם ענגלישען באַנד פּרייז 2/6, 60 סענט און 1 רובל 25 קאָפּיקעס. טהיילען 14 און 15; 16; געבונדען אין אַ מאָדערנעם ענגלישען באַנד פּרייז 3 שיל., 75 סענט און 1 רוב. 50 קאָפּ.

עס דרוקט זיך און וועט אין גיכען ערשיינען

דער זיבעצעהנטער טהייל

פֿון

בערנשטיין'ס . .

נאטור־וויסענשאפֿטליכע פֿאלקס־ביכער . .

מיט פאלגענדע אינטערעסאנטע קאפיטלען:

די אָנשטעקענדע קראַנקהייטען און די באַקטעריען; קאָך'ס מעטהאָדע צו היילען שווינדזוכט; פֿערזוך צו היילען דעם דיפֿטיריט — די פֿלאַנצענוועלט אַמאַל און היינט; איז די ערד תמיד געווען בעלעבט פֿון לעבעדיגע ברואים?; די עלטסטע פֿלאַנצען; ענטשטעהונג פֿון די שטיין־קויהלען. — די ספעקטראַל אַנאַליזיע און די פֿיקס־שטערן־וועלט; וואָסערע שטאָפֿען קומען פֿאָר אויף דער זוהן?; בעוועגט זיך די זוהן; דאָס שטערנבילד פֿון אָריאָן; די אונענדליכקייט אין רוים און צייט; נייע שטערען און נאָך אַנדערע פֿיעלע וויכטיגע קאַפּיטלען.

פרייז: 1 שיל.; 25 סענט; 50 קאָפּ.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען צו:

L. FRIEDMAN, Publisher, Printer & Bookseller,

1, Vallance Road, Whitechapel, LONDON, E.

— פֿארמא פריי. —